STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11287

DI SHEYNKAYT FUN YOM TEV

Menahem Mendl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

דִי שֵׁיינְקַייט פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת

צוּזַאמֶענְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן בֶּעאַרְבֶּעט
פוּן
מְנַחֵם מֶנְדְל

יְרוּשָׁלַיִם ה'תשמ"ט

די
שײנקײט פון יום טוב

כל הזכויות שמורות לעורך ומו"ל
מנחם מנדל

©
All rights reserved
Jervselem, Israel

נדפס בארץ ישראל
printed in Israel

אִינְהַאלְט

עֶרְשְׁטֶער קַאפִּיטְל: נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע ה — נד

נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע ז

אַ תִּיקוּן אִין לֵיל שָׁבוּעוֹת... כז

דָאס גֶעוויין פוּן קִינְד מ

צְוֵוייטֶער קַאפִּיטְל: לֵיל שָׁבוּעוֹת נה — קיב

תִּקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת נז

דֶער גְרוֹיסֶער שָׁבוּעוֹת סא

אַ גְלִיקְלִיכֶע נַאכְט עא

שָׁבוּעוֹת אִין לוּבְּלִין עח

דִי גֶעשְׁלָאסֶענֶע שוּתָּפוּת פז

נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען... צה

אַ שָׁבוּעוֹת נַאכְט אִין יְשִׁיבָה קד

דְרִיטֶער קַאפִּיטְל: אַקְדָמוּת מִלִּין קיג — קמח

אִין גֶערַאנְגְל מִיט דֶער טוּמְאָה קטו

דֶער פִּיוּט פוּן אַקְדָמוּת קלד

"אוֹרַיְיתָא" נִישְׁט "לַייפְּצִיג" קמג

פערטער קאפיטל: תחתונים עלזו קמט — קצו
אין זכות פון די מצוה קנא
צוזאמען מיטן עולם קסג
געהײלט מיט װערטער קעב
די עשרת הדברות קעז
א בלבול אויפן "תיקון שבועות" קפז
פינפטער קאפיטל: ובאו כולם קצז — רמ
דער לעצטער טאג פון דוד המלך קצט
דער שבועות אין זידיטשוב רט
דער הײליגער מארטירער ריז
זעקסטער קאפיטל: מתן תורתינו רמא — שכ
א שבועות אין צאנז רמג
שבועות ביים "חפץ חיים" זצ"ל רנד
מעמד הר סיני רסח
דער געדאנק פון די גראז רעז
די שבועות'דיגע קרעפלאך... רפד
עליונים ששו ותחתונים עלזו רפח
דערצײלן פאר די קינדער רצב
א סיום הש"ס שג

עֶרְשְׁטֶער קַאפִּיטְל: **נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע**

נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע

אַ תִּיקוּן אִין לֵיל שָׁבוּעוֹת...

דָאס גֶעוויין פון קִינְד

די
שײנקײט פון יום טוב

ו



נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע

צְוֵויי וָואכְן פַאר פּוּרִים אִיז בֶּערֶעלֶע אַהֵיים גֶעקוּמֶען פוּן דֶער יְשִׁיבָה. וָואס אִיז גֶעשֶׁעהְן? נוּ, נִישְׁט גֶעזוּנְד. פַארְן קוּמֶען הָאט בֶּערֶעלֶע גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ דִי עֶלְטֶערְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְד אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט עֶר זָאל אַהֵיימְפָארְן.

ווי שְׁטֵייט אִין דִי סְפָרִים? דֶער גוּף הָאט מַחֲלוֹת אוּן דִי נְשָׁמָה הָאט מַחֲלוֹת. וֶוער עֶס וֵוייס פוּן דֶעם, דֶער וֶועט נִישְׁט זָאגְן אַז בֶּערֶעלֶע הָאט לִיגְן גֶעזָאגְט. חַס וְשָׁלוֹם, קֵיין אֵיין וָוארְט לִיגְן. בֶּערֶעלֶע אִיז טַאקֶע קְרַאנְק גֶעוָוארְן. אַ דָאקְטֶער וָואס אִיז אַ סְפֶּעצִיאַלִיסְט אוֹיף אַזֶעלְכֶע קְרֵיינְק הָאט אִיהם, מִיט גֶעדוּלְד אוּן אִיבֶּערְגֶעבְּנְהַייט, בַּאהַאנְדְלְט. אָבֶער דִי מַחֲלָה אִיז נִישְׁט פַארְטְרִיבְּן גֶעוָוארְן. זִי הָאט וַוייטֶער גֶענֶעסְטֶעט אוּן גֶעוָוארְצְלְט זִיךְ. דַאן הָאט דֶער דָאקְטֶער גֶעזָאגְט

צו איהם: בערל, פאהר אהיים, דיין מחלה איז א קלעפּיגע. זאלן אנדערע נישט אנגעשטעקט ווערן.

בערעלעס עלטערן האבן, מסתמא, געוואוסט וואס עס שטייט אין די ספרים, דאך איז זיי נישט איינגעפאלן אז זייער ליבער בערעלע רעדט וועגן נשמה־מחלות. מיט ליכטיגע געזיכטער פוהל מיט אמתע עלטערן זארג האבן זיי איהם אויפגענומען ביי זיין אנקומען, און די מוטער האט איהר גאנצע הארץ און קאפּ אריינגעלייגט אין צוריקברייענגען איהר נחת'דיג קינד צום גוטן געזונד.

עס האט נישט לאנג געדויערט, איינצעגע טעג בלויז, און זי האט דערשפירט אז עפּעס איז דא נישט אין ארדענונג. ער איז נישט געזונד? עס זעהט נישט אויס. אבער דאך — ווער קען פיהלן יענעמס פיהלונג? אבער פארוואס נעמט ער נישט קיין גמרא אין האנד? מען האט דאך איהם קיינמאל נישט געקענט אפּרייסן פון דער גמרא? וויפל מאל איז זי אליין אראפּ פון בעט אינמיטן דער נאכט אויסצולעשן דאס ליכט כדי ער זאל גיין שלאפן — און יעצט, וואס איז געשעהן? עפּעס ווי די גמרא וואלט איהם אינגאנצן פרעמד

גֶעוָוארְן.

זִי פְרֶעגְט אִיהם, זִי זָאגְט: בֶּערֶעלֶע, פַארְוָואס לֶערְנְסְטוּ נִישְׁט? בֶּערְל נֶעם אַ גְמָרָא אוּן לֶערְן! בֶּערְל עֶנְטְפֶערְט: אִיךְ דַארְף רוּהֶען!...

זִי נֶעמְט אָן דֶעם תֵּירוּץ. וֶוער קֶען וִויסְן יֶענֶעמְס גֶעפִיהלְן, אֶפְשֶׁר דַארְף עֶר טַאקֶע אוֹיסְרוּהֶען זִיךְ. אָבֶּער וָואס זֶעהט זִי? עֶר לִיגְט שָׁעָה'ן לַאנְג אִין זַיין בֶּעט אוּן לֵייעֶנְט בִּיכְלַאךְ. זִי וֵוייסְט נִישְׁט וָואס פַאר אַ בִּיכְלַאךְ דָאס זַיינֶען — אָבֶּער פַארְוָואס בַּאהַאלְט עֶר דָאס אוֹיס? אוּן אוֹיב מֶען קֶען לֵייעֶנֶען בִּיכְלַאךְ שָׁעָה'ן לַאנְג נָאכַאנַאנְד — פַארְוָואס קֶען מֶען נִישְׁט נֶעמֶען אַ גְמָרָא אִין הַאנְד? עֶס לֵייגְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְן שֵׂכֶל אַז דִי גְמָרָא שַׁאדְט צוּם גֶעזוּנְד מֶער וִוי בִּיכְלַאךְ. נֵיין, עֶפֶּעס אִיז דָא נִישְׁט אִין אָרְדֶענוּנְג.

עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאט זִי גֶעטְרָאגְן דֶעם וֵוייטַאגְלִיכְן פַארְדַאכְט אִין הַארְצְן. אָבֶּער וִוי לַאנְג קֶען מֶען דָאס פַארְטְרָאגְן? אוּן אֶפְשֶׁר דַארְף מֶען טַאקֶע עֶפֶּעס טְהוּן צוּ דֶעם? הָאט זִי בַּאשְׁלָאסְן צוּ רֵיידְן וֶועגְן דֶעם מִיט אִיהר מַאן. עֶר אִיז דֶער פָּאטֶער דַארְף עֶר וִויסְן וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ מִיט זַיין

בֶערֶעלֶען — און גְרָאד אִין דִי טֶעג אִיז עֶר גֶעשֶׁעפְּטְלִיךְ זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען. פוּן אִין דֶערְפְרִי פַארְלָאזְט עֶר דָאס הוֹיז בִיז שְׁפֶּעט אִין אָוְונְד און וַוייס גָארְנִישְׁט וָואס בֶערֶעלֶע טְהוּט. עֶר טְרַאכְט זִיךְ גֶעוִוויס אַז עֶר אִיז אָנְגֶעקְלֶעפְּט אִין דִי גְמָרָא, ווִי שְׁטֶענְדִיג.

— בָּרוּךְ — הַאלְט זִי אִיהם אָפּ וֶוען עֶר שְׁטֵייט שׁוֹין בַּיים טְהִיר נָאךְ אַ אֵיילִיגְן פְרִישְׁטִיג — אִיךְ דַארְף דִיר עֶפֶּעס זָאגְן. בֶערֶעלֶע אִיז נִישְׁט גֶעזוּנְד. אַזוֹי זָאגְט עֶר. אָבֶער אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס מִיט אִיהם אִיז.

— דוּ וֵוייסְט נִישְׁט? — זָאגְט רַבִּי בָּרוּךְ און אִין יֶעדְן וָוארְט שְׁפִּירְט זִיךְ וֵוייטָאג און צָארְן — אִיךְ וֶועל דִיר זָאגְן. עֶר אִיז קְרַאנְק אוֹיפְן וֶועלֶער. עֶר ווִיל נִישְׁט לֶערְנֶען. דָאס אַלְץ. אוֹיסֶער דֶעם קֵיין זַאךְ נִישְׁט.

— דוּ הָאסְט עֶס אוֹיךְ גֶעמֶערְקְט? — פְרֶעגְט זִי מִיט שְׁטוֹינוּנְג — בִּיזְט דָאךְ גַאנְצֶע טֶעג אוֹיסֶערְן הוֹיז.

— אַזוֹינֶע זַאכְן זֶעהט מֶען אֲפִילוּ אִין דֶער

פִינְסְטֶער. בַּיים עֶרְשְׁטְן "שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם" הָאבּ אִיךְ דָאס גֶעזֶעהן. אָבֶער וָואס טְהוּט מֶען צוּ דֶעם?

אַ טִיפֶער קְרֶעכְץ בַּאגְלֵייט זַיינֶע רֵייד.

— דַארְפְסְט רֶעדְן מִיט אִיהם — פְּרוּבְט זִי אִיהם עֵצָה'עְן.

אַ בִּיטֶערֶער שְׁמֵייכְל בַּאוַוייזְט זִיךְ אוֹיף זַיין גֶעזִיכְט:

— אַ גוּטֶע עֵצָה. אַ לַייכְטֶער מִיטְל. קֶענְסְט נִישְׁט אוּנְזֶער בֶּערֶעלֶען? עֶר אִיז אַ עַקְשָׁן ווִי אַ ווִילְדֶער פֶערְד. רֵיידְן אִיז גָארְנִישְׁט װֶערְד. אִיךְ טְרַאכְט נָאר אֶפְשֶׁר גֵיין מִיט אִיהם בְּיָד חֲזָקָה — אָבֶער אִיךְ הָאבּ מוֹרָא. הַיינְטִיגֶע צַייטְן אִיז אַ גְרוֹיסֶע רִיזִיקֶע צוּ גֵיין אִין אַזַא וֶועג. אַמָאל אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אוּן אַמָאל מַאכְט מֶען נָאךְ עֶרְגֶער. וָואס אִיז גֶעוֶוען מִיט מֶענְדְל יָאסֶעלֶעס? יָאסֶעלֶע הָאט אִיהם אַ בִּיסְל אַ דְרִיק גֶעטְהוּן, הָאט מֶענְדְל זִיךְ אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן אִיז אַנְטְלָאפְן פוּן הוֹיז קֵיין וַוארְשֶׁע, אוּן הַיינְט זָאגְט מֶען אַז מֶען הָאט אִיהם שׁוֹין גֶעזֶעהן שַׁבָּת אִין גַאס מִיט אַ פַּאפִּירָאס אִין מוֹיל. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע רִיזִיקֶע. אִיךְ וֵוייס נִישְׁט

װָאס מֶען טְהוּט. אִיךְ טְרַאכְט װֶעגְן דֶעם אָן אוֹיפְהֶער. אָבֶער דֶערְוַויל הָאב אִיךְ נָאךְ גָארְנִישְׁט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט.

*

נִישְׁט בְּלוֹיז בֶּערֶעלֶעס עֶלְטֶערְן וֵוייסְן פוּן דֶעם בְּרָאךְ, אַלֶע אִין שְׁטֶעטְל וֵוייסְן פוּן דֶעם, אוּן רֵיידְן פוּן דֶעם, עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע סֶענְסַאצְיֶע. בֶּערֶעלֶע דֶער עִילוּי, וָואס מֶען הָאט דֶערְוַוארְט אַז עֶר וֶועט אוֹיסְוַואקְסְן אַ וֶועלְט בַּארִיהמְטֶער גָאוֹן, אִיז נֶעבַּאךְ אַרָאפּ פוּן וֶועג.

פוּנְוַואנֶען וֵוייסְט מֶען דָאס? פַארְוָואס זָאל מֶען נִישְׁט וִויסְן! זֶעהט מֶען דֶען נִישְׁט אַז בֶּערֶעלֶע הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן חַבֶר׳ן מִיט מֵאִיר לִיפֶּע׳ס וָואס אַלֶע וֵוייסְן אַז עֶר אִיז אַ שְׁטִיק אֶפִּיקוֹרוֹס? זֶעהט מֶען נִישְׁט אַז בֶּערֶעלֶע כַאפְּט זִיךְ אָפְט אַרֵיין אִין ״קְלוּבּ״, וואו עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּנוֹיף דִי קַאלִיקֶע יוּנְגְוַוארְג פוּן שְׁטֶעטְל? בֶּערְל פַארֶענְטְפֶערְט זִיךְ, אַז עֶר גֵייט דָארְטְן בְּלוֹיז שְׁפִּילְן אַ שַׁאךְ. נוּ, יָא, שְׁפִּילְן אַ שַׁאךְ ״אִיז נִישְׁט קֵיין גְרוֹיסֶע עַוְלָה״, אָבֶער עֶס אִיז גֶענוּג אַז עֶר טְרֶעט אַרִיבֶּער דִי שְׁוֶועל פוּן ״קְלוּבּ״. דָאס זָאגְט שׁוֹין עֵדוּת.

אַלֶע וֵוייסְן פון דֶעם. די פְרומֶע אידְן פון שְׁטֶעטְל רֵיידְן וֶועגְן דֶעם מִיט גְרוֹיס צַעַר. אֲפִילוּ די וָואס הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג מְקַנֵא גֶעוֶוען בָּרוּךְ׳ן וָואס עֶר הָאט אַזַא עִילוּי׳אִישׁ קִינְד, יֶעצְט טְהוּט זֵיי וֵויי דָאס הַארְץ אוֹיף אַ אֱמֶת. אַ שָׁאד, אַ שָׁאד, עֶר הָאט דָאךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְוַואקְסְן אַ גְרוֹיסֶע לִיכְט.

און די קַאלִיקֶעס פון שְׁטֶעטְל רֵיידְן וֶועגְן דֶעם מִיט שִׂמְחָה, מִיט אַ נִצָּחוֹן־קְלַאנְג. זֵיי רֵייצְן זִיךְ מַמָשׁ מִיט די פְרומֶע: אַהַא, דֶער יונְגֶער דוֹר אִיז אונְזֶערֶער. אַייֶער שֵׁיינְדְל, בֶּערֶעלֶע, אִיז אוֹיךְ אַוֶועק פון אַייךְ. מֵאִיר לִיפֶּע׳ס גֵייט אַרוּם ווִי אַ זִיגֶער: בֶּערֶעלֶע וֶועט אוֹיךְ זַיין אונְזֶערֶער.

— וָואס הֵייסְט זַיין? עֶר אִיז דָאךְ שׁוֹין אַייֶערֶער — פְרֶעגְט אִיהם וֶוער.

עֶנְטְפֶערְט מֵאִיר: עֶר אִיז נָאךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אונְזֶערֶער, אָבֶּער אִיךְ בִּין גַאנְץ זִיכֶער, עֶר וֶועט שׁוֹין זַיין אונְזֶערֶער. עֶס וֶועט נִישְׁט לַאנְג דוֹיעֶרְן.

*

אַלֶע וֵוייסְן פון דֶעם — אוֹיסֶער אֵיינֶער. רַבִּי גָד׳ל, בֶּערֶעלֶעס זֵיידֶע, וֵוייס גָארְנִישְׁט וָואס מִיט

זַיין בֶּערֶעלֶען איז גֶעשֶׁעהן. ווי אַזוֹי זָאל עֶר ווִיסְן? עֶר זִיצְט דָאךְ גַאנְצֶע טֶעג אִין הוֹיז. בְּלוֹיז שַׁחֲרִית גֵייט עֶר דַאוְונֶען אִין שׁוּהל. עֶר וֵוייס גָארְנִישְׁט וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ אִין שְׁטֶעטְל. אֶפְשֶׁר הָאט אִיהם וֶוער פוּן שְׁטֶעטְל דֶערְצֵיילְט עֶפֶּעס? אַה, חַס וְשָׁלוֹם. קֵיינֶער וֶועט אַזַא זַאךְ נִישְׁט טְהוּן. מְצַעֵר זַיין רַבִּי גָד'לֶען?! עֶס וֵוייס יֶעדֶער אַז רַבִּי גָד'ל וֶועט אַזַא צַעַר נִישְׁט אַרִיבֶּערְטְרָאגְן. בֶּערְל אִיז בַּיי אִיהם דָאס אוֹיג פוּן קָאפּ. בִּיז בֶּערֶעלֶע אִיז גֶעפָּארְן אִין יְשִׁיבָה הָאט רַבִּי גָד'ל אִיהם גֶעהַאלְטְן נֶעבְּן זִיךְ. בַּיי אִיהם אִין הוֹיז הָאט עֶר גֶעגֶעסְן אוּן גֶעשְׁלָאפְן, אוּן עֶר הָאט מִיט אִיהם גֶעלֶערְנְט. דָאס גַאנְצֶע לִיבְּשַׁאפְט אוּן אִיבֶּערְגֶעבְּנְהַייט פוּן אַ פָּאטֶערְלִיכֶע הַארְץ הָאט רַבִּי גָד'ל אַרַיינְגֶעלֵייגְט אִין בֶּערֶעלֶען. מַיין בֶּן־יָחִיד'ל, מַיין מוּזִינִיקְל — אַזוֹי הָאט רַבִּי גָד'ל אִיהם גֶעצֶערְטְלְט. וֶוער וֶועט נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דִי אַחְרָיוּת אָנְצוּטְרָאגְן רַבִּי גָד'לֶען אַזַא בִּיטֶערֶע בְּשׂוֹרָה?

רַבִּי גָד'ל וֵוייס טַאקֶע גָארְנִישְׁט. בַּיי אִיהם אִיז בֶּערֶעלֶע נָאךְ דֶער זֶעלְבֶּער בֶּערֶעלֶע. בַּאלְד ווִי עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען פוּן יְשִׁיבָה אוּן עֶר הָאט בַּאזוּכְט דֶעם זֵיידְן, הָאט רַבִּי גָד'ל גֶעזָאגְט צוּ

אִיהם:

— נו, בֶּערל, זָאג עֶפֶּעס אִיבֶּער, זָאג אַ דְבַר־תּוֹרָה, וָואס דו הָאסְט הַיינְט גֶעלֶערְנְט!

הַיינְט גֶעלֶערְנְט? אַה, וֶוען דֶער זֵיידֶע וֵוייס אַז אִיךְ הָאב שׁוֹין עֶטְלִיכֶע וָואכְן נִישְׁט גֶענוּמֶען קֵיין גְמָרָא אִין הַאנְד... בֶּערֶעלֶע עֶנְדִיגְט נִישְׁט דֶעם גֶעדַאנְק בִּיז צוּם עֶנְדֶע. אַ אִינֶעווֵיינִיגְסְטֶער פַּחַד הַאלְט אִיהם אָפּ דֶערְפוּן. עֶר הוֹיבְּט אָן אָנְשְׁטְרֵיינְגֶען דִי גֶעדַאנְקֶען וָואס צוּ זָאגְן דֶעם זֵיידְן. עֶס דוֹיעֶרְט נִישְׁט לַאנְג אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גְרֵייט צוּ זָאגְן. דִי עִילוּי׳אִישֶׁע כִּשְׁרוֹנוֹת פַארְדֶעקְן דֶעם אוֹיסְגֶעטוּעֶנְקַייט פוּן לֶערְנֶען. עֶר זָאגְט, אוּן זָאגְנְדִיג וֶוערְט עֶר צוּרִיק הַיימִישׁ אִין דֶער גְמָרָא וֶועלְט. עֶר זָאגְט לֶעבֶּעדִיג, דִי אוֹיגְן צוּגְלַאנְצְן זִיךְ אוּן דִי שְׁטִימֶע אִיז פְרֵיידִיג אוּן זִיכֶער. רַבִּי גָד׳ל הֶערְט אִיהם אוֹיס מִיט הַאלְב צוּגֶעמַאכְטֶע אוֹיגְן. אִינֶדֶערְמִיט פְרֶעגְט עֶר אַרַיין. בֶּערְל צוּקָאכְט זִיךְ. עֶר וַוייזְט אוֹיף אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט.

— נו, גוּט — זָאגְט רַבִּי גָד׳ל בַּיים עֶנְדִיגְן — קוּם צוּ מִיר אַרַיין מָארְגְן אָוְונְט. אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט אִין אַ שְׁוֶוערֶע סוּגְיָא. וֶועסְט מִיר הֶעלְפְן

אַרױסקְרִיכְן. איך בִּין דָארְט זֵייעֶר פַארְפְּלָאנְטֶעְרט.

כִּמְעַט יֶעדְן טָאג בַּאזוּכְט בֶּערֶעלֶע דֶעם זֵיידְן. נִישְׁט מִיט גְרוֹיס חֵשֶׁק טְהוּט עֶר דָאס. אָבֶער אַז דֶער זֵיידֶע שִׁיקְט רוּפְן — גֵייט עֶר.

און אַמָאל שִׁיקְט דֶער זֵיידֶע אַרַיין אַ צֶעטֶעלֶע. דֶער שָׁלִיחַ אִיז דִי בָּאבֶּע אַלֵיין. אִין צֶעטֶעלֶע שְׁטֵייט:

— "מַיין טַייעֶר קִינְד. אִיךְ שְׁטֵיי יֶעצְט אִין אַ שְׁוֶוערְן עִנְיָן. אִיךְ בֶּעט דִיר, לֶערְן דוּרְךְ דִי סוּגְיָא, און קוּק אַרַיין אוֹיךְ דָא און דָארְט, און קוּם אַרַיין צוּ מִיר אָוְונְד צַייט.

דַיין זֵיידֶע וָואס הָאט דִיר לִיבּ.

גָד ב"ר זַלְמָן".

בַּאקוּמְט בֶּערֶעלֶע אַזַא צֶעטַאלֶע, וַוארְפְט עֶר בַּאלְד אַוֶועק דֶעם בִּיכְל און נֶעמְט דִי גְמָרָא. אִין אָוְונְד קוּמְט עֶר צוּם זֵיידְן, און לֶערְנְט מִיט אִיהם צוּזַאמֶען דִי סוּגְיָא, און דִי אַלֶע שְׁוֶועריקַייטְן פַארְשְׁווִינְדְן. רַבִּי גָד'לס גֶעזִיכְט צוּשַׁיינְט זִיךְ פוּן שִׂמְחָה, און עֶר זָאגְט אַ שֶׁבַח וְהוֹדָיָה צוּם בּוֹרֵא

עוֹלָם: גֶעלוֹיבְּט בִּיזְטוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וָואס הָאסְט אוּנְז גֶעגֶעבְּן אַזַא זִיסֶע תּוֹרָה, אוּן גֶעלוֹיבְּט בִּיזְטוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וָואס הָאסְט מִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא קִינְד, עֶר זָאל אוֹיף דִי עֶלְטֶערֶע יָאהרְן, וֶוען מַיינֶע אוֹיגְן זַיינֶען שׁוֹין פַאַרְטוּנְקְלְט, מִיר וַוייזְן דֶעם וֶועג.

אַזוֹי פִירְט זִיךְ רַבִּי גָד׳ל. עֶר וֵוייס נִישְׁט נֶעבַּאךְ וָואס מִיט זַיין בֶּערֶעלֶען אִיז גֶעשֶׁעהן.

*

אַלֶע רֵיידְן וֶועגְן בֶּערֶעלֶען — אוּן בֶּערֶעלֶע אַלֵיין וָואס טְרַאכְט זִיךְ? לָאמִיר דֶערְצֵיילְן זַיין גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אָנְהוֹיבּ אָן.

גֶעוֶוען אִיז אָנְהוֹיבּ וִוינְטֶער אִין יְשִׁיבָה. בֶּערֶעלֶע הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט הַתְמָדָה, מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה — דֶער שָׂטָן הָאט אַזַא זַאךְ נִישְׁט פַארְטְרָאגְן, הָאט עֶר זִיךְ פַארְשְׁטֶעלְט אִין גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ בָּחוּר. בֶּערֶעלֶעס שָׁכֵן צוּם שְׁלָאפְן, אוּן אַז בֶּערֶעלֶע הָאט זִיךְ פַארְקִיהלְט אוּן גֶעדַארְפְט בְּלַייבְּן אַ צְוֵויי טֶעג אִין בֶּעט, הָאט יֶענֶער בָּחוּר אִיהם אוּנְטֶערְגֶערוּקְט אַ בִּיכְל צוּם לֵייעֶנֶען. אִין דִי פָּאר טֶעג וָואס בֶּערֶעלֶע אִיז

געלעגן אין בעט, האט ער אײנגעשלונגען עטליכע ביכלאך, און דאס האט פארדארבן דעם אפעטיט צום לערנען. און אז דער אפעטיט צום לערנען איז שוואך — האט ער װײטער געשטרעקט די האנט צו ביכלאך, איז דער אפעטיט צום לערנען נאך שוואכער געװארן.

דער משגיח פון ישיבה האט געזעהן װאס דא טהוט זיך. ער האט מיט איהם פיל געשמועסט. זעהענדיג אז עס העלפט נישט האט ער געזאגט צו איהם: פאהר אהיים.

בערעלע איז אהיים געקומען. און װאס װעט װײטער זײן? ער איז געװעזן גײסטיג צובראכן. פון אײן זײט האט איהם געצױגן צו די ביכלאך, און פון דער צװײטער זײט פארגעסט זיך נישט אזױ לײכט א יאהרנלאנגער לערנען און דער פארגעניגן װאס דאס האט פארשאפט. ער האט זיך געװאקלט, און אזױ װאקלענדיג זיך, האט ער װײטער געזונקען אין די ביכלאך.

געװיס װאלט בערעלע פארזונקען געװארן. אבער דא איז געגן איהם געשטאנען א גרױסע װאנט — דער זײדע רבי גד׳ל. קײן זאך האט

אִיהם נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט ווי דֶער גֶעדַאנְק, וָואס וֶועט זָאגְן דֶער זֵיידֶע. נִישְׁט בְּלוֹיז דִי מוֹרָא פַאר אִיהם הָאט אִהֹים גֶעשְׁרָאקְן, נָאר דִי גַייסְטִיגֶע צוּגֶעבּוּנְדְנְקַייט צוּ אִיהם. עֶר הָאט דֶעם זֵיידְן לִיבּ גֶעהַאט מֶער ווי אַלֶעמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט. אִין שְׁטָאט הָאט מֶען גֶעקוּקְט אוֹיף רַבִּי גָד'לֶען ווי אוֹיף אַ בֵּייזְן מֶענְטְשׁ, אַ קַפְּדָן, רֶעדְט ווינְצִיג אוּן מַיידְט אוֹיס גֶעזֶעלְשַׁאפְט. בֶּערֶעלֶע הָאט אָבֶער גֶעקֶענְט אַ אַנְדֶער רַבִּי גָד'ל. אִין זַיינֶע אוֹיגְן אִיז דֶער זֵיידֶע גֶעוֶועזְן אַ סִימְבָּאל פוּן גוּטְסְקַייט, רֵיינְקַייט, אוּן עֶהְרְלִיכֶע לִיבְּשַׁאפְט צוּ תּוֹרָה אוּן אִיהרֶע לֶערְנֶער. דֶער גֶעדַאנְק אַז עֶס וֶועט קוּמֶען אַ טָאג אוּן מֶען וֶועט זָאגְן דֶעם זֵיידְן אַז זַיין בֶּערֶעלֶע אִיז אַרָאפּ פוּן וֶועג, הָאט אוֹיף אִיהם גֶעוָוארְפְן אַ שוֹידֶערְלִיכְן פַּחַד.

שָׁעָה'ן לַאנְג פְלֶעגְט בֶּערֶעלֶע לִיגְן אוֹיף זַיין בֶּעט אוּן טְרַאכְטְן נָאר וֶועגְן דֶעם. נִישְׁט אֵיינְמָאל אִיז אִיהם אוֹיפְן גֶעדַאנְק גֶעקוּמֶען דֶער מַאֲמַר חַזַ"ל, אַז אַבְרָהָם אָבִינוּ אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן פִינְף יָאהר פַאר זַיין צַייט, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן דֶעם צַעַר פוּן צוּ זֶעהן ווי זַיין אֵיינִיקְל עֵשָׂו גֵייט אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה. אוּן דַאן פְלֶעגְט עֶר זָאגְן צוּ זִיךְ:

בֶּערְל, דו בִּיזְט אַ עֵשָׂו, צוּלִיבּ דִיר וֶועט דֶער זֵיידֶע גֵיין פון דֶער וֶועלְט פַאר זַיין צַייט. אִין דִי מִינוּטְן הָאט בֶּערְל גֶעפִילְט אַ שִׂנְאָה צוּ זִיךְ.

און נִישְׁט דָאס אַלֵיין. צוּלִיבּ דֶעם זֵיידְן הָאט בֶּערְל גֶעמוּזְט יֶעדְן טָאג כִּמְעַט לֶערְנֶען אַ שָׁעָה, צְוֵויי, און אַמָאל מֶעהר אוֹיךְ. אַז דֶער זֵיידֶע רוּפְט — מוּז מֶען גֵיין. און אַז דֶער זֵיידֶע שִׁיקְט צוּ אַ צֶעטֶעלֶע און וַוייזְט אָן דוּרְכְצוּטָאן אַ גֶעווִיסְן עִנְיָן — הָאט עֶר בַּאלְד אַזוֹי גֶעטָאן, וֶוען אֲפִילוּ עֶר הָאט אִינְמִיטְן עֶפֶּעס אַ שְׁפַּאנֶענְדְן בִּיכְל. און דָאס ווִידֶער הָאט פַארְשְׁטַארְקְט זַיינֶע וַואקְלֶענִישְׁן. וֶוען עֶר וָואלְט אֵיין מָאנַאט בְּלוֹיז גֶעשֵׁיידְט זִיךְ פון דֶער גְמָרָא — אִיבֶּערְגֶערִיסְן וָואלְטְן דַאן גֶעוָוארְן אַלֶע פֶעדִים וָואס בִּינְדְן אִיהם צוּ אִיהר. אָבֶער אַז מֶען נֶעמְט אִיהר אַלֶע טָאג צוּרִיק אִין הַאנְט, וֶוערְן צוּרִיק פַארְקְנִיפְּט דִי פֶעדִים וָואס זַיינֶען שׁוֹין אַבִּיסְל אָפְּגֶעשְׁוַואכְט. בֶּערֶעלֶע בְּלַייבְּט בֶּערֶעלֶע אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז שׁוֹין אַ שְׁפָּאר בִּיסְל קַאלְיֶע גֶעוָוארְן. דִי שָׁעָה וָואס עֶר זִיצְט נֶעבְּן זֵיידְן בַּיי דֶער גְמָרָא, לֶערְנְט עֶר מִיט דִי גַאנְצֶע קָאפּ. דִי עִילוּיאִישֶׁע כִּשְׁרוֹנוֹת צוּשְׁפִּילְן זִיךְ ווִי דִי סְטְרוּנֶעס פון אַ זֶעלְטֶענֶעם פִידְל אוּנְטֶער דִי פִינְגֶער פון אַ

קִינְסְטְלֶערִישְׁן פִידְלֶער. דִי גַאנְצֶע הַארְץ וֶוערְט אָנְגֶעפִילְט מִיט אַזַא מִין גַייסְטִיגֶע צוּפְרִידְנְהַייט, גַייסְטִיגֶע זֶעטִיגוּנְג — נִישְׁטָא קֵיין וֶוערְטֶער אַרוֹיסְצוּגֶעבְּן דָאס.

נָאךְ אַזַא לֶערְנֶען גֵייט בֶּערֶעלֶע אַהֵיים מִיט אַ צוּבְרוֹיזְטֶער הַארְץ פוּן שְׁטוּרֶעמְדִיגֶע גֶעדַאנְקֶען. עֶר פְרֶעגְט זִיךְ אַלֵיין: מֶעג אִיךְ דָאס אַוֶועקְלָאזְן? קֶען אִיךְ דָאס אַוֶועקְלָאזְן? וֶועל אִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֵיין פוּן גַייסְטִיגְן הוּנְגֶער אוֹיבּ אִיךְ וֶועל זִיךְ אוֹיפְהֶערְן שְׁפַּייזְן מִיט דִי גְמָרָא, וָואס נָאר זִי גִיט מִיר אַ אֱמֶתֶע גַייסְטִיגֶע זֶעטִיגוּנְג?

אוֹיף אַ מִינוּט פְלִיהט דוּרךְ אַ גֶעדַאנְק: אִיךְ וַוארְף אַוֶועק אַלֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן גֵיי צוּרִיק אִין יְשִׁיבָה. אָבֶּער בַּאלְד דֶערְשְׁפִּירְט עֶר אַז עֶר אִיז שׂוֹין צוּגֶעבּוּנְדְן צוּ דִי בִּיכְלַאךְ, אוּן עֶס אִיז שׂוֹין נִישְׁט לַייכְט דָאס אָפְּרַייסְן זִיךְ פוּן זֵיי. אוּן אָט אַזוֹי וֶוערְט עֶר צוּרִיסְן צְוִוישְׁן דִי צְוֵויי גֶעגְנְגֶעזֶעצְטֶע גֶעפִיהלְן, זֵיי וַוארְפְן פוּן אִיהם דִי רוּהֶ בִּיזְן לֶעצְטְן טְרָאפְּן — אוּן אַלְץ צוּלִיבּ דֶעם זֵיידְן.

אִין שָׁעָה׳ן פוּן פַּיינְלִיכֶע רַאנְגְלֶענִישְׁן, פַאלְט אִיהם אַיין אַ דְרַייסְטֶער גֶעדַאנְק: גֵיין צוּם זֵיידְן

און אויסגיסן פאר איהם די גאנצע הארץ. בערעלע פרובט זיך דאן איינריידן אז דער זיידע וועט נישט ווערן איבערראשט. מסתמא ווייס ער פון אלץ. קוקט ער דען נישט אויף מיר טיילמאל מיט א מאדנעם דורכדרינגליכן בליק? האט ער דען נישט דעם איינדרוק אז דער זיידע וויל מיט איהם עפעס ריידן נאר ער האלט זיך אפ? יא מסתמא ווייס ער אלץ. ער וועט גיין צו איהם און זאגן אפן: זיידע, לאז מיר אפ.

נאכן טרייסטן זיך א פאר מינוט מיט אזא געדאנק, לאכט בערעלע פון זיך אליין. ער זעהט די לעכערליכקייט פון דעם. מען זאל איהם אפילו שמייסן מיט אייזערנע ריטער וועט ער נישט קענען עפענען דאס מויל פארן זיידן צו רעדן אזעלכע רייד. זאגן דעם זיידן אז ער, זיין בערעלע, האט אויסגעביטן די גמרא אויף א ביכל — ער וועט דאך באלד אויפן פלאץ חלישן נישט צום דערמינטערן.

אט אזוי גייען אריבער אויף בערעלען וואכן פון פיינליכע ראנגלענישן.

*

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. נָאךְ וָואכְן פְרִיהֶער הָאט דֶער זֵיידֶע אָנְגֶעזָאגְט אִיהם אַז שָׁבוּעוֹת וֶועט עֶר, בֶּערֶעלֶע, זַיין בַּיי אִיהם, אוּן בֶּערֶעלֶע אִיז פוּן דֶער אַיינְלַאדוּנְג נִישְׁט גֶעוֶוען אִיבֶּערְרַאשְׁט. עֶר הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז שָׁבוּעוֹת וֶועט דֶער זֵיידֶע אִיהם וֶועלְן גֶעבְן זִיךְ.

דִי שְׁלֹשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה הָאט בֶּערֶעלֶע שׁוֹין פַארְבְּרַאכְט בַּיים זֵיידְן. "קַבָּלַת הַתּוֹרָה בְּרוּיךְ אַ הֲכָנָה" — הָאט רַבִּי גָד'ל גֶעזָאגְט צוּ בֶּערֶעלֶען בַּאלְד ווי עֶר אִיז אַרַיין, אוּן מֶען הָאט טַאקֶע זִיךְ תֵּיכֶּף גֶענוּמֶען צוּ דֶער "הֲכָנָה", דָאס הֵייסְט: צוּם לֶערְנֶען. דִי בָּאבֶּע הָאט גֶעזָארְגְט אַז בֶּערֶעלֶע זָאל אַלֶע וַויילֶע נֶעמֶען עֶפֶּעס אִין מוֹיל אַרַיין. "דָאס קִינְד אִיז דָאךְ גֶעבַּאךְ שְׁוַואךְ אִין גֶעזוּנְד" — הָאט זִי גֶערֶעדְט צוּ זִיךְ אַלֵיין. אוּן רַבִּי גָד'ל הָאט גֶעזָארְגְט אַז בֶּערֶעלֶע זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין לֵיידִיגֶע מִינוּט. דֶער גַאנְצֶער טָאג אִיז גֶעוֶוען אוֹיסְגֶעפִילְט מִיט לֶערְנֶען. אוּן אַז רַבִּי גָד'ל הָאט זִיךְ בַּייטָאג צוּגֶעשְׁפַּארְט אַ בִּיסְל, דָאךְ אַ עֶלְטֶערֶער אִיד, נָאהֶנְט צוּ גְבוּרוֹת, הָאט עֶר פַאר בֶּערֶעלֶען אִיבֶּערְגֶעלָאזְן אַרְבֶּעט.

— אָט הָאסְטוּ בֶּערְל אַ שְׁוֶוערְן רַמְבַּ"ם, אִיךְ

שְׁפַּאר זִיךְ צוּ אַ וַויילֶע, דוּ גֶעפִין אוֹיס אַ תֵּירוּץ אוֹיפְן רַמְבַּ"ם. אַז אִיךְ וֶועל זִיךְ אוֹיפְהוֹיבְּן, זָאלְסְטוּ מִיר בְּרֵיינְגֶען עֶפֶּעס אַ גוּטְן תֵּירוּץ וָואס לֵייגְט זִיךְ אוֹיפְן שֵׂכֶל.

בֶּערֶעלֶע הָאט דִי דְרַיי טֶעג שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט. הָאט עֶר פַארְדְרוּס גֶעהַאט אוֹיפְן זֵיידְן וָואס עֶר הָאט אִיהם אַזוֹי בַּאלַאסְטֶעט? אִין אָנְהוֹיבּ הָאט עֶר יָא גֶעפִילְט אַ פַארְדָרָאסִיגְקַייט, אָבֶער עֶס אִיז בַּאלְד פַארְשְׁווּאוּנְדְן. אוּמְגֶעקֶערְט: נִישְׁט הָאבְּנְדִיג קֵיין צַייט פַאר זַיינֶע פַּיינְלִיכֶע גֶעדַאנְקֶען — הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּירְט גוּט אוּן פוּל מִיט מוּט.

עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי שָׁבוּעוֹת־נַאכְט. רַבִּי גָד׳ל הָאט אוּנְטֶערְגֶעאַיילְט דִי יוֹם טוֹב סְעוּדָה, שְׁנֶעל צוּ פַארְעֶנְדִיגְן, אוּן אַזוֹי דָאס תִּיקוּן־זָאגְן. בִּיז הַאלְבֶּע נַאכְט אִיז עֶר שׁוֹין גֶעוֶוען פַארְטִיג מִיט אַלֶעמֶען, אוּן מֶען הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען צוּם לֶערְנֶען.

— אִיךְ מַאטֶער זִיךְ שׁוֹין גָאר לַאנְג אוֹיף אַ שְׁוֶוערֶע סוּגְיָא, הָאבּ אִיךְ דָאס אִיבֶּערְגֶעלָאזְן אוֹיף הַיינְטִיגֶע נַאכְט. אִיךְ הָאף אַז דֶער זְכוּת פוּן דֶעם יֶעצְטִיגְן לֶערְנֶען, וָואס אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס, וֶועט אוּנְז בַּיישְׁטֵיין מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ פַארְשְׁטֵיין דִי

סוּגְיָא.

שְׁוֶוער, זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָאס מָאל בִּיז זֵיי זַיינֶען צוּגֶעקוּמֶען צוּ דֶער אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶע וֶועג. אַ בַּארְג סְפָרִים הָאט זִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט אוֹיפְן טִישׁ אִין רַבִּי גָד'לְס לֶערְן־שְׁטוּבּ. נִישְׁט אֵיינְמָאל הָאט זִיךְ גֶעדוּכְט אַז מֶען הָאט שׁוֹין דֶערְגְרֵייכְט דֶעם וֶועג, אָבֶּער אַרַיינְטְרַאכְטְנְדִיג אַבִּיסֶעלֶע טִיפֶער, הָאבְּן זֵיי דֶערְזֶעהְן אַז זֵיי בְּלָאנְדְזְשֶׁען נָאךְ.

אוּן אַז זֵיי הָאבְּן עֶנְדְלִיךְ, פַּארְטָאגְס, דֶערְגַאנְגֶען דֶעם אֱמֶת'ן פְּשַׁט, אוּן בֶּערֶעלֶע הָאט אוֹיפְגֶעוִויזְן אַז אַזוֹי הָאט אוֹיךְ גֶעלֶערְנְט פְּשַׁט דֶער מַהַרְשָׁ"א — אִיז זֵייעֶר שִׂמְחָה גֶעוֶוען גְרוֹיס. בֵּיידֶע, דֶער זֵיידֶע אוּן דֶער אֵיינִיקְל, הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵיידְט וְוִי בַּיים גֶעפִינֶען אַ גְרוֹיסְן וֶוערְטְפוּלְן אוֹצָר. אַזוֹי וְוִי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט: אִיךְ פְרֵיי זִיךְ מִיט דַיין וָוארְט אַזוֹי וְוִי אֵיינֶער וָואס גֶעפִינְט אַ גְרוֹיסְן מִלְחָמָה־רוֹיבּ.

— יֶעצְט מַיין קִינְד — הָאט רַבִּי גָד'ל גֶעזָאגְט אוֹיפְהוֹיבְּנְדִיג זִיךְ — גֵייעֶן מִיר מַאכְן הֲכָנוֹת צוּם דַאוְונֶען. אָבֶּער פַאר דֶעם דַארְף אִיךְ

דיר זאָגן אַ וואָרט, וואָס יעצט איז געקומען די פּאַסיגע צײַט צו זאָגן איהם. די חז״ל זאָגן, אין יעדער דור דאַרף אַ מענטש זיך באַטראַכטן ווי ער אַליין איז אַרויס פון מצרים. נו, אַז מיר אַליין, און נישט אונזערע זיידעס בלויז, נאָר טאַקע מיר אַליין זײַנען אַרויס פון מצרים, איז דאָך דער המשך פון דעם אויך אויף אונז געזאָגט געוואָרן. מיר גייען טאַקע צום באַרג סיני מקבל זײַן די תּורה. טאַ באַטראַכט זיך, מײַן קינד. דו זאָגסט מיטן גאַנצן האַרצן ״נעשׂה ונשמע״ אָבער דײַן האַרץ איז צוטײלט אויף צווייען: איין האַלבע זאָגט, איך בין מקבל די תּורה און די אַנדער העלפט ציהט צו די נאַרישע ביכלאַך. זיי וויסן מײַן קינד אַז מען קען נישט לאַנג אָנהאַלטן ביידע זאַכן. איינס מוז גובר זײַן די צווייטע. זאָג קלאָר וואָס קלויבסטו זיך אויס: די גלולי עץ ואבן פון די פעלקער אָדער די הייליגע פייערדיגע תּורה פון באַרג סיני?

— זיידע! — האָט בערעלע געזאָגט און זײַן שטים האָט געציטערט פון געפיל־איבעראַשונג — די תּורה־שטראַלן האָבן שוין מײַן האַרץ באַלויכטן! איך קען זיך פון איהר ליכטיגקייט מעהר נישט שיידן!

אַ תִּיקוּן אִין לֵיל שָׁבוּעוֹת...

יָאהרְן לַאנְג הָאט חַנָּה אִיטֶע נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין קִינְדֶער, זִי הָאט שׁוֹין כִּמְעַט ווִי מַשְׁלִים גֶעוֶוען מִיט אִיהר טֵייל... בִּיז אֵיינְמָאל, וֶוען עֶס הָאט אִיהר אָנְגֶעכַאפְּט דָאס עַקְשָׁנוּת און זִי אִיז אַרָאפְּגֶעפָארְן צוּם רֶבִּין און אִיהם קַאטֶעגָארִישׁ גֶעזָאגְט, אַז זִי וֶועט זִיךְ נִישְׁט אַוֶועק רִיהרְן פוּן דָא בִּיז זִי וֶועט בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּין אַ בְּרָכָה זִי זָאל בַּאקוּמֶען אַ קִינְד.

דֶער צַדִיק אִיז גֶעזֶעסְן זֵייעֶר פַארְטִיפְט אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען. זַיין גֶעזִיכְט הָאט גֶעפְלַאמְט ווִי אַ פַייעֶר און דִי אוֹיגְן פַארְגְלֵייזְט. מִיט אַמָאל הָאט עֶר זִיךְ גֶעגֶעבְּן ווִי אַ כַאפּ אוֹיף, און זַיין מוֹיל הָאט גֶעשֶׁעפְּטשֶׁעט:

— וֵוייס דֶען נִישְׁט דֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס עֶר טְהוּט. אִיךְ זֶעה דָאךְ...

דֶער צַדִיק הָאט זִיךְ בַּאלְד גֶעכַאפְּט אִין מִיטְן זַאץ... עֶר הָאט אַ וַוײלֶע גֶעשְׁוִויגְן און דֶערְנָאךְ זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:

— פָאהר אַהֵיים און דוּ מִיט דַיין מַאן זָאלְט אִיהר מִתְפַּלֵל זַיין, פַאסְטְן און טֵיילְן פִיהל צְדָקָה. עֶרְשְׁט אִין אַ מָאנַאט שְׁפֶּעטֶער זָאלְט אִיהר בֵּיידֶע קוּמֶען צוּ מִיר.

און וֶוען דֶער מָאנַאט אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער, זַיינֶען זֵיי בֵּיידֶע גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּין און בֶּעקוּמֶען פוּן אִיהם אַ בְּרָכָה אוֹיף אַ בֶּן זָכָר.

און דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעלֵייגְט נָאךְ אֵייניגֶע וֶוערְטֶער:

— לָאמִיר הָאפְן אַז אִיהר וֶועט הָאבְּן פוּן אִיהם נַחַת. יָא, לָאמִיר הָאפְן און מִתְפַּלֵל זַיין...

זַייעֶנְדִיג פְרֵיילַאךְ פוּן רֶבִּינְס בְּרָכָה הָאבְּן זֵיי נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק דֶערְהֶערְט דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער זַיינֶע, מֵיינֶענְדִיג אַז דָאס אִיז אַ גֶעוֵוײנְלִיכֶער קִינְדֶער וואוּנְטְשׁ.

און ווירְקְלִיךְ אִיז בַּיי חַנָה אִיטֶען גֶעבּוֹירְן

גֶעוָוארְן אַ זוהן. זֵיי הָאבְּן מְכַבֵּד גֶעוֶועְן דֶעם רֶבִּין מִיט סַנְדְקָאוּת. נָאכְן בְּרִית הָאבְּן דֶעם רֶבִּינְס לִיפְּן ווִידֶער גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט:

— ...אוּן לָאמִיר הָאפְן אַז דֶער זְכוּת פוּן זַיין גְרוֹיסְן זֵיידְן וֶועט אִיהם בַּיישְׁטֵיין...

אוּן ווִידֶער הָאט עֶס דִי מוּטֶער אָנְגֶענוּמֶען ווִי אַ גֶעוֵויינְלִיכֶע בְּרָכָה אוּן נִישְׁט גֶעפִּיהלְט אִין רֶבִּינְס וֶוערְטֶער, דֶעם גֶעבֶּעט, דִי תְּפִילָה...

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶועְן פָּאלְקָאם גֶערֶעכְט. דָאס קִינְד, אִיטְשֶׁע, הָאט נִישְׁט גֶעצוֹיגְן צוּם לֶערְנֶען. שׁוֹין פוּן קִינְדְהַייט אָן הָאט עֶר זִיךְ גֶעחַבֶרְט מִיט שְׁלֶעכְטֶע חֲבֵרִים, מִיט דִי שְׁקָצִים פוּן שְׁטֶעטְל אוּן דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן עֶס נִישְׁט בַּאמֶערְקְט. אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶוען עֶר אִיז אַוֶועקְגֶעפָאהרְן אִין יְשִׁיבָה, אִין דִי גְרוֹיסֶע שְׁטָאט, הָאט עֶר גֶעפוּנֶען דִי וֶועג צוּ פַּארְלָאזֶענֶע יוּנְגֶען אוּן עֶס הָאט נִישְׁט לַאנְג גֶענוּמֶען אוּן אִיטְשֶׁע הָאט אוֹיף אֵייבִּיג פַּארְלָאזְן דִי יְשִׁיבָה.

וֶוען דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעכַאפְּט אִיז שׁוֹין גֶעוֶועְן צוּ שְׁפֶּעט. אִיטְשֶׁע אִיז שׁוֹין מִיט בֵּיידֶע פִּיס

גֶעוֶועןְ אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין דִי מ״ט שַׁעֲרֵי טוּמְאָה. דֶער פָּאטֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ לוֹיפְן, זִיךְ גֶעבֶּעטְן, גֶעפַאלְן אִיהם צוּ דִי פִּיס, גֶעגָאסְן טְרֶערְן, אָבֶּער קֵיין זַאךְ הָאט נִישְׁט גֶעהָאלְפְן. אִיטְשֶׁע הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט גֵיין צוּרִיק וֶועגְס.

וֶוען דֶער טַאטֶע הָאט אִיהם פַארְלָאזְן הָאט עֶר צוּ אִיהם גֶעזָאגְט:

— אִיךְ ווִיל פוּן דִיר יֶעצְט מֶער גָארְנִישְׁט פָאדֶערְן. אָבֶער אֵיין זַאךְ זָאלְסְטוּ מִיר צוּזָאגְן: קְלוֹיבּ זִיךְ אוֹיס אֵיין אֵיינְצִיגֶע מִצְוָה וֶועלְכֶע דוּ זָאלְסְט אוֹיף דִיר נֶעמֶען עֶס צוּ הִיטְן אִין אַלֶע פַאלְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז אִין דֶעם זְכוּת וֶועסְטוּ נָאךְ אַמָאל תְּשׁוּבָה טְהוּן. זָאג מִיר צוּ נָאר דָאס אֵיינֶע.

אוּן אִיטְשֶׁע הָאט אִיהם דֶערְלַאנְגְט דֶערוֹיף דִי הַאנְד.

נָאךְ דֶעם זֶעלְבְּן יָאהר זַיינֶען דִי עֶלְטֶערְן אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט פוּן גְרוֹיס צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט פוּן זֵייעֶר זוּהן, אוֹיף וֶועלְכְן זֵיי הָאבְּן גֶעלֵייגְט אַזוֹי פִיהל הָאפְנוּנְג.

אִיטְשֶׁע אִיז עֶלְטֶער גֶעוָוארְן. עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶועזְן אִיבֶּער דִי דְרַייסִיגֶער. עֶר אִיז אַרַיין אִין דִי בִּיזְנֶעס אוּן רַייךְ גֶעוָוארְן. גֶעפִירְט אַ שְׁטָאטִישְׁן לֶעבְּן, אוּן לִיבּ גֶעהַאט דִי רוּהִיגְקַייט, דִי אַיינְזַאמְקַייט. עֶר פְלֶעגְט אָפְּטְמָאל אָפְּרִיכְטְן בַּיי אִיהם אִין שְׁטוּבּ אָוְונְד-בַּאלְן אָדֶער עֶר פְלֶעגְט גֵיין צוּ אַנְדֶערֶע גֶעשֶׁעפְטְס לַייט אוֹיף בַּאלְן. קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעדֵיינְקְט אָדֶער גֶעוואוּסְט אַז אִיטְשֶׁע שְׁטַאמְט פוּן אִידְן אוּן דִי וָואס הָאבְּן עֶס יָא גֶעוואוּסְט הָאבְּן דֶערְפוּן גָאר נִישְׁט גֶערֶעדְט.

עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהרְט ווִי אַ עֶכְטֶער גוֹי. עֶר הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעבִּיטְן זַיין גְלוֹיבְּן, אָבֶּער עֶר אִיז אַרוּם אָן קֵיין שׁוּם גְלוֹיבְּן. נָאר אֵיין זַאךְ הָאט עֶר גֶעדֵיינְקְט — זַיין וָוארְט וָואס עֶר הָאט פַארְשְׁפְּרָאכְן פַאר זַיין פָּאטֶער.

עֶר הָאט גֶענוּמֶען זוּכְן אַ מִצְוָה וָואס זָאל אִיהם זַיין לַייכְט צוּ מְקַיֵים זַיין, זָאל נִישְׁט עֶרְוֶועקְן קֵיין פַארְדַאכְט בַּיי זַיינֶע חֲבֵרִים אוּן נִישְׁט אוֹיסְרוּפְן קֵיין שְׁפָּאט. יָא עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט: דָאס בֶּעסְטֶע וָואס עֶר הָאט לִיבּ גֶעהַאט אִיז גֶעוֶועזְן צוּ עֶסְן דִי מִילְכִיגְס אִין שָׁבוּעוֹת. דָאס אִיז טַאקֶע

נישט קיין מִצְוָה נאר בלויז אַ מִנְהָג, אָבער וואס איז דען די נפקא מינה אַ מִנְהָג צו אַ מִצְוָה, און ווידער איז עס געווען דאס בעסטע וואס ער האט ליב געהאט.

— ווער ווייסט, אֶפְשָׁר וועל איך פון דעם האבן אַ "תיקון ליל שבועות" — האט ער געשמייכלט ווי צו זיך אַליין.

יאהרן זיינען געלאפן און איטשע האט געהיט יעדעס יאהר אויף דעם מִנְהָג. יעדעס יאהר פלעגט ער אַליין זיך צוגרייטן און אָפּקאכן די מילכיגע סעודה מיט בלינטשעס און אייז קרעם, אַלעס אַזוי ווי זיין מאמע האט עס צוגעריכט, און באַלד נאכדעם וואס ער האט עס געענדיגט עסן האט ער פארגעסן פון דאס אַלעס.

איין איינציגן געטרייען דינער האט ער געהאט: זשאק האט ער געהייסן. געהאלטן האט איהם איטשע פאר אַ ערליכן און פאר זיין פארטרויאונגס מאן. אַלעס איז געווען פאר איהם אָפן אויסער איין צימער — דער פריוואט צימער פון זיין בעל הבית. שטענדיג ווען איטשע פלעגט

דָארְטְן אַרַיינְגֵיין הָאט עֶר פַארְשְׁפַּארְט דִי טְהִיר אוּן עֶס פַארְשְׁלָאסְן אוּנְטֶער זִיךְ. דָאס הָאט צוּגֶעבְּרֵיינְגְט אַז דִי נַייגֶערִיגְקַייט פוּן זַיין דִינֶער הָאט גֶעוָואקְסְן כְּסֵדֶר אַלְס מֶעהר אוּן מֶעהר.

אוּן אָט הָאט זִיךְ אִיהם גֶעמַאכְט אַ גֶעלֶעגֶנְהַייט וֶוען זַיין בַּעַל הַבַּיִת אִיז אֵיינְמָאל אַרַיין אִין זַיין צִימֶער אוּן פַארְגֶעסְן צוּ פַארְשְׁלִיסְן. זְשַׁאק הָאט זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט בַּיי דֶער טְהִיר אוּן אַרַיינְגֶעבְּלִיקְט דוּרכְן שְׁפַּאלְט אוּן זַיין קָאפּ הָאט אִיהם גֶענוּמֶען שְׁווִינְדְלֶען.

דָארְטְן אִין צִימֶער הָאט אִיטְשֶׁע גֶעהַאלְטְן זַיינֶע גֶעלְד אוּן וֶוערְדְפוּהלֶע זַאכְן. אִין אַ קַאסֶע וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעמוֹיעֶרְט אִין וַואנְד אוּן זִיךְ גֶעעֶפְנְט מִיט אַ גֶעהֵיימֶע עֶפֶענוּנְג זַיינֶען גֶעלֶעגְן גָאלְד, דִימַאנְטְן אוּן בְּרִילְיַאנְטְן. יֶעדֶע וָואךְ פְלֶעגְט אִיטְשֶׁע מַאכְן דֶעם בַּאלַאנְס אוּן צוּלֵייגְן צוּ דֶער קַאסֶע.

פוּן יֶענֶעם טָאג אָן הָאט זְשַׁאק מֶעהר נִישְׁט גֶעקֶענְט רוּהֶען, דִי תַּאֲוָה אוּן גְלוּסְטֶענִיש צוּ דֶעם אוֹצָר הָאט גֶעבְּרֶענְט אִין אִיהם וִוי אַ הֶעלִישׁ פַייעֶר. זַיין קָאפּ הָאט פִיבֶּערְהַאפְטִיג גֶעאַרְבֶּעט אוּן

גֶעזוּכְט פְלֶענֶער ווי אַזוֹי אַרִיבֶּערְפִיהרְן דֶעם אוֹצָר צוּ זַיינֶע הֶענְד.

מָאמֶענְטַאל הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט עֶס אוֹיפְבְּרֶעכְן און אַרוֹיסְגַנְבֶענֶען, אָבֶער בַּאלְד הָאט עֶר זִיךְ אִיבֶּערְגֶערֶעכְנְט אַז די שְׁפּוּרְן וֶועלְן גֶעוִויס פִיהרְן צוּ אִיהם און דַאן אִיז עֶר אַ פַארְלוֹירֶענֶער. ענְדְלִיךְ הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן אַז די בֶּעסְטֶע וֶועג וֶועט זַיין אוֹיבּ עֶר וֶועט אִיהם פַאר׳סַמֶען, דַאן וֶועט עֶר דֶעם אוֹצָר אַוֶועקְפִיהרְן און דֶערְנָאךְ אָנְשְׁטֶעלְן דֶעם פָּנִים ווי עֶר טְרוֹיעֶרְט נָאךְ זַיין בַּעַל הַבַּיִת. קֵיינֶעם וֶועט נִישְׁט אַיינְפַאלְן אַז עֶר הָאט אִיהם פַאר׳סַמְט, בֶּעזוּנְדֶער וֶוען קֵיינֶער וֶועט נִישְׁט וִויסְן די אוּרְזַאךְ דֶערְפוּן. וֶוער וֵוייסְט דֶען פון דֶעם גְרוֹיסְן פַארְמֶעגְן וָואס זַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט עֶרְרַייכְט ? !

כְּדֵי עֶס זָאל אוֹיף אִיהם נִישְׁט פַאלְן קֵיין שׁוּם פַארְדַאכְט, הָאט זְשַׁאק גֶענוּמֶען אַרוּמְפָאהרְן אִין די אַרוּמִיגֶע דֶערְפֶער און פון דֶעם אָרְטִיגְן דָאקְטָאר גֶעקוֹיפְט אַ קְלֵיינֶעם קְוָואנְטוּם פון סַם, אַזוֹי הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעזַאמְלְט אַ גֶעהֶערִיגְן קְוָואנְטוּם בִּיז עֶר הָאט בַּאשְׁלָאסְן אוֹיסְצוּפִיהרְן זַיין פְּלַאן.

מִיט אַ צִיטֶערְדִיגֶע הַאנְד הָאט עֶר אַרַיינְגֶעגָאסְן דִי סַם אִין דִי פֶעטֶע זוּפּ און אִין אָוונְד דֶערְלַאנְגְט דֶעם גֶעקֶעכְץ פַאר זַיין בַּעַל הַבַּיִת. עֶר אִיז גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן צוּשְׁטְרַייט און אוֹיסְגֶעקוּקְט דִי מִינוּט וָואס זַיין בַּעַל הַבַּיִת וֶועט פַארְזוּכְן דִי זוּפּ. עֶר הָאט עֶס הַיינְטִיגְס מָאל אַזוֹי גוּט פֶערְפְרַאוֶועט אַז דֶער גֶערוּךְ הָאט מַמָּשׁ גֶעצוֹיגְן.

אִיטְשֶׁע אִיז גֶעזֶעסְן בַּיים טִישׁ, גֶענוּמֶען דֶעם לֶעפְל אִין הַאנְד און אַרַיינְגֶעשְׁטֶעקְט אִין דִי זוּפּ. מִיט אַמָאל... דֶער לֶעפְל אִיז וִוי אַרוֹיסְגֶעפַאלְן פוּן זַיין הַאנְד. עֶר אִיז אוֹיפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן אָרְט וִוי אַ שְׁלַאנְג גֶעבִּיסֶענֶער. וִוי קוּמְט עֶס צוּ אִיהם עֶר זָאל פַארְגֶעסְן ? !

— הַיינְט אִיז דָאךְ שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, דִי נַאכְט וָואס אִיךְ עֶס נִישְׁט קֵיין פְלֵיישִׁיגְס, נָאר מִילְכִיגְס !

זְשַׁאק אִיז דֶערְצִיטֶערְט גֶעוָוארְן. בַּיי אִיהם אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז זַיין בַּעַל הַבַּיִת הָאט עֶפֶּעס אוֹיפְגֶעמֶערְקְט.

— איך גיי שוין צוגרייטן אַ מילכיגע סעודה — האט זשאק אויסגערופן און זיך געאיילט צו גיין אין קיך.

— ניין — האט איטשע אויסגערופן — די מילכיגס גרייט איך אליין צו.

זשאק איז געשטאנען ווי א פארלוירענער. זיין געזיכט איז געווען דערשראקן און זיינע אויגן זיינען געפלויגן פון דעם בעל הבית צו דעם געקעכץ און אויף צוריק. איטשע האט איהם אנגעקוקט. ער האט איהם נאך קיינמאל נישט געזעהן אין אזא צושטאנד.

מיט אמאל רופט זיך אן איטשע צו זיין דינער:

— ווייסטו וואס, זשאק, עס איז א שאד אויף דעם געקעכץ. זעץ זיך אוועק און עס דאס אויף!

— אה, ניין, איך נישט! — האט זשאק אויסגערופן א דערשראקענער.

איטשע האט דא עפעס געפיהלט א פערדאכט. וואס פלוצלונג טרייסלט זיך אפ זיין

דִינֶער פוּן צוּ עֶסְן דִי גֶעשְׁמַאקֶע זוּפּ??!

— אִיךְ בַּאפוֹיל דִיר! דוּ זָאלְסְט עֶס שׂוֹין אוֹיפְן אָרְט אוֹיפְעֶסְן!

אַנְשְׁטָאט צוּ עֶנְטְפֶערְן, הָאט זְשַאק גֶעהוֹיבְּן פִּיס, אָבֶּער אִיטְשֶׁע הָאט אִיהם אָנְגֶעכַאפְּט, אַרַיינְגֶעפִיהרְט אִין אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע צִימֶערְן אוּן פַארְשְׁלָאסְן דִי טְהִיר. בַּאלְד דֶערְנָאךְ הָאט עֶר אוֹיפְגֶעוֶועקְט דֶעם הוּנְט וָואס אִיז גֶעלֶעגְן בַּיי דֶער טְהִיר אוּן אִיהם צוּגֶעוָוארְפְן דִי פְלֵייש.

מִיט גְרוֹיס אַפֶּעטִיט הָאט זִיךְ דֶער הוּנְד אַרוֹיפְגֶעוָוארְפְן אוֹיף דִי פְלֵייש אוּן עֶס אוֹיפְגֶעגֶעסְן. אָבֶּער בִּיז אֵיינִיגֶע מִינוּט הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעלָאזְן אַ שְׁרֶעקְלִיכְן קְווִיטְשׁ אוּן אַנִידֶערְגֶעפַאלְן אוֹיף דֶער עֶרְד אַ טוֹיטֶער.

— סַם! — הָאט אִיטְשֶׁע אוֹיסְגֶערוּפְן אוּן זִיךְ אַ וָוארְף גֶעטְהוּן אוֹיף זַיין פָּאטֶעל.

*

מִיט אַמָאל אִיז אוֹיפְגֶעשְׁווֹאוּמֶען אִין זַיינֶען גֶעדַאנְקֶען זַיין גַאנְצֶער פַארְגַאנְגֶענְהַייט. זַיינֶע

קינדער יאהרן, זיין טאטע און זיין צוזאג. עס שטייט איהם פאר די אויגן די לעצטע ווערטער פון זיין פאטער: "אפשר וועט עס איהם היטן, אט די איינציגע מצוה וואס ער וועט נעמען אויף זיך" — יעצט האט עס איהם געראטעוועט פון זיכערן טויט. ער דערמאנט זיך אויך ווי ער האט אפגעשפאט דעם ערשטן מאל בשעת ער האט זיך אויסגעקליבן דעם מנהג "אפשר וועט ער האבן דורך דעם א תיקון ליל שבועות". עס קלינגט איהם אויך די מאמעס ווערטער וואס זי האט שטענדיג איבערגעזאגט פון רבין: "לאמיר האפן און מתפלל זיין" "לאמיר האפן אז דער זכות פון זיין גרויסן זיידן וועט איהם ביישטיין"...

דער שבועות'דיגער טאג האט ביי איהם אויסגעקאכט דאס גאנצע וועזן, און די קומענדיגע נאכט פון שבועות, דעם צווייטן טאג יום טוב, איז ער שוין געזעסן אין שוהל מיט נאך אידן און פרובירט צו מיטזאגן דעם תיקון ליל שבועות. ער האט גענומען זיך דערמאנען די הייליגע אותיות וועלכע ער האט שוין יאהרן לאנג נישט אנגעזען פאר זיינע אויגן, און כסדר האט איהם געבליצט פאר די אויגן די ווערטער: "תיקון ליל שבועות"...

אַ נַייעֶר מֶענְטְשׁ אִיז עֶר יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, אַ נַייעֶר אִיד מִיט אַ נַייעֶ קַבָּלַת הַתּוֹרָה. עֶר הָאט ווירְקְלִיךְ גֶעהַאט אַ אֵייבִּיגְן תִּקּוּן דוּרְךְ דֶעם לֵיל שָׁבוּעוֹת.

דָאס גֶעוֵויין פון קִינְד

צְווישְׁן די אַלֶע יָמִים טוֹבִים פון יָאהר וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעהוֹיבְּן אִין קָאבְּרִין, אִיז דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת גֶעוֶוען גָאר גֶעהוֹיבְּן, מַמֶשׁ לְעֵילָא וּלְעֵילָא. מֶען הָאט גֶעזָאגְט: וֶוער עֶס ווִיל זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ פִיהלְן יוֹם טוֹב ווִי עֶר שְׁטֵייט בַּיים בַּארְג סִינַי און אִיז מְקַבֵּל די תּוֹרָה — זָאל פָּאהרְן קֵיין קָאבְּרִין און הֶערְן פוּן רַבִּי מֹשֶׁה קָאבְּרִינֶער ווִי עֶר לֵייעֶנְט די עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת. און נָאךְ פְלֶעגְט מֶען זָאגְן: בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה אִיז גֶעשֶׁעהן אַ נֵס דָאס די אִידְן הָאבְּן זִיךְ מְטַהֵר גֶעוֶוען און צוּגֶעגְרֵייט צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה און עֶס הָאט נִישְׁט גֶענוּמֶען מֶער ווִי דְרַיי טֶעג, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק: "הֱיוּ נְכוֹנִים לִשְׁלוֹשֶׁת יָמִים". אִין קָאבְּרִין הָאט עֶס גֶענוּמֶען גַאנְצֶע זִיבְּן וָואכְן די הֲכָנוֹת זִיךְ צוּגְרֵייטְן אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה און צוּ דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

אַ בַּאזוּנְדֶער חֵן און אַ סְפֶּעצִיעֶלֶער גֶעשְׁמַאק

הָאט די סְפִירָה צֵיילְן גֶעהַאט אַ פָּנִים אִין קָאבְּרִין. דֶער צַדִיק רַבִּי מֹשֶׁה אַלֵיין פְלֶעגְט זָאגְן די בְּרָכָה מִיט גְרוֹיס צִיטֶערְנִישׁ. דֶער נִגוּן אִיז גֶעוֶוען פוּל מִיט מְתִיקוּת, גְרוֹיס דְבֵיקוּת אוּן פִיהל בֵּיינְקֶענִישׁ אָן אַ בְּרֶעג. מִיט אַ גְרוֹיס גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרֵיי וֶועט דֶער גַאנְצֶער קֶערְפֶּער בַּאוֶועגְט זִיךְ מִיט דֶעם "כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה" אוּן מִיט הִתְלַהֲבוּת, הָאבְּן די חֲסִידִים נָאכְגֶעזָאגְט נָאכְן צַדִיק "הַיּוֹם יוֹם ... לָעוֹמֶר" אַז די וֶוענְט הָאבְּן גֶעצִיטֶערְט אוּן די גֶעשְׁרֵייעֶן הָאבְּן דוּרְכְגֶעשְׁפַּארְט די אָפֶענֶע פֶענְסְטֶער אוּן זִיךְ גֶעטְרָאגְן אִיבֶּער די שְׁטוּמֶע נַאכְט. אַ שֵׁיינֶע אוֹיסְגֶעשְׁטֶערְנְטֶע פְרִיהלִינְג-נַאכְט אוּן אַ הִימְל בַּאלוֹיכְטְן מִיט טוֹיזְנְטֶער שְׁטֶערְן אוּן אַ וַוייסֶע בְּלַאסֶע לְבָנָה שְׁטֵייט אוֹיפְן בְּלוֹיעֶן הִימְל וֶועלְכֶע זַיינֶען פוּן אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט. עֶס הָאט אוֹיסְגֶעזֶעהְן ווי אַלֶע אַרוּם שְׁטֵייעֶן אוּן וַוארְטְן צוּ הֶערְן פוּן צַדִיק די סְפִירַת הָעוֹמֶר. אָט הוֹיבְּט אֵיינֶער אָן צוּ זִינְגֶען "אָנָא בְּכֹחַ" מִיט אַ נַייעֶם נִיגוּן. יֶעדֶעס וָוארְט וֶוערְט גֶעזוּנְגֶען זִיבְּן מָאל, אוּן דֶער נִגוּן הוֹיבְּט זִיךְ אָן נִידֶערִיג אוּן שְׁטִיל. עֶס קוּמְט פוּן טִיפְן הַארְצְן אַרוֹיס. עֶס וֵויינְט, עֶס בֶּעט, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט עֶר אַרוֹיף אוּן וֶוערְט הֶעכֶער, עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן רִיהְרְט אָן אִין די הוֹיכֶע וֶועלְטְן.

גְעוַואלְד! טַאטֶע אִין הִימְל וואו נֶעמְט מֶען די כּחות עֶס אַרִיבֶּערְצוּטְרָאגְן! און די שְׁטִימֶען וֶוערְן צוּנוֹיפְגֶעפָּארֶעט, דֶער נִגוּן הוֹיבְּט אָן צוּ בְּרֶענֶען, עֶס וֶוערְט אֵייְנג אִין הָאַרְץ, מֶען קֶען נִישְׁט אַיינְשְׁטֵיין אוֹיף אֵיין אָרְט. מֶען לוֹיפְט אַרוּם אִיבֶּערְן גְרוֹיסְן זַאל פון בֵּית מִדְרָשׁ, די הֶענְד אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט צוּם הִימְל, די גֶעזִיכְטֶער צוּפְלַאמְטֶע, און מֶען שְׁפִּירְט מַמָשׁ וִוי מֶען גֵייט אוֹיס פַארְן בּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ.

אַזוֹי אִיז דֶער שְׁטֵייגֶער פון קָאבְּרִינֶער חֲסִידִים וֶוען זֵיי צֵיילְן סְפִירַת הָעוֹמֶר און מַאכְן די הֲכָנוֹת צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

שׁוֹין בַּיי די שְׁלֹשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה הָאט מֶען בַּאמֶערְקְט אִין קָאבְּרִין די עֶרְשְׁטֶע אָנְקוּמֶענְדִיגֶע חֲסִידִים, וֶועלְכֶע פְלֶעגְן גֵיין צוּפוּס דוּרְךְ די וֶועלְדֶער און בְּלָאטֶעס פון פָּאלֶעסְיֶע, גֵייעֶנְדִיג גְרוּפֶּעס וַוייז. דָארְטְן אִין די וֶועלְדֶער דַאוְונְט מֶען די אַלֶע דְרַיי תְּפִלּוֹת פון טָאג. אוּנְטֶער דֶעם שָׁאטְן פון די בּוֹימֶער זָאגְט מֶען בָּרְכוּ און קְדוּשָׁה מִיט דֶער אוּנְטֶערְגֶעזַאנְג פון די שְׁפִּיל פוֹיגֶעלֶעךְ וֶועלְכֶע נֶעסְטֶעוֶוען אוֹיף די צְווַייגְן. די קָאבְּרִינֶער

חֲסִידִים זַיינֶען גֶעוֶועֶן דַאן גֶעגְלִיכְן צוּ דִי חֲסִידוּת־פוֹיגְלֶעךְ וֶועלְכֶע קוּמֶען פוּן גָאר וַוייט, פְלִיהֶען דוּרְךְ יַמ׳עֶן אוּן לֶענְדֶער אוּן קֶערְן זִיךְ אוּם צוּ זֵייעֶר גֶעלִיבְּטְן נֶעסְט. אַזוֹי אִיז קָאבְרִין דִי שְׁטָאט פִיהלֶער גֶעוָוארְן פוּן מִינוּט צוּ מִינוּט מִיט חֲסִידִים „עוֹלֵי רֶגֶל״ וֶועלְכֶע הָאבְּן זִיךְ אַלֶע צוּזַאמֶענְגֶעטְרָאפְן מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט בַּיים צַדִיק אִין הוֹיז.

*

יוֹם טוֹב בַּיינַאכְט. דֶער הִימְל אִיז רֵיין פוּן יֶעדֶעס קְלֵיינֶער וָואלְקְן. אַ טִיפֶע בְּלוֹיקַייט אִיז פוּן אוֹיבְן אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט. דִי יוֹם טוֹב לִיכְטֶעלֶעךְ צִינְדְן זִיךְ אָן אִין יֶעדֶער הוֹיז, זֵיי בְּלַאשְׁקֶען אִין דִי אוֹיגְן פוּן דִי קְלֵיינְוַוארְג, וֶועלְכֶע שְׁטוּפְּן זִיךְ נֶעבְן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, צוּ זָאגְן „גוּט יוֹם טוֹב״ פַאר דֶעם צַדִיק אוּן צוּ נֶעמֶען פוּן אִיהם שָׁלוֹם. אוּן עֶר, רַבִּי מֹשֶׁה׳לֶע, אָנְגֶעטְהוּן אִינְגַאנְצְן שְׁנֵיי־וַוייס, זַיין גֶעזִיכְט דְרִיקְט אוֹיס הוֹילֶע לִיבְּשַׁאפְט אוּן זַיין הַאנְד לֵייגְט עֶר אַרוֹיף אוֹיף דִי קֶעפֶּעלַאךְ פוּן דִי קִינְדֶערְלַאךְ. עֶר רוּפְט יֶעדֶערְן בַּיים נָאמֶען, גִיט אַ קְנִיפּ אִין בֶּעקְל אוּן מוּנְטֶערְט יֶעדְן אֵיינֶעם צוּ

עֶהרְלִיכְקַייט און צו גוּטֶע מִדוֹת.

*

צְווִישְׁן די וֶועלְכֶע וָואס הָאבְּן זיךְ גֶעשְׁטוּפְּט צוּ נֶעמֶען שָׁלוֹם פון רֶבִּין אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען מֵאִיר׳קֶע. אַ אַיינְזַאמֶער, אָן אַ פָּאטֶער, מַאכְט עֶר זיךְ אַלֵיין אַ וֶועג צְווִישְׁן דֶעם גְרוֹיסְן עוֹלָם חֲסִידִים מִיט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער. פֶּערְמַאטֶערְט אִיז עֶר מֵאִיר׳קֶע, זֵייעֶר פַּארְמַאטֶערְט פון זַיין אַרְבֶּעט אִין די טֶעג וָואס פַאר יוֹם טוֹב. עֶר אַרְבֶּעט בַּיי זַלְמָן מִילְנֶער, און פַאר יוֹם טוֹב אִיז דָא זֵייעֶר פִיהל אַרְבֶּעט בַּיי אִיהם אִין מִיל און אִין זַיין גְרוֹיסְן גֶעשֶׁעפְט, וֶועלְכֶע אִיז אָנְגֶעפִיהלְט זֶעק מִיט מֶעהל, אָנְגֶעלֵייגְט בִּיזְן דַאךְ, און עֶר, מֵאִיר׳קֶע, טַאנְצְט פְלִינְק פון שׁוּרָה צוּ שׁוּרָה, קַאטְשֶׁעט אַרָאפּ גְרוֹיסֶע זֶעק, זַיין פָּנִים אִיז פַארְשְׁטוֹיבְּט מִיט מֶעהל וֶועלְכֶע פִיהלְן אָן זַיינֶע נָאז לֶעכֶער, קְרִיכְן אַרַיין אוּנְטֶער די נֶעגְל, קְלֶעפְּן זיךְ אָן אִין זַיינֶע קְלֵיידֶער. עֶר קוּקְט זיךְ אָן זֶעלְבְּסְט און דֶערְמַאנְט זיךְ אִין דֶעם מֶענְטְשְׁן וָואס עֶר הָאט אַמָאל אוֹיסְגֶעמַאכְט פון שְׁנֵיי און עֶס גֶעקַייקְלְט צוּזַאמֶען מִיט זַיינֶע חֲבֵרִים. אִינְגַאנְצְן אִיז דָא אֵיין יָאהר דֶערְפוּן, פַאר אַ יָאהרְן

ווינְטֶער, אוֹיפְן טַייךְ, וֶועלְכֶער אִיז בַּאדֶעקְט גֶעוֶוען מִיט אַייז. דַאן הָאט נָאךְ זַיין פָּאטֶער גֶעלֶעבְּט, גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חָסִיד אוּן זִיךְ מַמָּשׁ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען מִיט זַיין דַאוְונֶען, מִיט זַיין לֶערְנֶען, מִיט זַיין אוֹיסֶערְגֶעוֵויינְלִיכֶע פְרוּמְקַייט. אוּמְזִיסְט הָאט אִיהם רַבִּי מֹשֶה'לֶע גֶעוָוארְנְט: עֶר זָאל נִישְׁט אַיינְרַייסְן! דֶער טַאטֶע הָאט אָבֶּער דֶעם קָאפּ גֶעבּוֹיגְן אוּן גֶעטַעֲנָה'ט דָאס עֶר קֶען נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ, עֶס בְּרֶענְט בַּיי אִיהם אִין הַארְצְן אַ פְלַאם פַייעֶר וֶועלְכֶע ווִיל אוֹיסְגֵיין פַארְן בַּאשֶׁעפֶער.

עֶר גֶעדֵיינְקְט נָאךְ, מֵאִירְקֶע, יֶענֶעם אִינְדֶערְפְרִי, וֶוען דֶער פָאטֶער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען מִיט אַ בְּרֶען אוּן אוֹיךְ אִיהם, מֵאִיר'קֶען אוֹיפְגֶעוֶועקְט, זַיינֶע אוֹיגְן הָאבְּן גֶעפַייעֶרְט ווִי לִיכְט. עֶר גֶעדֵיינְקְט נָאךְ ווִי דֶער טַאטֶע אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיפְן בֶּעט אוּן זַיין קֶערְפֶּער הָאט גֶעבְּרֶענְט ווִי אַ פַייעֶר, אוּן דִי מַאמֶע הָאט פַארְוָוארְפְן דִי הֶענְט, גֶעוֵויינְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן:

— אוֹי מֵאִירְקֶע, אֶפְשֶׁר ווֵייסְטוּ וָואס אִיז מִיטְן טַאטְן גֶעשֶׁעהְן?!

דְרַיי טֶעג נָאכַאנַאנְד הָאט דֶער טַאטֶע

גֶעבְּרֶענְט אִין הִיץ, דִי דָאקְטוֹירִים הָאבְּן נִישְׁט גֶעהָאלְפְן. מֶען הָאט גֶעשִׁיקְט אַ קְוִויטְל צוּ רַבִּי מֹשֶׁה׳ן. צוּם דְרִיטְן טָאג אִיז דֶער טַאטֶע אַוֶועק פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוען זַיינֶע לִיפְּן זִינְגֶען ״לְכָה דוֹדִי לִקְרַאת כַּלָּה״...

לֵיידִיג אִיז דִי שְׁטוּבּ גֶעוָוארְן. דִי מַאמֶע אַ אַלְמָנָה, אוּן עֶר, מֵאִיר׳קֶע, וֶועלְכֶער אִיז נָאךְ גֶעוֶוען פַאר דִי בַּר מִצְוָה, הָאט גֶעמוּזְט פוּן חֵדֶר אַרוֹיסְגֵיין אוּן גֵיין אַרְבֶּעטְן בַּיי זַלְמָן מִילְנֶער, כְּדֵי צוּ בְּרֵיינְגֶען אַהֵיים מִיט וָואס צוּ שְׁפַּייזְן דִי שְׁטוּבּ. אַזוֹי הָאט מֵאִיר׳קֶע גֶעהָארֶעוֶועט אִין דֶער מִיהל. אִין דִי עֶרֶב שַׁבָּתִים אוּן יוֹם טוֹבִים אִיז עֶר גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען אִין גֶעשֶׁעפְט.

וִוי אוֹיסְגֶעמַאטֶערְט עֶר אִיז, מֵאִיר׳קֶע, שְׁרֶעקְלִיךְ עֶרְשֶׁעפְּט! זֵייעֶר אַ שְׁוֶוערֶער טָאג אִיז הַיינְט גֶעוֶוען. דִי זֶעק מֶעהל זַיינֶען אָפְּן, דִי וַוייבֶּער אֵיילְן אוּנְטֶער; גִיכֶער מֵאִירְקֶע, עֶס אִיז הַיינְט עֶרֶב יוֹם טוֹב! אוּן עֶר טַאנְצְט אוּן שְׁפְּרִינְגְט פוּן אֵיין זַאק צוּם אַנְדֶערְן. אֵיינֶעם דֶערְלַאנְגְט עֶר, אַ צְוֵוייטְן הוֹיבְּט עֶר אוּנְטֶער, אַ דְרִיטְן טְרָאגְט עֶר צוּ בִּיזְן הוֹיז. עֶרְשְׁט פַארְנַאכְט וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין קֵיין נֶפֶש

חַיָה נִישְׁטָא אִין קְלֵייט, גֵייט מֵאִיר׳קֶע אַרוֹיס פוּן קְלֵייט אוּן לוֹיפְט אַהֵיים.

זַיין מַאמֶע, דִי אַלְמָנָה, הָאט אִיהם צוּגֶעגְרֵייט וַוארֶעמֶע וַואסֶער, אוּן עֶר הָאט נָאךְ אוֹיסְפִּיעֶט זִיךְ אַרוּמְגֶעוואשְׁן פוּן דִי מֶעהל וָואס אוֹיף זַיין קֶערְפֶּער, אָבֶער עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן אוֹיף זַיינֶע קְלֵיידֶער אַ בִּיסְל פוּן דִי מֶעהל, אוּן וֶוען מֵאִיר׳קֶע שְׁטוּפְּט זִיךְ אַרַיין אִין שׁוּהל, שְׁרַייעֶן אוֹיף אִיהם אָן דִי עֶלְטֶערֶע: שְׁטוּפּ זִיךְ נִישְׁט. גִיבּ אַכְטוּנְג! אוּן דִי קְלֵיינְוַוארְג, זַיינֶע פְרִיעֶרְדִיגֶע חֲבֵרִים וָוארְנֶען אִיהם: זָאלְסְט אוּנְז נִישְׁט אוֹיסְשְׁמִירְן דִי נַייעֶ אָנְצוּגְלַאךְ!...

אוּן אָט שְׁטֵייט עֶר פַאר דֶעם צַדִיק רַבִּי מֹשֶׁה, אַ וֵוייכֶע פָּאטֶערְלִיכֶע הַאנְט נֶעמְט אִיהם אָן בַּיים בֶּעקְל, אוּן צְוֵויי אוֹיגְן וִוי צְוֵויי לִיכְטִיגֶע שְׁטֶערְן קוּקְן אוֹיף אִיהם מִיט גְרוֹיס לִיבְּשַׁאפְט אוּן רַחְמָנוּת: אַ גוּט יוֹם טוֹב דִיר, מַיין קִינְד, פַאר דִיר אוּן אוֹיךְ פַאר דַיין מוּטֶער! צְוֵויי פִינְגֶער גִיבְּן אַ אִיהם קְנִיפּ אִין בֶּעקְל. יָא, אַזוֹי פְלֶעגְט אִיהם אוֹיךְ זַיין פָאטֶער אוֹיסְדְרִיקְן זַיין לִיבְּשַׁאפְט וֶוען עֶר הָאט פַאר אִיהם אִיבֶּערְגֶעזָאגְט דִי חוּמָשׁ שַׁבָּת

נאָכמיטאָג.

*

שָׁבוּעוֹת בײנאַכט בײם צַדיק פון קאָבְרין — אַ נאַכְט פון אויף זַײן, אַ נאַכְט פון צוגְרײטוּנְג צום מַתַּן תּוֹרָה. װײניג האָבְּן זוֹכֶה געװען צו זיצְן בײם רֶבִּינְס טיש. צְוִוישְׁן די איז אויך געװען זַלְמָן מילְנֶער װעלְכֶער פְלֶעגְט צושְׁטֶעלְן פַארְן הויף מֶעהל אויף שַׁבָּת און יום טוב. די נִגוּנים בײ די סְעוּדָה איז געװען מַמָשׁ װי ״סִינַי״ גֶעזַאנְגֶען, װעלְכֶע האָבְּן אַרײנְגֶעדְרוּנְגֶען אין טיפֶענִישׁ פון דער נְשָׁמָה. אַזוי איז מֶען געזֶעצְן און פַארְבְּרֵיינְגְט מיטְן צַדיק בײם טִישׁ, מיט גְרויס לִיבְּשַׁאפְט און בײנְקֶענִישׁ און דער צַדיק — װי אַ אָדְלֶער װאָס שְׁוֶועבְּט איבֶּער זַײנֶע קְלֵיינֶע אָדְלֶערְלַאך.

אין קאָבְרִין פְלֶעגְט מֶען דַאוְונֶען שַׁחֲרִית גַאנְץ פְרִי. לויטֶערֶע און רֵיינֶע זַײנֶען די חֲסִידִים אַרויס פון דער טְבִילָה און זײ האָבְּן דאַן אויסְגֶעזֶען װי די יונְגֶע כֹּהֲנִים װעלְכֶע גְרֵייטְן זיך צו מַקְרִיב צו זַײן דעם קָרְבָּן פון יום טוב. גְרויסֶע און קְלֵיינֶע האָבְּן אונְטֶערְגֶעזוּכְט אין זײעֶרֶע מַעֲשִׂים, װײל גְרויס איז געװען דַאס צִיטֶערְנִישׁ אין די צַײט װען מֶען האָט

גֶעלַיינְט דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת, װעלְכֶע זַיינֶען אַרוֹיס גֶעקוּמֶען פוּן רֶבִּינְס מוֹיל מִיט אַ בֶּעזוּנְדֶער דֶערְהוֹיבּוּנְג.

דֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעשְׁטָאפְּט קָאפּ אוֹיף קָאפּ. אוֹיבְן אוֹיף דִי בִּימָה, שְׁטֵייעֶן דִי עֶלְטֶערֶע גֶעהוֹיבֶּענֶע חֲסִידִים אוּן נָאנְטֶע פוּן רֶבִּין. װען דֶער צַדִיק גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דֶער בִּימָה װֶערְט שְׁטִיל אִין בֵּית מִדְרָשׁ. אַלֶע הַאלְטְן אַיין דֶעם אָטֶעם אוּן הֶערְן מִיט גְרוֹיס יִרְאָה אוּן קְדוּשָׁה דִי אַקְדָמוּת. עֶס דוּכְט זִיךְ אַז דִי שְׁטִימֶע קוּמְט פוּן גָאר וַוייט, פוּן אַלְטֶע דוֹרוֹת אוּן פַייעֶרְדִיגֶע מִדְבָּרִיוֹת:

אַקְדָמוּת מִילִין וְשָׁרָיוּת שׁוּתָא
אַוְלָא שָׁקִילְנָא הַרְמָן וּרְשׁוּתָא.

עֶס הֶערְן זִיךְ פַייעֶרְדִיגֶע װֶערְטֶער, װעלְכֶע צִינְדְן אָן דִי הֶערְצֶער אוּן צוּרוּדֶערְן דִי גֶעמִיטֶער.

אַ גְרוֹיסֶע לִיכְטִיגְקֵייט צוּשְׁפְּרֵייט זִיךְ אוֹיף דִי גֶעזִיכְטֶער, דִי אוֹיגְן מַאכְן זִיךְ צוּ פוּן גְרוֹיס מְתִיקוּת אוּן דִי הַארְץ אִיז פוּהל מִיט בֵּיינְקֶענִישׁ, מַמָשׁ בִּיז כְּלוֹת הַנֶפֶשׁ:

מְרוֹמָם הוּא אֱלָקִין בְּקַדְמָא וּבַתְרַיְיתָא

צְבִי וְאִתְרְעֵי בָּן וּמָסַר לָן אוֹרַיְיתָא.

מֶען הוֹיבְּט אָן צוּ לֵייעֶנְען קְרִיאַת הַתּוֹרָה. דֶער גַאנְצֶער קָהָל שְׁטֵייט יֶעצְט וְוי בַּיים בַּארְג סִינַי אַרוּם דֶעם בַּארְג, אַרוּם דִי בִּימָה אַלֶע מִיט אֵיין הַארֶץ. "כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד" אוּן מֹשֶׁה שְׁטֵייט אוֹיבְן אוֹיף דֶער בִּימָה אוּן לֵייעֶנְט אַ פָּסוּק נָאךְ אַ פָּסוּק, אוּן דִי אוֹתִיוֹת וְוי וַוייסֶע טוֹיבְּן פְלִיהֶען אִין דֶער לוּפְטְן אוּן קְלַאפְּן מִיט זֵייעֶרֶע פְלִיגְלֶען אִיבֶּער דִי קֶעפּ פוּן דִי מֶענְטְשְׁן, וֶועלְכֶע שְׁטֵייעֶן אַיינְגֶעהִילְט אִין דִי טַלֵיתִים אוּן זֶעהֶען בְּחוּשׁ דִי קוֹלוֹת וּבְרָקִים.

אוּן דֶער רֶבִּי לֵייעֶנְט דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת: "אָנֹכִי ה׳ אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם"... זַיין שְׁטִימֶע קוּמְט וְוי פוּן אַ פִידֶל, אוּן דִי הֶערְצֶער וֶוערְן גֶעעֶפְנְט אוֹיף תְּשׁוּבָה אוּן חֲרָטָה, דִי אוֹיגְן זַיינֶען פוּהל מִיט טְרֶערְן, אוּן דִי אוֹיעֶרְן זַיינֶען גְרֵייט צוּ פַארְנֶעהמֶען יֶעדְן וָוארְט, יֶעדְן אוֹת. דֶער קוֹל פוּן צַדִיק וֶוערְט אַלְס שְׁטַארְקֶער אוּן שְׁטַארְקֶער. אָט הוֹיבְּט עֶר אוֹיף זַיין טַלִית מִיט דִי גָאלְדֶענֶע עֲטָרָה וֶועלְכֶע דֶעקְט אִיבֶּער זַיין קָאפּ, קוּקְט אָן אֵיינֶעם בַּיי אֵיינֶעם, אוּן זַיינֶע אוֹיגְן

דְרִינְגְען אַרַיין טִיף אִין דִי הֶערְצֶער, אוּן עֶר לַארֶעמְט מִיט אַ שְׁטַארְקֶע שְׁטִימֶע:

"זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְּשׁוֹ"!...

גְרוֹיס אִיז דֶער שְׁרֶעק, גְרוֹיס אִיז דִי צִיטֶערְנִישׁ, עֶס דוּכְט זִיךְ וִוי פַייֶערְדִיגֶע וֶוערְטֶער שְׁוֶועבְּן אִין דֶער לוּפְטְן.

לֹא תִגְנוֹב!

פוּן בְּרֶעג שׁוּהל וואוּ עֶס שְׁטֵייעֶן נֶעבְּן דִי טְהִיר דִי אָרֶעמֶע אוּן פְּשׁוּטֶע חֲסִידִים הֶערְט זִיךְ אַ שְׁטִילֶער גֶעוֵויין, עֶס דוּכְט זִיךְ אַז עֶס בְּרוּמְט אַ טוֹיבּ וֶועלְכֶע אִיז בַּיי אִיהר צוּבְּרָאכְן גֶעוָוארְן אַ פְלִיגְל. דֶער גֶעוֵויין וֶוערְט שְׁטַארְקֶער אוּן שְׁטַארְקֶער. עֶס הֶערְט זִיךְ וִוי אַ גֶעוֵויין פוּן אַ גֶעפְּלָאגְטֶע חַיָּה, וֶועלְכֶע אִיהְרֶע פַיינְד הָאבְּן אִיהר בַּארִינְגְלְט אוּן זִי לָאזְט אַרוֹיס אִיהר לֶעצְטְן זִיפְץ. מֵאִיר'קֶע דֶער יָתוֹם וֵויינְט עֶס.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוואוּנְקֶען צוּם שַׁמָּשׁ אַרוֹיף בְּרֵיינְגֶען מֵאִיר'קֶען אוֹיף דֶער בִּימָה. דֶער רֶבִּי קוּקְט אוֹיף אִיהם מִיט אַ גְרוֹיסְן גֶעפִיהל פוּן

רַחְמָנוּת, עֶר װִישְׁט אָפּ מִיט זַײן טַלִית דִי טְרֶערְן פוּן קִינְד און גֶעמְט אִיהם אַרַײן אונְטֶערְן טַלִית. עֶר אַלֵײן בְּרֶעכְט אוֹיס מִיט אַ גְעוֵוײן און מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן לֵײעֶנְט עֶר וַוײטֶער דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת:

וְלֹא תַעֲנֶה בְרֵעֲךָ עֵד שָׁקֶר, לֹא תַחְמוֹד בֵּית רֵעֶךָ.

און עֶר פִיהְרְט אוֹיס דֶערְנָאךְ דִי פַּרְשָׁה:

"לֹא תַעֲשׂוּן אִתִּי, אֱלֹהֵי כֶסֶף וֵאלֹהֵי זָהָב לֹא תַעֲשׂוּ לָכֶם"...

און דִי חֲסִידִים הֶערְן און וֵוײסְן נִישְׁט וָואס דֶער צַדִיק מֵײנְט דֶערְמִיט.

*

בַּײ דֶער סְעוּדָה פוּן יוֹם טוֹב הָאט דֶער צַדִיק רַבִּי מֹשֶׁה דֶערְצֵײלְט:

דֶער דָאזִיגֶער יָתוֹם, מֵאִיר'קֶע, וֶועלְכֶער אַרְבֶּעט אִין גֶעשֶׁעפְט פוּן זַלְמָן מִילְנֶער, הָאט זִיךְ פַּארְוִוילְט אַהֵײם צוּטְרָאגְן פַאר זַײן מוּטֶער אַבִּיסְל

זֶעמֶעלֶע־מֶעהל אוֹיף דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. עֶר הָאט גֶעזֶעהן ווי דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט פְּרוֹיעֶן קוֹמֶען אַרַיין אִין גֶעשֶׁעפְט אוּן אַלֶע קוֹיפְן אַיין מֶעהל צוּ בַּאקְן חַלוֹת אוֹיף יוֹם טוֹב, נָאר פַּאר זַיין מוּטֶער דִי אַלְמָנָה אִיז נִישְׁטָא, אוּן זַלְמָן מִילְנֶער, דֶער רַייכֶער בַּעַל הַבַּיִת פוּן גֶעשֶׁעפְט, קֶען גָארְנִישְׁט פַארְשְׁטֵיין אַז מֶען דַארְף דֶערְקְוויקְן דִי הַארְץ פוּן דִי אַלְמָנָה מִיטְן יָתוֹם, וָועלְכֶער הָארֶעוועט אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, אוּן אִיהר אוֹיךְ אַרַיינְשִׁיקְן אַבִּיסְל מֶעהל אוֹיף יוֹם טוֹב. מֵאִירְקֶע אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶער זִיךְ. אֵיידֶער עֶר הָאט פַארְשְׁלָאסְן דִי קְלֵייט פַּאר יוֹם טוֹב, אוּן עֶר אִיז דַאן גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, הָאט עֶר גֶעזֶעהן אַ בֵּייטְל מֶעהל, אִיז עֶר נִישְׁט בַּייגֶעשְׁטַאנֶען דֶעם נִסָיוֹן אוּן עֶס אַהֵיים גֶענוּמֶען. יֶעצְט בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה הֶערְנְדִיג דִי וֶוערְטֶער ״לֹא תִגְנוֹב!״ הָאט עֶר זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס עֶר הָאט גֶעטְהוּן אוּן זַיין הַארְץ אִיז פוּהל גֶעוָוארְן מִיט חֲרָטָה. עֶר הָאט דֶערִיבֶּער אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן מִיט אַ גֶעוֵויין.

דֶער דָאזִיגֶער חֲרָטָה פוּן גֶעפְּלָאגְטְן אוּן אוֹיסְגֶעמוּטְשֶׁעטְן אָרִימֶער יָתוֹם׳ל הָאט גֶעשְׁפָּאלְטְן הִימְלֶען אוּן אַרוֹיף בִּיז צוּם כִּסֵא הַכָּבוֹד — גְדוֹלָה

תְּשׁוּבָה שֶׁמַגַעַת עַד כִּסֵא הַכָּבוֹד — עֶס אִיז דַאן גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער שְׁעַת רָצוֹן אִין הִימְל. מֶען הָאט גֶעוַוארְט אוֹיף דִי תְּשׁוּבָה פוּן זַלְמָן מִילְנֶער, וֶועלְכֶער הָאט פַארְלָארְן דֶעם גֶעפִיהל ווִי זִיךְ צוּ בַּאגֵיין מִיט נִידֶערְשְׁלָאגֶענֶע אוּן פַארְפַיינִיגְטֶע נְשָׁמוֹת. אַ שָׁאד וָואס עֶר הָאט דַאן נִישְׁט אוֹיסְגֶענִיצְט דֶעם עֵת רָצוֹן.

— אוּן דֶעם קִינְדְס גֶעוויין הָאט פַאר אִיהם עֶרְוֶועקְט אַ יְשׁוּעָה אוּן אַ גְרוֹיסֶער לִמוּד זְכוּת אוֹיף אִידְן, דָאס אֲפִילוּ דִי קְלֵיינֶע פוּן זֵיי זַיינֶען פוּהל מִיט יִרְאָה אוּן אַהֲבָה פַארְן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים.

צְווייטֶער קַאפִּיטְל: לֵיל שָׁבוּעוֹת

תִּקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

דֶער גְרוֹיסֶער שָׁבוּעוֹת

אַ גְלִיקְלִיכֶע נַאכְט

שָׁבוּעוֹת אִין לוּבְּלִין

דִי גֶעשְׁלָאסֶענֶע שׁוּתָּפוּת

נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען...

אַ שָׁבוּעוֹת נַאכְט אִין יְשִׁיבָה



תִּקּוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת

דֶער שְׁלָ"ה הַקָּדוֹשׁ, הַגָּאוֹן רַבִּי יְשַׁעְיָה הַלֵּוִי הוּרְווִיץ זצ"ל, שְׁרַייבְּט אִין זַיין סֵפֶר "שְׁנֵי לוּחוֹת הַבְּרִית" (מַסֶּכֶת שָׁבוּעוֹת — עַמּוּד הַתּוֹרָה):

— אִיךְ וֶועל שְׁרַייבְּן אַ מַעֲשֶׂה וָואס אִיז גֶעשֶׁעהן נָאנְט צוּ אוּנְזֶער צַייט, וָואס הָאט פַאְרשְׁרִיבְּן הַמְקוּבָּל רַבִּי שְׁלֹמֹה הַלֵּוִי אַלְקַבֶּץ זצ"ל (מְחַבֵּר פוּן "לְכָה דוֹדִי") וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ בַּאהֶעפְט צוּם גָאוֹן רַבִּי יוֹסֵף קָארוֹ זצ"ל, (דֶער "בֵּית יוֹסֵף" אוּן מְחַבֵּר פוּן שֻׁלְחָן עָרוּךְ), אוּן רוּחַ הַקוֹדֶשׁ הָאט עֶרְשַׁיינְט אוֹיף אִיהם. עֶר שְׁרַייבְּט וִוי פָאלְגֶענְד פַארְקִירְצְט:

— אִיהר זָאלְט ווִיסְן דָאס מִיר הָאבְּן בַּאשְׁטִימְט אוֹיף צוּ זַיין דִי גַאנְצֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת אוּן בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס הָאט אוּנְז גֶעלוּנְגֶען. דָא רֶעכְנְט עֶר אוֹיס וָואס מֶען הָאט גֶעלֶערְנְט פוּן דִי תּוֹרָה

וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּ מַתַּן תּוֹרָה אוּן שְׁמַע יִשְׂרָאֵל, נַאכֶער פוּן דִי הַפְטוֹרוֹת, שִׁיר הַשִּׁירִים אוּן רוּת. אוּן דָאס אַלֶעס מִיט פָּארְכְט, מִיט אַ נִיגוּן אוּן מִיט אַזַא גוּטְן טַעַם אַז עֶס אִיז נִשְׁט צוּם גְלוֹיבְּן אַז מֶען וֶועט עֶס שִׁילְדֶערְן. נַאכֶער הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט קַבָּלָה אוּן מִשְׁנַיוֹת. מִיר הָאבְּן נָאר אוֹיסְפִּיעֶט צוּ עֶנְדִיגְן צְוֵויי מַסֶכְתּוֹת מִשְׁנַיוֹת, הָאט אוּנְז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען אוּן מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט אַ שְׁטִימֶע וָואס הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶערֶעדְט פוּן רַבִּי יוֹסֵף קַארוֹ, אַ שְׁטַארְקֶע קְלָארֶע שְׁטִימֶע. פוּן מוֹרָא זַיינֶען מִיר גֶעפַאלְן אוֹיפְן פָּנִים (דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער מַלְאָךְ וָואס הָאט גֶעלֶערְנְט מִיטְן "בֵּית יוֹסֵף"). מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פוּן אִיהם דִי וֶוערְטֶער:

— הֶערְט מַיינֶע פְרַיינְד, וואוּיל אִיז אַייךְ אִין דֶער וֶועלְט, וואוּיל אִיז אַייךְ אִין יֶענֶע וֶועלְט. שְׁטַארְקְט זִיךְ, אִיהר זַיינְט פוּן דִי "בְּנֵי עֲלִיָה". דֶער קוֹל פוּן אַייעֶר תּוֹרָה אִיז אַרוֹיף פַארְן אוֹיבֶּערְשְׁטְן. הִימְלֶען הָאט עֶס גֶעשְׁפָּאלְטְן, אוּן מַלְאָכִים וּשְׂרָפִים הָאבְּן גֶעשְׁווִיגְן צוּ הֶערְן אַייעֶר קוֹל. אִיךְ בִּין עֶס דִי מִשְׁנָה, אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען רֶעדְן צוּ אַייךְ. וָואלְט אִיהר גֶעוֶוען אַ מִנְיָן וָואלְט אִיהר נָאךְ גְרֶעסֶער גֶעוֶוען. וואוּיל אִיז צוּ אַייךְ וָואס אִיהר נֶעמְט צוּ

דֶעם שְׁלָאף פוּן דִי אוֹיגְן אוּן אִיהר זַיינְט נִישְׁט ווִי מֶענְטְשְׁן וָואס לִיגְן אִין דִי בֶּעטְן. אִיהר הָאט זִיךְ בַּאהֶעפְט צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיט אַייךְ.

דֶער מַלְאָךְ פוּן דִי מִשְׁנָה הָאט גֶערֶעדְט אוּן אוּנְזֶערֶע אוֹיעֶרְן הָאבְּן עֶס גֶעהֶערְט. פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה הָאבְּן מִיר גֶעוֵויינְט. מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן גֶעלֶערְנְט בִּיז אִינְדֶערְפְרִי. נַאכֶער הָאבְּן מִיר זִיךְ גֶעטוֹבְלְט צוּם דַאוְונֶען. מִיר הָאבְּן גֶעפוּנֶען אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים אוּן זֵיי דֶערְצֵיילְט פוּן דִי נַאכְט. הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט פַארְוָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועןְ צוּ זַיין מִיט אוּנְז. אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַז דִי צְוֵוייטֶע נַאכְט (יוֹם טוֹב שֵׁנִי פוּן שָׁבוּעוֹת) זָאלְן מִיר ווִידֶער אוֹיף זַיין מִיט אַ מִנְיָן.

אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט מִיט אַ מִנְיָן אוּן דֶער מַלְאָךְ אִיז בַּאלְד גֶעקוּמֶען אוּן ווִידֶער גֶערֶעדְט מוֹרָא'דִיגֶע רֵייד. עֶר הָאט גֶעזָאגְט:

— וֶוען עֶס וָואלְט גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן רְשׁוּת, וָואלְט דִי אוֹיג גֶעזֶעהן ווִי אַ פַייעֶר רִינְגְלְט אַרוּם דִי

שְׁטוּב, דֶערִיבֶּער שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן זָאגְט מִיט אַ הוֹיכְן קוֹל שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אוּן בָּרוּךְ שֵׁם כְּבוֹד וִוי אִין יוֹם כִּפּוּר.

*

מִיר הָאבְּן גֶעבְּרֶיינְגְט בְּלוֹיז אַ קִיצוּר פוּן אַ קִיצוּר. זֶעה דֶעם בְּרִיוו אִין שְׁלָ"ה הַקָדוֹשׁ וָואס פִּיהרְט אוֹיס: "אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה כָּל אֵלֶה", ווארויל אִיז דִי אוֹיג וָואס הָאט דָאס גֶעזֶעהן, אָבֶּער יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל זִיךְ הֵייליגְן אוּן רֵיינִיגְן בְּתוֹסֶפֶת קְדוּשָׁה. עֶר בְּרֶיינְגְט אוֹיךְ פוּן זוֹהַר הַקָדוֹשׁ אַז מֶען דַארְף זַיין וַואךְ דִי גַאנְצֶע נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה. עֶר שְׁרַייבְּט דֶעם סֵדֶר וָואס מֶען זָאל לֶערְנֶען: אַ חֵלֶק פוּן תּוֹרָה נְבִיאִים וּכְתוּבִים, דִי שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנָה, סֵפֶר יְצִירָה, זוֹהַר וְתַרְיַ"ג מִצְווֹת (לוֹיטְן סֵדֶר פוּן "תִּקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת").

דֶער גְרוֹיסֶער שָׁבוּעוֹת

דָאס אִיז גֶעוֶועזְן אִין יָאהר תרמ״ג, דָאס יָאהר, אִין וֶועלְכְן דֶער אַלְטֶער סאַדאַגוֹרֶער צַדִיק, רַבִּי אַבְרָהָם יַעֲקֹב זצ״ל אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן. אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט דִי זְכִיָה צוּ זַיין בַּיים צַדִיק דֶעם לֶעצְטְן שָׁבוּעוֹת, וֶועלְכֶע דִי חֲסִידִים רוּפְן סְתָם: ״דֶער גְרוֹיסֶער שָׁבוּעוֹת״!

שׁוֹין פִיהל יָאהרְן וָואס אִיךְ וֵוייס נִישְׁט דֶעם טַעַם פוּן אָבְּהַאלְטְן אַ יוֹם טוֹב בַּיי זִיךְ אִין דֶער הֵיים, נִישְׁט בַּיי אַ גוּטְן אִידְן. בַּיי שַׁארְפֶע חֲסִידִים זֶעהט עֶס אוֹיס וָואכֶעדִיג צוּ זוּכְן דֶעם עוֹנֶג יוֹם טוֹב בַּיי זִיךְ אִין דֶער הֵיים, בַּיים ״סִיר הַבָּשָׂר״, בַּיי פִישׁ אוּן בַּיי וַויין. דֶער ״עוֹנֶג יוֹם טוֹב״ מוּז מֶען פִיהלְן מִיט דֶער נְשָׁמָה; אוּן פִיהלְן, קֶען מֶען בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט בַּיי דֶער גַשְׁמִיוּת׳דִיגֶער סְבִיבָה פוּן דִי בְּנֵי בַּיִת, נָאר בַּיים צַדִיק, וואוּ אַלֶעס אִיז בַּיינַאמֶען,

דֶער קָאפּ מִיט דִי אֵבָרִים, דֶער רֶבִּי מִיט דִי חֲסִידִים, וֶועלְכֶע בִּילְדֶן צוּזַאמֶען אַ גַאנְצֶע קֶערְפֶּערְשַׁאפְט, אַ "קוֹמָה שְׁלֵמָה".

וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהֶן אוּן נִישְׁט מִיטְגֶעמַאכְט דֶעם לֶעצְטְן שָׁבוּעוֹת אִין סַאדַאגוּרֶע, הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְזוּכְט דֶעם זִיסְן טַעַם פוּן "וְגִילוּ בִּרְעָדָה". עֶס אִיז גֶעוֶוען מַמָשׁ דִי זֶעלְבֶע בְּחִינָה ווִי בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה. אַלְנְפַאלְס הָאבְּן אַזוֹי בֶּעהוֹיפְּטֶעט דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע חֲסִידִים. וַוייל בְּנוֹגֵעַ צוּ מַיין אֵייגֶענֶער הַרְגָּשָׁה, וֶועט אִיהר בַּאלְד הֶערְן, אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט וֶוערְד גֶעוֶוען מִיטְצוּמַאכְן דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה; אוּן הָאבּ זִי, בַּעֲווֹנוֹתַי הָרַבִּים, פַארְשְׁלָאפְן.

דִי שְׁטִימוּנְג פוּן דִי חֲסִידִים אִין יֶענֶער שָׁבוּעוֹת־נַאכְט, אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גֶעדְרִיקְט. דֶעם רֶבִּינְס קְרֶעכְצֶען בַּיי דֶער שְׁמוֹנָה עֶשְׂרֵה פוּן מַעֲרִיב, זַיינֶען גֶעוֶוען מוֹרָא׳דִיג. אַלֶע אוֹיגְן זַיינֶען גֶעוֶוען פוּל מִיט טְרֶערְן אוּן אוֹיף יֶעדְן הַארְץ אִיז גֶעלֶעגְן ווִי אַ שְׁוֶוערֶער שְׁטֵיין, דְרִיקְנְדִיג עַד כְּלוֹת הַנֶפֶשׁ. הַפָּנִים, עֶס הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעפִיהלְט אִין דֶער לוּפְט, אַז עֶס הֵיינְגְט אַ בִּיטֶערֶער גְזַר דִין אִיבֶּער אוּנְזֶערֶע קֶעפּ. אֶפְשֶׁר הָאט דָאס גֶעהַאט אַ שַׁיָיכוּת מִיט דֶער

חֲסִידִישֶׁער בֶּעהוֹיפְּטוּנְג, אַז דֶער צַדִיק אִיז דֶער "עֵץ חַיִים" אוּן דִי חֲסִידִים זַיינֶען דִי צְוַוייגְן, וֶועלְכֶע הָאבְּן שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ פִיהלְן, אַז דִי וָוארְצְלֶען פוּן דֶעם בּוֹים פֶערְלִירְן זֵייעֶר הַשְׁפָּעָה אוּן דִי יְנִיקָה פוּן דֶעם רוּחְנִיוּת'דִיגְן זַאפְט וֶוערְט שְׁוַואכֶער.

פִיהלֶנְדִיג דִי הַרְגָשָׁה, הָאט זִיךְ יֶעדֶער אֵיינֶער גֶעשְׁטוּפְּט, מַמָשׁ מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ, זִיךְ גוּט אַיינְצוּקוּקְן אִין דֶעם רֶבִּינְס הֵיילִיגֶע צוּרָה, גְלַייךְ ווִי דָאס הַארְץ וָואלְט אִיהם גֶעזָאגְט, אַז אָט פָּארְט עֶר נָאךְ יוֹם טוֹב אַהֵיים, אוּן עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין בִּיכוֹלֶת צוּ זֶעהן דֶעם צַדִיק.

דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת אִיז בַּיי דִי סַאדַאגוּרֶער חֲסִידִים פַארְרֶעכְנְט פַאר דֶעם ווִיכְטִיגְסְטְן זְמַן פוּן דֶעם גַאנְצְן יָאהר. אָט זִיצְן דִי חֶבְרֶה-לַייט אִין קְלוֹיז זָאגְנְדִיג פָּשׁוּט "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת". פְּלוּצִים בְּרֵיינְגְט מֶען אַ בִּיסֶעלֶע מַשְׁקֶה, מֶען טְרִינְקְט לְחַיִים, מֶען צוּזִינְגְט זִיךְ אוּן מֶען כַּאפְּט אַ רְקִידָה'לֶע אוּן עֶס פִיהלְט זִיךְ אֶמֶת בְּגִילוּפִין'דִיג. דָאס אַלֶעס אִיז אָבֶּער נָאר כִּקְלִיפַּת הַשׁוּם, אַנְטְקֶעגְן דֶער גְרוֹיסֶער, הִימְלִישֶׁער שִׂמְחָה,

בִּשְׁעַת דֶער רֶבִּי גֵייט נָאכְן "תִּקוּן" אִין מִקְוָה אַרַיין. דָאס אִיז כַּעֲלוֹת הַבֹּקֶר, אוּן וִוי עֶס הוֹיבְּט נָאר אָן צוּ טָאגְן. דֶער סוֹד פוּן דֶער "טְבִילָה" אִיז זֵייעֶר אַ טִיפֶער עִנְיָן. דִי שִׂמְחָה פוּן דִי טוֹיזְנְטֶער חֲסִידִים וֶועלְכֶע גֵייעֶן מִיטְן רֶבִּין אִין מִקְוָה, זֵייעֶר זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אִיז אֵין לְשַׁעֵר. יֶעדֶער פִּיהלְט דַאמָאלְס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְרוֹמְמוּת הַנֶּפֶשׁ, אַ מִין "יְצִיאָה מִן הַכֵּלִים", וֶועלְכֶעס מֶען קֶען נִישְׁט אִיבֶּערְגֶעבְּן מִיטְן מוֹיל.

וִוי גֶעזָאגְט, זַיינֶען דִי חֲסִידִים גֶעוֶוען יֶענֶע שָׁבוּעוֹת-נַאכְט אַבִּיסְל מָרָה שְׁחוֹרָה'דִיג. אָבֶּער חֲסִידִים זַיינֶען דָאךְ חֲסִידִים. זֵיי וֵוייסְן, אַז עַצְבוּת אִיז מַעֲשֶׂה "בַּעַל-דָבָר", וֶועלְכֶער וִויל נָאר פַארְשְׁטֶערְן זֵייעֶר שִׂמְחַת יוֹם טוֹב, כְּדֵי אַרַיינְצוּגֶעבְּן חִיוּת אִין דִי סִטְרָא אַחֲרָא. מִיט דֶעם כֹּחַ פוּן אַ בִּיסְל מַשְׁקֶה הָאבְּן זֵיי בַּאלְד פַארְטְרִיבְּן דָאס עַצְבוּת. עֶס אִיז בַּאלְד גֶעוָוארְן לֶעבֶּעדִיג. דִי חֶבְרֶה הָאט גֶעזוּנְגֶען מִיט כָּל הַכֹּחוֹת, וְגַם אֲנִי הַקָּטָן בְּתוֹכָם, הָאפְנְדִיג אוֹיף דֶער גְלִיקְלַאכֶער מִינוּט, וֶוען דֶער רֶבִּי וֶועט אִין אַ מַזָל'דִיגֶער שָׁעָה גֵיין אִין מִקְוָה אַרַיין.

הַפָּנִים, אַז אִיךְ בִּין נָאךְ נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין אויסגֶעפְּרַאוֶועטֶער חָסִיד, וַוייל אִיךְ בִּין בַּאלְד מִיד גֶעוָוארְן און אַנִידֶערְגֶעפַאלְן ווי אַ הָרוּג. וַוייל וִויסְן מוּזְט אִיהר, אַז מִיד ווערְן אִיז גָאר נִישְׁט מַעֲשֶׂה חָסִיד. דֶער אֶמֶתֶער חָסִיד, וָואס מֶעהר עֶר טַאנְצְט און זִינְגְט לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, אַלְץ מֶעהר הִימְלִישְׁן כֹּחַ בַּאקוּמְט עֶר, אַ מִין "אִתְעֲרוּתָא דִלְעֵילָא", אַזוֹי אַז עֶר פִיהלְט זִיךְ בִּיכוֹלֶת צוּ מַאכְן מִיט-טַאנְצְן מִיט זִיךְ דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אַזוֹי ווי אִיךְ בִּין אָבֶער, לֹא עֲלֵיכֶם, מִיד גֶעוָוארְן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַ בִּיסְל צוּגֶעלֵייגְט אִין דְרוֹיסְן אוֹיף דִי שְׁטֵיינֶער אִין דֶעם הוֹיף פוּן דֶער נַייעֶר קְלוֹיז, כְּדֵי צוּ כַאפְּן כָאטְשׁ אַ דְרִימְל, אַ שֵׁינַת עֲרַאי, הָאפְנְדִיג, אַז דֶער טוּמְל פוּן דֶעם זִינְגֶען וֶוען דִי חֲסִידִים וֶועלְן פִיהרְן דֶעם רֶבִּין אִין דֶער מִקְוָה, וֶועט מִיר אוֹיפְוֶועקְן פוּן מַיין שְׁלָאף, און אוֹיךְ אִיךְ וֶועל זַיין בִּיכוֹלֶת זִיךְ צוּ בַּאטֵיילִיגְן "בְּהַאי וַעֲדָא", אִין דֶער הִימְלִישֶׁער שִׂמְחָה.

אִין מַיין טִיפְן שְׁלָאף הָאבּ אִיךְ פְּלוּצִים דֶערְהֶערְט אַ ווּאוּנְדֶערְלִיךְ זִיס גֶעזַאנְג פוּן טוֹיזְנְטֶער קוֹלוֹת, וֶועלְכֶעס הָאט גֶעקְלוּנְגֶען אִין מַיינֶע אוֹיעֶרְן. אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט אַבִּיסְל מַיינֶע

מִידֶע, פַארְשְׁלָאפֶענֶע אויגְן און דֶערְזֶעהְן אַ אוּנְגֶעהוֹיעֶרְעס בְּלִישְׁטְשֶׁען פון טוֹיזְנְטֶער לִיכְט און אַ טַאנְצְן פון אַ טוֹיזְנְט קֶעפִּיגֶער מַאסֶע אַרוּם דֶעם צַדִיק. עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעדוּכְט, אַז דֶער גַאנְצֶער הוֹיף טַאנְצְט מִיט, צוּזַאמֶען מִיט דִי שְׁטֵיינֶער אוֹיף וֶועלְכְן אִיךְ לִיג. אִין דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת עֶפְנְט זִיךְ דֶער הִימְל און וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה קֶען דַאמָאלְס זֶעהְן "מַרְאוֹת אֱלֹקִים", און דָאס אִיז זִיכֶער גֶעוֶוען בְּאוֹתוֹ הָרֶגַע וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה. אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ אָבֶער נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין זְכִיָה מְקַבֵּל צוּ זַיין דֶעם רֶבִּין בִּין אִיךְ צוּרִיק אַנְטְשְׁלָאפְן גֶעוָוארְן.

פִיהל מֶער וִוי אִיךְ הָאבּ גֶעזֶעהְן אִין מַיין הַאלְבּ פַארְשְׁלָאפֶענֶעם צוּשְׁטַאנְד, הָאבְּן דֶעמָאלְט דִי חֲסִידִים גֶעזֶעהְן בְּהָקִיץ, אִין דֶער ווירְקְלִיכְקַייט. עֶס וֶוערְט בֶּעהוֹיפְּטֶעט, אַז דִי גַאנְצֶע חַבְרַיָא קַדִישָׁא, וָואס הָאבְּן בֶּעגְלֵייט דֶעם רֶבִּין אִין מִקְוֶה אִין יֶענֶער שָׁבוּעוֹת-נַאכְט, הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ גְרוֹיסֶע הַשָּׂגוֹת. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי "בִּרְכַּת הַפְּרֵידָה", וֶועלְכֶע דֶער רֶבִּי זצ"ל הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט, דֶעם לֶעצְטְן יוֹם טוֹב, פַאר זַיינֶע חֲסִידִים. הַפָּנִים, אַז עֶס אִיז בֶּאֱמֶת גֶעוֶוען זֵייעֶר

אִינְטֶערֶעסַאנְט. וְהָא רַאַיָה, דָאס אִיךְ, און מִן הַסְתָּם נָאךְ אַנְדֶערֶע וָואס זַיינֶען נִישְׁט רָאוּי גֶעוֶוען דָאס צוּ זֶעהן, הָאבְּן עֶס פֶערְשְׁלָאפְן.

און דֶער "טִישׁ" אִיז דֶעמָאלְס גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער. דֶער רֶבִּי ז"ל אִיז כְּסֵדֶר גֶעזֶעסְן פֶער'מֹחַ'ט. דָאס נִיגוּנְדְל, וָועלְכֶעס עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג זִינְגֶען שְׁטִילֶערְהֵייט בַּיי יֶעדְן טִישׁ, הָאט עֶר דֶעמָאלְס גֶעזוּנְגֶען כִּמְעַט בְּקוֹל רָם, מִיט אַזַא דְבֵיקוּת, מִיט אַזַא מִין הִתְעוֹרְרוּת, אַז עֶס הָאט גֶעצוֹיגְן קְוַואלְן טְרֶערְן פוּן דֶעם גַאנְצְן עוֹלָם. אַ מוֹרָא'דִיגֶע שְׁטִילְקַייט הָאט גֶעהֶערְשְׁט צְוִוישְׁן דִי טוֹיזְנְטֶער חֲסִידִים וָואס הָאבְּן אָנְגֶעפִּילְט דֶעם גְרוֹיסְן רִיזִיגְן "סַאלָאשׁ". מֶען הָאט גֶעזֶען בְּחוּשׁ, אַז דֶער "טִישׁ" אִיז גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ פוּן אַלֶע "טִישְׁן"; וֶוען אַלֶע טִישְׁן זַיינֶען קוֹדֶשׁ אִיז דֶער טִישׁ קוֹדֶשׁ קָדָשִׁים. "תּוֹרָה" בַּיים טִישׁ הָאט דֶער רֶבִּי דֶעמָאלְט נִישְׁט גֶעזָאגְט; דֶערְפַאר הָאט עֶר גֶעהֵייסְן זִינְגֶען בַּיים טִישׁ דָאס קַאפִּיטְל "אָב הָרַחֲמִים". אַ מִין הַזְכָּרַת נְשָׁמוֹת אִין פָארְאוֹיס...

ווי אִיהר וֵוייסְט, אִיז אִין סַאדַאגוּרֶע בַּיים אַלְטְן ז"ל גֶעוֶוען אַ מִנְהָג, אַז נָאכְן טִישׁ, פְלֶעגְן דִי

חֲסִידִים טַאנְצְן מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת, אִין הוֹיף פַארְן רֶבִּינְס פֶענְסְטֶער. דָאס טַאנְצְן אִיז גֶעוֶוען אַ מִין אַרוֹיסְפָאדֶערוּנְג, אַז דֶער צַדִיק זָאל זִיךְ בֶּעוַוייזְן בַּיים פֶענְסְטֶער אוֹיף אֵיין רֶגַע. דָאס אִיז תָּמִיד גֶעשֶׁעהן. פְרִיהֶער אָדֶער שְׁפֶּעטֶער, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי פְּלוּצִים אַ וַוייז גֶעטְהוּן, בַּיים פֶענְסְטֶער, תָּמִיד מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוֹיף זַיינֶע בְּלַאסֶע לִיפְּן. דֶערְזֶעהֶענְדִיג דֶעם צַדִיק'ס צוּרָה, וֶועלְכֶעס אִיז בַּיי דִי גֶעהוֹיבֶּענֶע חֲסִידִים בֶּעטְרַאכְט גֶעוָוארְן ווִי "קַבָּלַת פְּנֵי הַשְׁכִינָה", אִיז גֶעוָוארְן אַ הִימְלִישֶׁע שִׂמְחָה צְוִוישְׁן דִי טַאנְצְנְדִיגֶע חַבְרַיָא. אִין דֶער רֶגַע הָאט גֶעשְׁטֶעקְט דֶער גַאנְצֶער סוֹד פוּן "עוֹלֶה רֶגֶל" זַיין.

אוֹיךְ יֶענֶעם לֶעצְטְן שָׁבוּעוֹת, ווִי שְׁלֶעכְט גֶעשְׁטִימְט דִי חֲסִידִים זַיינֶען גֶעוֶוען, הָאבְּן זֵיי גֶעטְהוּן דָאס זֵייעֶרִיגֶע. זֵיי הָאבְּן גֶעזוּנְגֶען, גֶעטַאנְצְט, פָּשׁוּט מַרְעִישׁ עוֹלָמוֹת גֶעוֶוען, אָבֶּער אוּמְזִיסְט, אֵין קוֹל וְאֵין עוֹנֶה.

אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן אִין זַיין חֶדֶר, אַרוּמְגֶערִינְגְלְט פוּן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן גַאנְץ נָאהֶנְטֶע מְקוּרָבִים, זֵייעֶר פֶער'דְבֵקָה'ט מִיט

פֶערגְלֵייזְטֶע אוֹיגְן, נִישְׁט הֶערְנְדִיג דָאס אוּנְגֶעהוֹיעֶרֶע זִינְגֶען אוּן רַעשְ׳דִיגֶער טַאנְצְן פַאר זַיינֶע פֶענְסְטֶער.

פְלוּצִים הָאט דֶער רֶבִּי ז״ל אוֹיפְגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן, זִיךְ אַרוּמְגֶעקוּקְט אוֹיף אַלֶע זַייטְן, גְלַייךְ וְוִי עֶר וָואלְט עֶרְשְׁט זִיךְ אוֹיפְגֶעכַאפְּט פוּן אַ טִיפְן שְׁלָאף, אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זָאגְן תּוֹרָה אוֹיפְן פָּסוּק: ״לֵךְ אֱמוֹר לָהֶם שׁוּבוּ לָכֶם לְאָהֳלֵיכֶם״, זֵייעֶר טִיפֶע אוּן הוֹיכֶע עִנְיָנִים. דֶער אִינְהַאלְט פוּן דֶער ״תּוֹרָה״ אִיז גֶעוֶוען, אַז פַארְן צַדִיק הַדוֹר אִיז פֶערְהַאנֶען אַ בֶּעשְׁטִימְטֶע צַייט וְוִי לַאנְג עֶר זָאל קֶענֶען טְהוּן טוֹבוֹת דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל זַייעֶנְדִיג אוֹיף דֶעם עוֹלָם הַשָׁפָל. עֶס קוּמְט אָבֶּער אַ צַייט, וֶוען דֶעם צַדִיק׳ס כֹּחַ אוֹיף דֶעם עוֹלָם לָאזְט זִיךְ אוֹיס אוּן זַיין כֹּחַ אוּן יְכוֹלֶת אִיז נָאר צוּ קֶענֶען אַ טוֹבָה טְהוּן זַייעֶנְדִיג אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת. דֶעמָאלְס הֶערְט דֶער צַדִיק אַ קוֹל מִשָׁמַיִם זָאגְנְדִיג צוּ אִיהם: ״לֵךְ אֱמוֹר לָהֶם, שׁוּבוּ לָכֶם לְאָהֳלֵיכֶם״, זָאג זֵיי, דַיינֶע חֲסִידִים, אַז דִי צַייט אִיז גֶעקוּמֶען זֵיי זָאלְן אַהֵיימְפָאהְרְן גֶעזוּנְטֶערְהֵייט: ״וְאַתָּה פֹּה עֲמוֹד עִמָּדִי״, וַוייל דוּ דַארְפְסְט פֶערְבְּלַייבְּן דָא מִיט מִיר.

אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי ז״ל הָאט גֶעעֶנְדִיגְט די דִבּוּרִים, הָאט עֶר אַ וואוּנְק גֶעגֶעבְּן צוּ די קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אָבְּטְרֶעטְן און אַהֵיים גֵיין. דַאן הָאט עֶר בֶּעפוֹילְן דֶעם גַבַּאי עֶר זָאל זָאגְן די חֶבְרֶה זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֶערְן צוּ טַאנְצְן, כְּדֵי אִיהם נִישְׁט מְבַלְבֵּל צוּ זַיין פוּן זַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, און גֵיין צוּ די קִינְדֶער, דָארְטְן זִיךְ וַוייטֶער מְשַׂמֵחַ צוּ זַיין, ״כִּי חֶדְוַת הַשֵׁם הִיא מָעוּזְכֶם״, וַוייל דֶער כֹּחַ פוּן חֲסִידִים, אֲפִילוּ עַל כָּל צָרָה שֶׁלֹא תָבֹא, אִיז נָאר דוּרְךְ שִׂמְחָה.

די מְקוּרָבִים הָאבְּן שוֹין דֶעמָאלְט פֶערְשְׁטַאנֶען די כַּוָנָה פוּן די דִבּוּרִים און הָאבְּן זִיךְ שוֹין גֶערִיכְט אוֹיף דֶעם בִּיטֶערְן גְזַר־דִין.

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגֶער יוֹם טוֹב וָואס דֶער רֶבִּי ז״ל הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעווִיזְן בַּיים פֶענְסְטֶער און נִישְׁט גֶעשְׁמֵייכְלְט.

אַ גְלִיקְלִיכֶע נַאכְט

דִי פְרֵייד פוּן דֶעם צֶעהְן יֶעהְרִיגְן הֶערְשֶׁעלֶע אִיז גֶעוֶוען אוֹיסֶערְגֶעוֵויינְלִיךְ. דֶער טַאטֶע הָאט אִיהם צוּגֶעזָאגְט אַז הַיינְטִיגְס יָאהר וֶועט עֶר אִיהם שׁוֹין לָאזְן זַיין אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת אִין שׁוּהל צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אִידְן.

דִי גַאנְצֶע וָואךְ פוּן פַּאר־שָׁבוּעוֹת הָאט הֶערְשֶׁעלֶע גֶעלֶערְנְט מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה. דֶער טַאטֶע הָאט אִיהם עֶרְקְלֶערְט אַז אוֹיף צוּ זַיין אַזַא הֵיילִיגֶע נַאכְט, מוּז מֶען זַיין עֶפֶּעס צוּגֶעגְרֵייט צוּ דֶעם.

וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען דִי "שְׁלוֹשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה" אִיז הֶערְשֶׁעלֶע גֶעוָוארְן אַ אַנְדֶער אִינְגְל. עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעשְׁפִּילְט מִיט דִי חֲבֵרִים נָאר גֶעזֶעסְן אִין שׁוּהל אוּן גֶעשְׁמַאק גֶע׳חַזֶר׳ט דִי גְמָרָא, נָאר בַּיי־נַאכְט פְלֶעגְט עֶר אַהֵיים גֵיין פְרִי.

די מַאמֶע הָאט אִיהם גֶעזָאגְט, אַז בִּכְדֵי אוֹיף צוּ זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט, דַארְף מֶען זִיךְ פְרִיעֶר אוֹיסְשְׁלָאפְן.

עֶרֶב שָׁבוּעוֹת פַאר מִיטָאג הָאט זִיךְ הֶערְשֶׁעלֶע פַארְנוּמֶען מִיטְן רֵייסְן רוֹיזְן אוּן בְּלוּמֶען בַּיים שָׁכֵן'ס גָארְטְן אוּן דָאס אוֹיפְגֶעהָאנְגֶען אִין שְׁטוּבּ. מִיטָאג הָאט עֶר זִיךְ מְזָרֵז גֶעוֶוען אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוָה אוּן נַאכֶער גֶעכַאפְּט אַ דְרֶעמְל. עֶר הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט עֶרֶב שָׁבוּעוֹת אַז אוֹיבּ מֶען אִיז אוֹיף אַ גַאנְצֶע נַאכְט, אִיז דָא סְפֵיקוֹת מִצַד דֶער הֲלָכָה צוּ מֶען קֶען מַאכְן דִי בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי, אוּן מֶען דַארְף נָאכְזוּכְן אַ אִידְן וָואס אִיז גֶעשְׁלָאפְן בַּיי נַאכְט אוּן מַאכְט יָא דִי בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה אִינְדֶערְפְרִי אוּן עֶר אִיז מוֹצִיא דִי וֶועלְכֶע קֶענֶען נִישְׁט מַאכְן דִי בְּרָכוֹת, אָבֶער הֶערְשֶׁעלֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אַז עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ "גְרוֹיסֶע מֶענְטְשְׁן" וֶועלְכֶע שְׁלָאפְן דִי שָׁבוּעוֹת-נַאכְט אוּן מְמֵילָא הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט, וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ עֶר וֶועט נִישְׁט קֶענֶען מַאכְן דִי בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה דַוְקָא אִין דֶעם יוֹם טוֹב פוּן מַתַּן תּוֹרָה! עֶר הָאט זִיךְ דֶערְמַאנְט וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מִיט אִיהם גֶעלֶערְנְט אִין חֶדֶר נִישְׁט לַאנְג אִין דֶער גְמָרָא "נְדָרִים" (דַף

פ״ה), אַז דֶער חוּרְבָּן פוּן לַאנְד הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעמַאכְט דִי בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה (״עַל אֲשֶׁר לֹא בֵּרְכוּ בַּתּוֹרָה תְּחִילָה״) — אוּן דָא זָאל עֶר נִישְׁט מַאכְן קֵיין בִּרְכוֹת הַתּוֹרָה?! בְּקִיצוּר, עֶר הָאט בַּאשְׁטִימְט צוּ שְׁלָאפְן אַבִּיסְל עֶרֶב שָׁבוּעוֹת, אוּן מִיט דֶעם וֶועט עֶר יוֹצֵא זַיין אַלֶע דֵעוֹת, וִוי דֶער עֶלְטֶערֶער בְּרוּדֶער הָאט אִיהם גֶעזָאגְט.

וֶוען הֶערְשֶׁעלֶע אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען פוּן שְׁלָאף הָאט עֶר זִיךְ גְלַייךְ גֶעוַואשְׁן, זִיךְ אָנְגֶעטְהוּן יוֹם־טוֹב׳דִיג אוּן גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּהל, גֶעלֶערְנְט ״רוּת״ מִיט רַשִׁ״י, אוֹיךְ מִדְרָשׁ רַבָּה וִוי וַוייט זַיין קֶעפְּל הָאט תּוֹפֵס גֶעוֶוען. עֶר הָאט דֶערְוַוייל דֶערְזֶעהן אַ דְרַשׁ, וָואס הָאט בּוֹעַז בַּאמֶערְקְט אוֹיף רוּת׳ן? — אַז אַלֶע הָאבְּן גֶעקְלִיבְּן זַיינְגֶען פוּן וַואנֶען דָאס אִיז אוּן רוּת הָאט גֶעקְלִיבְּן נָאר פוּן הֶפְקֵר (מִדְרָשׁ רַבָּה רוּת). אוּן עֶס אִיז אִיהם אַרוֹיף גֶעקוּמֶען אוֹיפְן גֶעדַאנְק: וִוי הָאב אִיךְ גֶעמֶעגְט רַייסְן רוֹיזְן בַּיים שָׁכֵן׳ס גָארְטְן, אֶפְשֶׁר וִויל יֶענֶער נִישְׁט. הֶערְשֶׁעלֶע הָאט נִישְׁט גֶעטְרַאכְט קֵיין סַאךְ אוּן זִיךְ גֶעגֶעבְּן אַ חַאפּ צוּ צוּם שָׁכֵן אוּן גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר אִיז אִיהם מוֹחֵל.

— יָא! איך בּין דיר מוחל, הערשעלע! אָבער נאָכאַמאָל זאָלסטו פריער פרעגן!

הערשעלע איז צוריק אַריין אין שוהל וואו מען האט זיך שוין צוזאַמען געקליבן דאַוונען מנחה און מעריב. נאָכן דאַוונען איז מען אַהיים געקומען, קידוש געמאַכט און פאַרברענגט בּיי די סעודת יום־טוב. הערשעלע האט איבערגעזאָגט אַ פּאָר פּשעטלאַך וועלכע ער האט פאַרשטאַנען און טאטע־מאַמע האבן אָנגעקוואלן פון איהם. נאָכן בענטשן איז גלייך הערשעלע געגאַנגען אין שוהל מיטן ״תיקון שבועות״ וואס ער האט זיך שוין צוגעגרייט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק. ער האט אָנגעפאַנגען פון בּראשית מיט טראָפּ, זיינע אויגן האבן געשטראַלט פון פרייד ווען ער האט געזעהן אַז ער איז שוין גאַנץ ״ווייט״ אין תיקון שבועות. פון צייט צו צייט האט ער געכאַפּט אַ טרונק קאַווע אָדער סאָדע־וואַסער וואס דער שמש האט געטיילט אין שוהל.

דער זייגער האט זיך אַזוי גערוקט און הערשעלע האט גאַרנישט באַמערקט ווי עס קלינגט שוין צוויי, דריי. נאָר ער האט געשפּירט

אַז די אויגן קְלֶעפְּן זיך שׁוין און עֶס הויבְּט זיך אָן צוּ דְרֶעמְלֶען, אָבֶּער הֶערְשֶׁעלֶע אִיז פַארְעַקְשְׁנְט, עֶר מוּז אויף זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט. וֶוען דֶער שְׁלָאף הָאט זיך גֶענוּמֶען עֶרְנְסְט אַמְפֶּערְן מִיט אִיהם, אִיז עֶר אַרויס אִין דְרויסְן אִין שׁוּהל־הויף וואו עֶס הָאט גֶעבְּלָאזְן אַ קִיהלֶער ווִינְטְל און אַוֶועק גֶעטְרִיבְּן דֶעם שְׁלָאף פוּן זַיינֶע אויגְן. דֶער הִימְל אִיז גֶעוֶוען פַּארְזֵייעֶט מִיט לִיכְטִיגֶע שְׁטֶערְן, וֶועלְכֶע הָאבְּן ווִי גֶעבְּלִישְׁצֶעט צוּ הֶערְשֶׁעלֶען, וָואס הָאט זיך פָארְגֶעשְׁטֶעלְט אִין זַיין ״פַּאנְטַאזְיֶע״, אַז אַזַא שֵׁיינֶע נַאכְט אִיז גֶעווִיס גֶעוֶוען מִיט טויזְנְטֶער יָאהרְן צוּרִיק בַּיים בַּארְג סִינַי פַאר קַבָּלַת הַתּוֹרָה. עֶר הָאט זיך גֶעשְׁפִּירְט גְלִיקְלַאךְ וָואס עֶר אִיז דֶעם מָאל אויף אַ גַאנְצֶע נַאכְט און נֶעמְט אַ אָנְטֵייל אִין די תּוֹרָה אַזוי ווִי די ״גְרויסֶע״. זַיין רֶבִּי הָאט אִיהם גֶעזָאגְט, דָאס אויבּ מֶען אִיז אויף אַ גַאנְצֶע נַאכְט שָׁבוּעוֹת און מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, אִיז דָאס אַ סְגוּלָה מֶען זָאל אַ גַאנְץ יָאהר חֵשֶׁק הָאבְּן צוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה.

אַזוי טְרַאכְטְנְדִיג, הָאט עֶר דֶערְהֶערְט דֶעם זִינְגֶעדִיגְן־שָׁבוּעוֹת׳דִיגְן תּוֹרָה־קוֹל וֶועלְכֶע טְרָאגְט זיך אַרויס פוּן די שׁוּהל־פֶענְסְטֶער. עֶר הָאט זיך

גְלַײך צוריק אַרײַנגֶעכַאפְּט אִין שוהל און מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען וואו עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן. עֶר אִיז צוגֶעקוּמֶען צוּ די מִשְׁנַיוֹת זְרָעִים, מוֹעֵד, נָשִׁים, נְזִיקִין, קָדָשִׁים, טָהֳרוֹת. אִין אָנְפַאנג הָאט עֶר גֶעשְׁפִּירְט אַבִּיסְל עַגְמַת נֶפֶשׁ וָואס עֶר פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט די מִשְׁנָה׳ס — אוֹיסֶער די וֶועלְכֶע עֶר הָאט שוֹין גֶעלֶערְנְט אִין חֵדֶר — אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ בַּארֶעכְנְט: צוּ לֶערְנֶען שָׁבוּעוֹת׳דִיגֶע נַאכְט אִיז דָאךְ אַ סְגוּלָה צוּם ווַייטֶערְדִיגְן אַ גַאנְץ יָאהר׳דִיגְן לֶערְנֶען — וֶועט עֶר שוֹין מִיט די צַייט צוּקוּמֶען צוּ דֶעם.

וֶוען עֶר אִיז צוגֶעקוּמֶען צוּ די תַּרְיַ״ג מִצְווֹת, הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעשְׁטְרֵיינְגְט מִיט אַלֶע כּחוֹת און גֶעזָאגְט וָוארְט-בַּיי-וָוארְט, בִּיז עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם ״תִּקוּן שָׁבוּעוֹת״. דַאן הָאט אִיהם דֶער טַאטֶע צוגֶערוּפְן און גֶעזָאגְט עֶר זָאל שוֹין אַהֵיים גֵיין שְׁלָאפְן: ״דוּ וֶועסְט נִישְׁט קֶענֶען דַאווְנֶען מִיט אַזֶעלְכֶע פַארְשְׁלָאפֶענֶע אוֹיגְן״. אָבֶער הֶערְשֶׁעלֶע הָאט זִיךְ גֶענוּמֶען בֶּעטְן בַּיים טַאטְן עֶר זָאל אִיהם לָאזְן אוֹיף זַיין בִּיז עֶנְדֶע נַאכְט.

דָא הָאט אִיהם דֶער טַאטֶע אַרוֹיס גֶעפִירְט אִין דְרוֹיסְן און גֶעוִויזְן דֶעם מָארְגְן שְׁטֶערְן ווִי עֶר

לַייכְט און ווי עֶס הוֹיבְּט אָן צוּ טָאגְן. בַּיי הֶערְשֶׁעלֶען אִיז דָאס גֶעוֶוען אַ גַאנְצֶער חִידוּשׁ, דָאס וָואס עֶר הָאט דֶערְזֶעהְן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל דֶעם מָארְגְנְשְׁטֶערְן, וְוי דֶער רֶבִּי פְּלֶעגְט אַלֶעמָאל טַייטְשְׁן "עַד שֶׁיַעֲלֶה עֲמוּד הַשַׁחַר", עֶר הָאט זִיךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְשְׁטֶעלְן ווי דָאס קוּקְט אוֹיס. דֶער טַאטֶע הָאט גֶעשֶׁעפְּט נַחַת וֶוען הֶערְשֶׁעלֶע הָאט גֶענוּמֶען אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי דִינִים וָואס אִיז נוֹגֵעַ צוּם "עֲמוּד הַשַׁחַר", קְרִיאַת שְׁמַע, קָרְבָּנוֹת א.א.וו.

הֶערְשֶׁעלֶע הָאט גֶעבֶּעטְן זַיין טַאטְן, עֶר זָאל אִיהם עֶרְלוֹיבְּן אוֹיךְ אִיבֶּער אַ יָאהר אוֹיף צוּ זַיין שָׁבוּעוֹת בַּיי נַאכְט און דֶערְפַאר הָאפְּט עֶר זִיךְ צוּ פִיהרְן אַ גַאנְץ יָאהר ווי עֶס בַּאדַארְף צוּ זַיין.

— יָא, מַיין קִינְד — הָאט דֶער טַאטֶע אִיהם גֶעזָאגְט מִיט אַ גְלִיקְלַאכְן שְׁמֵייכְל — דוּ פִיהר זִיךְ נָאר פַיין און גוּט, וֶועסְטוּ שׁוֹין זַיין גְלִיקְלַאךְ און צוּפְרִידְן.

שָׁבוּעוֹת אִין לוּבְּלִין

דֶער טוּמְל אִין דֶער יְשִׁיבַת חַכְמֵי לוּבְּלִין אִין עֶרֶב שָׁבוּעוֹת אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר גְרוֹיס. אַ גֶעוִויסֶער טֵייל פוּן דִי תַּלְמִידִים פוּן דֶער יְשִׁיבָה זַיינֶען פַארְנוּמֶען מִיטְן אַיינְפַּאקְן זִיךְ דִי פֶּעקְלַאךְ, כְּדֵי צוּ פָאהרְן צוּ זֵייעֶרֶע רֶבִּיִים אוֹיף שָׁבוּעוֹת. אֵיינְצִיגְוַוייז קוּמֶען זֵיי זִיךְ גֶעזֶעגֶענֶען פוּן דֶעם רָב אוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה, דֶער גָאוֹן רַבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא זצ"ל, אוּן ווִי פַארְשֶׁעמְטֶע פַארְלָאזְן זֵיי זַיין צִימֶער אוֹיפְן וֶועג צוּ דֶער בַּאן סְטַאנְצְיֶע.

דֶער רָב, ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער, אִיז גוּטְמוּטִיג. פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם הָאט עֶר אַ צוּטְרֶעפְלִיכְן וָוארְט אוּן הַאלְט זִיךְ נִישְׁט אָפּ פוּן צוּ אוֹיסְרֵיידְן דִי אֵיינְצִיגֶע וֶועלְכֶע פַארְבְּרֵיינְגֶען דִי צַייט אִין חֲסִידוּת אוֹיפְן רֶעכֶענוּנְג פוּן דִי סִדְרֵי הַיְשִׁיבָה.

אָבֶער דֶער גְרֶעסְטֶער טֵייל פוּן תַּלְמִידִים

פֶערְבְּלַייבְּט אוֹיף יוֹם טוֹב אִין יְשִׁיבָה אוּן גְרֵייטְן זִיךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה אִין שָׁאטְן פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסְן רֶבִּין, וֶועלְכֶער אִיז אַלֵיין אוֹיךְ אַ חָסִיד אוּן אוֹיךְ אַ אֵיינִיקְל פוּן אֵיינֶעם פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע גְדוֹלֵי הַחֲסִידוּת: דֶער צַדִיק רַבִּי פִּנְחָס קָארִיצֶער זצ״ל.

אַ גֶעוֵוינְלִיכֶער דַאוְונֶען אִין דֶער יְשִׁיבָה אִיז גֶעוֶוען אַ אוּמְפַארְגֶעסְלִיכֶע אִיבֶּערְלֶעבּוּנְג, וֶוער רֶעדְט נָאךְ בַּיי אַ יוֹם טוֹב׳דִיגֶער דַאוְונֶען אוּן בַּיים עֶסְן דִי סְעוּדָה פוּן יוֹם טוֹב אִין אָנְוֶועזְנְהַייט פוּן דֶעם רָב. זַיין מוֹיל אִיז וִוי אַ שְׁפְּרוּדְלְדִיגֶער קְוַואל פוּהל מִיט אוֹצְרוֹת פוּן תּוֹרָה אוּן חָכְמָה, מוּסָר אוּן יִרְאַת שָׁמַיִם. מֶען פִיהלְט זִיךְ אִין אַ אַטְמָאסְפֶער פוּן מֵעֵין עוֹלָם הַבָּא.

וֶוען דֶער רָב הוֹיבְּט אָן צוּ זִינְגֶען, מַאכְט עֶר אַלֶעמֶען טַאנְצְנְדִיג. וֶוען דֶער עוֹלָם קוּמְט צוּ צוּם הוֹיכְפּוּנְקְט פוּן הִתְלַהֲבוּת, דוּכְט זִיךְ אַז אוֹיךְ דִי וֶוענְט טַאנְצְן מִיט, אוּן וֶוען דֶער רָב נֶעמְט שְׁמוּעֶסְן וֶוערְט אַזוֹי שְׁטִיל אִין זַאל, אַז מֶען קֶען הֶערְן דָאס זְשׁוּמֶען פוּן אַ פְלִיג. אַלֶע שְׁטֵייעֶן אָנְגֶעשְׁפִּיצְט דִי אוֹיעֶרְן אוּן הֶערְן זִיךְ צוּ מִיט גַייסְטִיגֶע הֲנָאָה. זֵיי ווִילְן הֶערְן נָאךְ אוּן נָאךְ, דֶער קְוַואל זָאל זִיךְ קֵיין

מינוט נישט אָפּשטעלן פון צו אַרויסגעבן זײנע קלאָרע און מחיה נפשות'דיגע לויטערע װאַסער.

*

אין די נאַכט פון שבועות האָט ער איבערגעזאָגט פיהל װערטער און ערצײלונגען װעגן די גדולי החסידות און גאוני ישראל. די חז"ל זאָגן אויפן פסוק "ויהי בימי שפוט השופטים" אוי לדור ששופטיו נשפטים. האָט דער בעל שם טוב זצ"ל געזאָגט; די אויפגאַבע פון די מנהיגי הדור איז צו טרײסטן דעם דור און זײ באַרוהיגן אין דער צײט פון צער און פּײן. יענע שופטים װאָס זײנען געװען אין דער צײט פון "אלימלך" זײנען אָבער נישט געװען אַזוי. די לאַנד לײדט פון אַ הונגער, דער עולם חלישט נאָך ברויט און ער האָט נישט מיט װאָס זיך צו שפּײזן. אַנשטאָט זײ צו טרײסטן און באַרוהיגן, קומען גאָר די שופטים און מוסרן דעם עולם. אַזעלכע שופטים — פיהרט אויס דער בעל שם טוב — זײנען װערד אַלײן צו געמשפּט װערן.

דאָ האָט געטומען פליסן פון זײן מויל װעגן די פיהרונגען פון דעם בעל שם טוב זצ"ל און פון

זַיין הִסְתַּלְקוּת וֶועלְכֶע אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען שָׁבוּעוֹת. עֶר הָאט גֶעפִיהלְט אַז זַיין צַייט אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פַארלָאזְן דִי וֶועלְט. טְרָאץ דֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט זֵייעֶר שְׁוַואךְ, הָאט עֶר גֶעדַאוְונְט אָן קֵיין שׁוּם עֶנְדֶערוּנְג. נָאכְן דַאוְונֶען הָאט עֶר גֶעזָאגְט תּוֹרָה פַאר זַיינֶע תַּלְמִידִים. וֶוען עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה זָאגְן, הָאט עֶר גֶעבֶּעטְן בַּיי דִי תַּלְמִידִים זֵיי זָאלְן זָאגְן "וִיהִי נוֹעַם". זֶעהֶענְדִיג דֶעם צַעַר פוּן דִי תַּלְמִידִים, הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אָנְגֶערוּפְן:

— פַאר מִיר זָאלְט אִיהר גָארְנִישְׁט זָארְגְן, אִיךְ וֵוייס אַז אִיךְ גֵיי אַרוֹיס פוּן דִי טְהִיר אוּן גֵיי בַּאלְד אַרַיין דוּרְךְ אַ אַנְדֶער טְהִיר!

אַ וַויילֶע שְׁפֶּעטֶער הָאט עֶר גֶעהֵייסְן אִיהם צוּדֶעקְן מִיט אַ לַיילַאךְ. זַיין גַאנְצֶער קֶערְפֶּער הָאט גֶעצִיטֶערְט אוּן זַיינֶע לִיפְּן הָאבְּן גֶעשֶׁעפְּטְשֶׁעט; "אַל תְּבוֹאֵנִי רֶגֶל גַּאֲוָה". דֶעם זֶעלְבְּן מָאמֶענְט הָאט עֶר אוֹיסְגֶעהוֹיכְט זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

דֶער מַמְשִׁיךְ פוּן חֲסִידוּת — הָאט רַבִּי מֵאִיר שַׁפִּירָא וַוייטֶער גֶעצוֹיגְן זַיין שְׁמוּעֶס — דֶער רֶבִּי

רַבִּי אֱלִימֶלֶךְ פון לִיזֶענְסְק זצ״ל, דֶער תַּלְמִיד פון רֶבִּין רַבִּי בֶּער פון מֶעזְרִיטְשׁ, וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מְלַמֵּד פַאר קִינְדֶער, הָאט עֶר זִיךְ גֶעפִּיהְרְט יֶעדֶעס מָאל אֵיידֶער מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ לֶערְנֶען, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט צוּ זַיינֶע קְלֵיינֶע תַּלְמִידִים:

— קִינְדֶערְלַאךְ, גֶעדֵיינְקְט אִיהר דֶעם הוֹיכְן בַּאשְׁטַאנְד, אוֹיפְן בַּארְג סִינַי, וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעהֶערְט פון אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין דִי וֶוערְטֶער ״אָנוֹכִי״ און ״לֹא יִהְיֶה לְךָ״.

הָאבְּן אַלֶע תַּלְמִידִים גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַמָאל:

— יָא, רֶבִּי, מִיר גֶעדֵיינְקֶען...

אֵיינְמָאל, וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעפְרֶעגְט זַיין פְרַאגֶע, הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אֵיינֶער פון דִי תַּלְמִידִים און אוֹיסְגֶערוּפְן;

— רֶבִּי, אִיךְ גֶעדֵיינְק נִישְׁט...

הָאט דֶער רֶבִּי דַאן גֶעזָאגְט:

— אִיךְ בִּין זִיכֶער אַז דִי פִּיס פון דַיינֶע עֶלְטֶערְן זַיינֶען נִישְׁט גֶעשְׁטַאנֶען אוֹיפְן בַּארְג סִינַי.

מֶען הָאט אוּנְטֶערְגֶעזוּכְט אוּן טַאקֶע אוֹיסְגֶעפוּנֶען, אַז יֶענֶער אִינְגֶל שְׁטַאמְט פוּן אַ גֵּרִים פַאמִילְיֶע...

שְׁמוּעֶסְנְדִיג וֶועגְן גֵּרִים, הָאט דֶער רָב פַארְבְּרֵייטֶערְט זַיין שְׁמוּעֶס וֶועגְן פַארְשִׁידֶענֶע גֵּרִים וֶועלְכֶע זַיינֶע גֶעקוּמֶען צוּ אִידְן אוּן טֵייל פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט זֵייעֶר לֶעבְּן אוֹיף קִידוּשׁ הַשֵּׁם. אֵיינֶער פוּן זֵיי אִיז וִוי בֶּעקַאנְט גֶעוֶוען דֶער ווִילְנֶער גֵּר צֶדֶק, דֶער גְרַאף פָּאטָאצְקִי. עֶר הָאט גֶעווּאוִינְט אֵיינִיגֶע יָאהר אִין אַ קְלֵיין שְׁטֶעטְל נֶעבְּן ווִילְנֶע, וואוּ עֶר אִיז גֶעזֶעסְן אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית מִדְרָשׁ אוּן גֶעלֶערְנְט, אוּן צוּלִיבּ אַ מְסִירָה הָאט מֶען אִיהם אַרֶעסְטִירְט אוּן דֶער גֶערִיכְט הָאט אִיהם אוּרְטֵיילְט צוּ פַארְבְּרֶענֶען.

פַאר דֶער עֶקְזֶעקוּצְיֶע — דָאס אִיז גֶעוֶוען טַאקֶע אִין שָׁבוּעוֹת — הָאט דֶער הֶענְקֶער אִיהם גֶעפְרֶעגְט, פַארְוָואס הָאט עֶר פַארְלָאזְט זַיין פְרִיעֶרְדִיגְן גְלוֹיבְּן אוּן יֶעצְט אִיז עֶר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף אַ פְרֶעמְדְן גְלוֹיבְּן, בֶּעזוּנְדֶער דֶעם אִידִישְׁן גְלוֹיבְּן. הָאט דֶער גֵּר צֶדֶק, שְׁטֵייעֶנְדִיג בַּיים שַׁייטֶער הוֹיפְן אַזוֹי גֶעעֶנְטְפֶערְט:

— מִיר גֶעפִינֶען אִין חַזַ"ל, דָאס וֶוען דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעוָואלְט גֶעבְּן זַיין תּוֹרָה, אִיז עֶר מִיט אִיהר אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען אִיבֶּער אַלֶע פֶעלְקֶער אוּן זֵיי גֶעבֶּעטְן זֵיי זָאלְן עֶס נֶעמֶען, אָבֶּער קֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶערוּפְן. דַאגֶעגְן וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם אִידִישְׁן פָאלְק אוּן עֶס פָארְגֶעלֵייגְט פַאר זֵיי, הָאבְּן אַלֶע אוֹיסְגֶערוּפְן: נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע.

— וָואס מֵיינְט אִיהר — הָאט דֶער גֵר צֶדֶק אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן זַיין שְׁטִימֶע — אַז אַלֶע גוֹיִם, בִּיז אֵיינֶער, הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּן דַאגֶעגְן אַלֶע אִידְן הָאבְּן יָא גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה? אוֹיב עֶס וָואלְט אַזוֹי גֶעוֶוען, וֶועגְן וָואס הָאט מֶען זֵיי גֶעדַארְפְט צְווינְגֶען אַרוֹיפְנוֹיגְן אוֹיף זֵיי אַ בַּארְג? נָאר דֶער עִנְיָן אִיז אַזוֹי. דָאס מֶערְהַייט פוּן דִי פֶעלְקֶער הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעוָואלְט הֶערְן פוּן דֶעם פָארְשְׁלַאג, אָבֶּער עֶס זַיינֶען גֶעוֶוען צְווִישְׁן זֵיי גוֹיִם וֶועלְכֶע הָאבְּן יָא גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען בַּיים אִידִישְׁן פָאלְק. דָאס מֶערְהַייט הָאט טַאקֶע צוּגֶעשְׁטִימְט אוּן גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אָבֶּער עֶס זַיינֶען גֶעוֶוען אַזֶעלְכֶע וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט. צוּלִיב זֵיי הָאט מֶען

גֶעדַארְפְט אַרוֹיפְנוֹיגְן דֶעם בַּארְג.

— אָט דִי ווֵיינִיגֶע אִידְן — הָאט דֶער גֵר צֶדֶק אוֹיסְגֶעפִּיהרְט — ווֶעלְכֶע הָאבְּן דַאן נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, פוּן זֵיי קוּמֶען שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיס דִי מְשׁוּמָדִים. דַאגֶעגְן דִי ווֵיינִיגֶע גוֹיִם ווֶעלְכֶע הָאבְּן דַאן יָא גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, דָאס זַיינֶען דִי גֵרִים ווֶעלְכֶע קוּמֶען צוּ צוּם אִידִישְׁן פָאלְק.

— אִיךְ — הָאט דֶער גֵר צֶדֶק אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ זִיגֶערִישְׁן טָאן — בִּין פוּן דִי יֶענֶע ווֵיינִיגֶע וָואס הָאבְּן דַאן יָא גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ זִיךְ מְגַיֵּיר גֶעוֶועןְ אוּן אִיךְ בִּין זִיךְ דֶערוֹיף מוֹסֵר נֶפֶשׁ.

— דֶערְמִיט קֶענֶען מִיר פַארְשְׁטֵיין — הָאט דֶער רָב אוֹיסְגֶעפִּיהרְט — דֶעם פְּשַט אִין פָּסוּק ווֶעלְכֶער אִיז נִישְׁט צוּ פַארְשְׁטֵיין ווִי עֶס שְׁטֵייט: "וַיוֹצֵא מֹשֶׁה אֶת הָעָם לִקְרַאת הָאֱלֹקִים מִן הַמַּחֲנֶה וַיִּתְיַצְּבוּ בְּתַחְתִּית הָהָר", ווַייל עֶס וָואלְט גֶעדַארְפְט שְׁטֵיין: וַיוֹצֵא מֹשֶׁה אֶת הָעָם מִן הַמַּחֲנֶה לִקְרַאת הָאֱלֹקִים". אָבֶּער לוֹיט דִי ווֶערְטֶער פוּן דֶעם גֵר צֶדֶק פַארְשְׁטֵייט מֶען דֶעם פְּשַט. דָאס מֶערְהַייט פוּן

פָאלְק הָאט טַאקֶע צוגֶעשְׁטִימְט צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זַיי הָאט מֶען נִישְׁט גֶעדַארְפְט נוֹיטְן, נָאר פַאר יֶענֶע וֵויינִיגֶע. אוּן דָאס זָאגְט דֶער פָּסוּק: "וַיוֹצֵא מֹשֶׁה אֶת הָעָם" וֶועלְכֶע עָם? "לִקְרַאת הָאֱלֹקִים" — וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעוֶוען קֶעגְן גָ־ט, אוּן נִישְׁט גֶעוָואלְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זַיי הָאט מֶען גֶעשְׁטֶעלְט "תַּחַת הָהָר"...

*

אַזוֹי הָאט מֶען פַארְבְּרֵיינְגְט אִין לוּבְּלִין דִי נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת, מִיט זָאגְן "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת", מִיט הֶערְן תּוֹרוֹת אוּן שְׁמוּעֶסְן פוּן רָבִּ, מִיט זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן בִּיז דֶער מָארְגְן שְׁטֶערְן אִיז אוֹיפְגֶעגַאנְגֶען.

דִי גֶעשְׁלָאסֶענֶע שׁוּתְּפוּת

פוּן דִי גְרִין־גֶעלֶע פֶעלְדֶער, וָואס זַיינֶען גֶעלֶעגְן אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אִין לֶעקֶעכֶער בִּיזְן סַאמֶע הָארִיזָאנְט, הָאט זִיךְ לַאנְגְזַאם אַ גְרִין־בְּלוֹיעֶר נֶעבְּל אוֹיסְגֶעטֵיילְט, אוּן רוּקְנְדִיג זִיךְ נֶענְטֶער אַלְץ גֶעצוֹימְט דֶעם מֶרְחַק אוּן אַיינְגֶעוִויקְלְט דֶעם יְשִׁיבָה־בִּנְיָן אִין אַ רוּיכִיגְן שְׁלַייעֶר.

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי שָׁבוּעוֹת־נַאכְט.

בְּרֵייט פוּנַאנְדֶערְגֶעעֶפְנְט זַיינֶען גֶעוֶוען אַלֶע פֶענְסְטֶער אִין דֶער גְרוֹיסֶער יְשִׁיבָה גֶעבַּיידֶע, הֶעל בַּאלוֹיכְטְן פוּן אַ צֶענְדְלִיג בְּלִיץ לָאמְפְּן אִיז גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער זַאל מִיט דִי אָנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע הוּנְדֶערְטֶער סְטֶעוּדֶערְס. לֵיידִיג אִיז נָאךְ אָבֶער גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער חָלָל, אוּן מִילְדֶע זוּמֶער נַאכְטִיגֶע ווִינְטֶעלַאךְ הָאבְּן זִיךְ שְׁטִיל גֶעשְׁפִּילְט אִין דֶער לוּפְט.

בִּיסְלעכְוַוײז הָאבְּן שְׁוַוארְצֶע שָׁאטְנְס זיך גֶענומֶען אויסְלֵײגְן אויף דִי וֶוענְט, און וִוי זַאנְגֶען אִין פֶעלְד אָנְגֶעהויבְּן זיך צו ווִיגְן אִיבֶּער דֶעם בַּאלְקְן און אִיבֶּער דִי לָאמְפְּן.

דָאס זַײנֶען דִי יְשִׁיבָה בַּחוּרִים אֵײנְצִיגְוַוײז גֶעקומֶען און פַארְנומֶען זֵײעֶרֶע עֶרְטֶער בַּײ דִי שְׁטֶענְדֶערְס צו לֶערְנֶען דִי גַאנְצֶע שָׁבוּעוֹת־נַאכְט.

בַּאלְד הָאט זיך אַ בְּרומֶען גֶעלָאזְט הֶערְן אִין דֶער לופְט, און דָאס בְּרומֶען אִיז גֶעוָוארְן אַלְץ הֶעכֶער און זיך אויסְגֶעטֵײלְט אִין זִיס אומֶעטִיגֶע גְמָרָא נִיגוּנִים, אָנְגֶעזַאפְּט מִיט הַארְצִיגֶע בֵּײנְקְשַׁאפְט. פַארְשִׁידֶענֶע טֶענֶער און תְּפִלָּה נִגוּנִים הָאבְּן זיך גֶעמִישְׁט אֵײנֶע אִין דִי אַנְדֶערֶע, זיך צוזַאמֶענְגֶעגָאסְן אִין אֵײן הַארְמָאנְיֶע, און וִוי כְוַואלְיֶעס אִין יַם זיך גֶערִיסְן דורְך דִי אָפֶענֶע פֶענְסְטֶער פון יְשִׁיבָה אַרויס, וַוײט ווַײט, צום הָארִיזָאנְט הִינְטֶערְן וֶועלְדְל, און הויך־הויך בִּיז צו דִי גֶעשְׁפָּאלְטֶענֶע הִימְלֶען אִין דֶער נַאכְט פון שָׁבוּעוֹת. אִין דְרויסְן הָאט דִי נַאכְט זיך אַלְץ דִיקֶער גֶעוֶועבְט אִין שְׁוַוארְצְן, עֶס אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעט, און דִי גְמָרָא נִיגוּנִים זַײנֶען נִישְׁט שְׁטִילֶער

גֶעוָוארְן. פַארְמַאטֶערְט זַיינֶען דִי לֶערְנֶער שוֹין גֶעוָועןְ, אָבֶער מֶען הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט. צְוֵויי שְׁטונְדְן זַיינֶען נָאךְ פַארְבְּלִיבְּן בִּיז פַארְטָאג, וֶוען רַבִּי מִיכְל זַאיֶעץ וֶועט קוּמֶען, און דַאמָאלְס וֶועט מֶען אויסְלֵיידִיגְן דִי יְשִׁיבָה און זִיךְ לָאזְן צוזַאמֶען מִיט אִיהם אויף אַ שְׁפַּאצִיר בִּיז צוּ זַיין וֶועלְדְל, בִּיז צוּ דֶער "יְשִׁיבָה סְמָאלִיאַרְנֶע" און דָארְטְן אִין פְרִישְׁן פְרִיהמָארְגְן־טוֹי טַאנְצְן און שְׁפְּרִינְגֶען און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶער תּוֹרָה.

וֶוער אִיז דָאס דֶער רַבִּי מִיכְל זַאיֶעץ? און וָואס אִיז דָאס פַאר אַ "יְשִׁיבָה סְמָאלִיאַרְנֶע"?

רַבִּי מִיכְל זַאיֶעץ — דָאס אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער נָגִיד פוּן שְׁטֶעטְל. דֶער אור־אַלְטֶער וַואלְד, וָואס הָאט אַרוּמְגֶעגַארְטְלְט דָאס שְׁטֶעטְל אִיז גֶעוֶוען זַיינֶער, און דִי גְרוֹיסֶע סְמָאלִיאַרְנֶע, אויף דֶעם בַּארְג בַּיים רַאנְד פוּן וַואלְד, הָאט גֶעטְרָאגְן רַבִּי מִיכְל'ס נָאמֶען.

אָבֶער נִישְׁט פוּן קֵיין לַאנְגֶע צַייט זַיינֶען דִי דָאזִיגֶע אוֹצְרוֹת גֶעוֶוען זַיינֶע: עֶס הָאבְּן נָאךְ פִּיהל אִין שְׁטֶעטְל גֶעדֵיינְקְט דֶעם אֵיידֶעלְן "וַואשִׁילִישְׁקֶער" בָּחוּר'ל, וָואס הָאט גֶעמַאכְט "דִי

נעכט צו טעג״ בײ זײן סטענדער אין װינקל פון דער ישיבה. פינף יאהר נאכאנאנד האט זיך זײן קול געטראגן אין דער לופט פון יענעם װינקל. ביז עס איז געקומען רבי בנימין פינקל, דער שטעטלדיגער װאלד סוחר, און האט איהם ״אויסגעריסן פון גארטן״, איהם אויסגעקליבן פאר א אײדעם, פאר א מאן צו זײן אײנציגע טאכטער.

חתונה געהאט האט דער מתמיד, און איז באלד געװארן אויס ״װאשילישקער״, נאר ״פינקל׳ס אײדעם״. גיך איז אויך זײן שװער געשטארבן, און רבי מיכל זאיעץ איז אלײן געװארן א נאמען: דעם שװער׳ס רײכטימער זײנען צו איהם אריבער בירושה.

אבער אויך אין זײן רײכקײט האט רבי מיכל די ישיבה נישט פארגעסן. אין אנהויב האט ער נאך פאר זיך אלײן אויסגעזוכט פרײע צײט צו לערנען, און דאן פלעגט ער קומען נישט צו זײן ״ערשטער שטאט״ אין בית המדרש, נאר אויף זײן אמאליגן ארט, אין װינקל פון ישיבה, און צוזאמען מיט אלע ישיבה בחורים געזונגען זײן אלטן גמרא נגון.

יאהרן זײנען אבער פארלאפן, די געשעפטן

זַיינֶען גֶעוָואקְסְן און אַיינְגֶעשְׁלוּנְגֶען רַבִּי מִיכְל'ס גַאנְצֶע צַייט. נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאט עֶר מֶעהר זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מִיט פִיהל לֶערְנֶען, הָאט עֶר בַּאשְׁלָאסְן, אַז עֶר וֶוערְט יִשָׂשכָר און זְבוּלוּן: נַייעֶ בַּחוּרִים וֶועלְן לֶערְנֶען אִין דֶער יְשִׁיבָה, און עֶר וֶועט זַיין זֵייעֶר שׁוּתָּף, עֶר וֶועט זִיךְ מִיט זֵיי טֵיילְן.

און דַאמָאלְס אִיז גֶעקוּמֶען דֶער אָנְזָאג:

דִי גְרוֹיסֶע סְמָאלִיאַרְנֶע גֶעהֶערְט צוּ דֶער יְשִׁיבָה, אַלֶע פַארְדִינְסְטְן גֵייעֶן פַאר דִי בַּחוּרִים־לֶערְנֶער, און עֶר, רַבִּי מִיכְל, וֶועט פַאר דֶעם אָפְּגֶעבְּן זַיין צַייט אוּמְזִיסְט, צוּם גִינְסְטְן פוּן דֶער יְשִׁיבָה.

און פוּן דַאן הָאט עֶס גֶעהֵייסְן דִי "יְשִׁיבָה־סְמָאלִיאַרְנֶע".

נָאר אֵיינְמָאל אִין יָאהר זַיינֶען דִי יְשִׁיבָה־בַּחוּרִים גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער סְמָאלִיאַרְנֶע — און דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת.

אַרוּם פַארְטָאג אִיז רַבִּי מִיכְל גֶעקוּמֶען און גֶענוּמֶען דִי וַואכֶע לֶערְנֶער אוֹיף אַ שְׁפַּאצִיר מִיט אִיהם, דָארְט צוּ זֵייעֶר נַחֲלָה.

און גערוואַרט האָבן דאָס די בחורים מיט אונגעדולד אויף רבי מיכל'ען, אויף דעם דערפרישנדן שפּאַציר אין דעם פריהען מאָרגן פון שבועות.

און תּמיד איז פאַר די אויגן פון די בחורים געשטאַנען דאָס בילד פון דעם ערשטן שפּאַציר צו דער סמאָליאַרנע: דער רויטער מאָרגן שטערן האָט זיך דערהויבן אַלץ העכער אין הימל און באַלויכטן די בלייכע נישט אויסגעשלאָפענע פּנימער פון דער מחנה מענטשן אויף דעם בערגל. אַ הילכיגער געזאַנג האָט זיך פון דעם בערגל געטראָגן איבער דעם ווייטן מרחק און אָפּגעקלונגען מיט אַ לאַנגן עכאָ פון זייטיגן וועלדל.

באַלד איז מען אַריבער צו טענץ. הענט אין הענט, אַקסל צו אַקסל האָט מען זיך געדרייט אין אַ רעדל, האַלטנדיג דעם ראש ישיבה און רבי מיכל'ען איינגעשלאָסן אין מיטן. פיס האָבן געטופּעט אין טאַקט, און באַרג און טאָל האָבן געענטפערט צו דעם געזאַנג:

— ברוך אלוקינו שבראנו לכבודו, אַי, אַי, לכ — בו — דו.

דִי זוּהן אִיז אַרוֹיס, אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן לִיכְטִיגֶער. מֶען הָאט בַּאלְד גֶעדַארְפְט זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם דַאוְונֶען, אוּן דָאס טַאנְצְן הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט. מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אִין אַ רֶעדְל צוּ פַארְנֶעמֶען רַבִּי מִיכְל׳ס רֵייד.

אוּן אַז עֶס אִיז גֶעוָוארְן שְׁטִיל, הָאט רַבִּי מִיכְל אָנְגֶעהוֹיבְּן:

— אוּנְזֶערֶע אָבוֹת זַיינֶען אַמָאל, ווִי מִיר אִיצְט, גֶעשְׁטַאנֶען אַרוּם אַ בַּארְג אוּן אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל גֶעוֶועזְן דִי תּוֹרָה, גֶעזָאגְט: "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע". לָאמִיר אוֹיךְ אַלֶע אִיצְט זָאגְן אַזוֹי:

— נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע! — הָאט אָפְּגֶעקְלוּנְגֶען אַ הִילְכִיגֶער אוֹיסְגֶעשְׁרֵיי.

— אִיצְט — הָאט רַבִּי מִיכְל וִוידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן — וֶוען מִיר הָאבְּן גֶעשְׁלָאסְן אַ שׁוּתָּפוּת מִיטְן כִּבְיָכוֹל, מִיר זָאלְן לֶערְנֶען זַיין תּוֹרָה, אוּן עֶר זָאל אוּנְז בַּאזָארְגְן מִיט אוּנְזֶערֶע הִצְטַרְכוּת׳ן, ווִיל אִיךְ אוֹיךְ מִיט אַייךְ, תּוֹרָה־קִינְדֶער, שְׁלִיסְן אַ שׁוּתָּפוּת: אִיהר וֶועט מִיר גֶעבְּן אַ חֵלֶק אִין אַייעֶר לֶערְנֶען, אוּן אִיךְ גִיב אַייךְ אָפּ דִי

סְמָאלִיאַרְנֶע. דֶער גַאנְצֶער רֶיוַח גֶעהֶער צוּ אַייךְ, און אִיךְ וֶועל פַאר אַייךְ אָנְפִיהרְן מִיט דִי פַארְוַואלְטוּנְג פוּן דֶער סְמָאלִיאַרְנֶע אוּמְזִיסְט. זַייט אִיהר מַסְכִּים?

— מַסְכִּים, מַסְכִּים! — הָאט גֶעדוּנֶערְט אַ מֶעכְטִיגֶער עֶנְטְפֶער.

און אַ נַייעֶר גֶעזַאנְג הָאט פַארְהִילְכְט דִי לוּפְט און שְׁטְרַאלְנְדֶע דֶערְפְרִישְׁטֶע זַיינֶען דִי לֶערְנֶער צוּרִיק גֶעקוּמֶען אִין יְשִׁיבָה, צוּ דֶער שַׁחֲרִית תְּפִלָּה פוּן נַייעֶם טָאג.

נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶועֶן...

עֶס אִיז גֶעוֶועֶן דֶער עֶרְשְׁטֶער זְמַן, וָואס אִיךְ בִּין אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ רַבִּי מֹשֶׁהלֶע מְלַמֵּד אִין חֵדֶר. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶועֶן פוּן דִי לַייכְטֶע זַאכְן אַהִין אָנְצוּקוּמֶען. רֵאשִׁית — אִיז רַבִּי מֹשֶׁהלֶע נִישְׁט גֶעוֶועֶן גְלַאט עֶפֶּעס אַ מְלַמֵּד, וָואס עֶר זָאל אִין בֵּין־הַזְּמַנִּים נָאכְלוֹיפְן דִי קִינְדֶער. פַארְקֶעהרְט, אַ שְׁטִיק פַארְן "זְמַן" הָאט מֶען נָאךְ בַּיי אִיהם גֶעמוּזְט בַּאשְׁטֶעלְן אַ אָרְט. עֶר הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעהַאט זַיין סְכוּם תַּלְמִידִים. אוּן שֵׁנִית — הָאט מֶען גֶעמוּזְט הָאבְּן אַ יְדִיעָה אִין תַּנַ"ךְ אוּן אִין גְמָרָא. עֶר פְלֶעגְט טַעְנֶה'ן, אַז אִיהם אִיז נִישְׁט נִיחָא מִיטְן אִינְגְל צוּ קְנֶעלְן עֶרְשְׁט פוּן אָנְהוֹיבּ, עֶר ווִיל אִיהם בֶּעסֶער גֶעבְּן צוּ פַארְשְׁטֵיין דָאס שׁוֹין גֶעלֶערְנְטֶע אוּן אִין אִיהם אַיינְפְלַאנְצְן דֶעם חֵשֶׁק צוּם ווַייטֶער לֶערְנֶען. אוּן צוּ דֶעם לֶעצְטְן אִיז עֶר טַאקֶע גֶעוֶועֶן אַ מוּמְחֶה. עֶס הָאט זִיךְ נִישְׁט

געטראָפן קיין שום אינגל, וואס ער זאָל האָבן ביי רבי משהלען געלערנט, אז ער זאָל נישט האָבן חשק אין חדר צו גיין, ווי עס טרעפט זיך ערגעץ וואו אנדערש.

איך געדיינק טאקע, ווען איך האָב אנגעהויבן גיין די ערשטע צייטן אין דעם נייעם חדר, האָב איך פאר גרויס חשק נישט געקענט איינזיצן אין דער היים. אזוי ווי איך האָב אפגעגעסן — צוריק אין חדר. דאס חדר איז פאר מיר געוואָרן א נייע היים.

די הצלחה פון לערנען פון רבי משהלען, איז בעשטאנען אין שילדערן דאס וואס ער האָט מיטן קינד געלערנט, אלץ אזוי שיין און לעבעדיג, אז מען האָט געמוזט פיהלן, אז אָט־אָט שווימט פאר אונז אויף די גאנצע געלערנטע מעשה. אזוי האָט מען געקענט אפזיצן שעה'ן לאנג און נישט וויסן וואס און וואו מיר זיינען.

איין מאָל א דאנערשטאג, פרשת יתרו, ווען דער רבי האָט דערציילט זיינע הארציגע מעשיות פון קבלת התורה, פון משה רבינו, הר סיני, מלאכים — האָט ער אונז צום ערשטן מאָל

דֶערְצֵיילְט, אַז שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט שְׁפַּאלְט זִיךְ אוֹיף אֵיין רֶגַע דֶער הִימְל אוּן וֶוער עֶס אִיז זוֹכֶה דִי רֶגַע אוֹיפְצוּפַּאסְן, קֶען זִיךְ אוֹיסְבֶּעטְן דָאס אֵייבִּיגֶע גְלִיק.

דִי וֶוערְטֶער הָאבְּן אוֹיסְגֶעדְרִיקְט אַזוֹי פִּיהל עֶרְנְסְטְקַייט, אַז בַּיי אוּנְז, קִינְדֶער, אִיז עֶס גֶעוֶוען אַ אַיינְפַּאכֶע, נַאטִירְלִיכֶע עֶרְשַׁיינוּנְג. מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס פַּאר אַ אִיבֶּערְקֶערֶענִישׁ דִי מַעֲשֶׂה הָאט אַרַיינְגֶעבְּרַאכְט אִין אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְשֶׁע הֶערְצֶער. אִין אֵיין אוּן דֶער זֶעלְבֶּע רֶגַע הָאט מֶען זִיךְ אַלֶע פַאַרְטִיפְט אִין אִיהר, אוּן וִוי לִיבּ עֶס אִיז אוּנְז טַאקֶע גֶעוֶוען דָאס וַוייטֶערֶע צוּהֶערְן פוּן דֶעם רֶבִּינְס דֶערְצֵיילְן, הָאבְּן מִיר פָּארְט גֶעמוּזְט דָאס מָאל עֶפֶּעס פַארְפֶעהלְן, וַוייל אוּנְזֶערֶע אַלֶעמֶענְס גֶעדַאנְקֶען זַיינֶען גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם "שְׁפַּאלְטְן זִיךְ פוּן הִימְל".

אַ נַייעֶר לֶעבְּן הָאט זִיךְ פוּן דֶעם טָאג אָנְגֶעהוֹיבְּן אִין אוּנְזֶער חֶדֶר. פוּן דִי שְׁטֶענְדִיג פְרֵיילִיכֶע לוּסְטִיגֶע קִינְדֶער הָאט מֶען שׁוֹין גֶעקֶענְט זֶעהן פִיל אַרוּמְגֵיין מִיט אַרָאפְּגֶעלָאזְטֶע קֶעפְּלַאךְ, אוּן דִי קְלֵיינֶע פְלַאמֶענְדִיגֶע אֵייגַאלַאךְ הָאבְּן יֶעדְן

גֶעוִויזְן, אַז דָאס קִינְדִישֶׁע מֹחַ׳ל אִיז מִיט עֶפֶּעס עֶרְנְסְט פַארְנוּמֶען.

יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט זַיין סְבָרָה, וְוי אַזוֹי עֶר שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר דִי דָאזִיגֶע ״רֶגַע״.

אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער וֶוען יֶעדֶער הָאט שׁוֹין גֶעהַאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט זַיין מֵיינוּנְג, וְוי אַזוֹי דָאס גְרוֹיסֶע ווּאוּנְדֶער קוּמְט פָאר, הָאט דָאס שְׁטֶענְדִיגֶע גֶעשְׁפְּרֶעךְ אָנְגֶענוּמֶען אַ ״פְּרַאקְטִישְׁן״ כַארַאקְטֶער; מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלֶעהרְן, וָואס מֶען זָאל זִיךְ אִין דִי אֵיינֶע ״רֶגַע״ אוֹיסְבֶּעטְן.

דֶעם גַאנְצְן ווִינְטֶער דוּרְכַאנַאנְד זַיינֶען מִיר אַלֶע קִינְדֶער גֶעוֶוען שִׁכּוֹר. בַּיי יֶעדֶע גֶעלֶעגְנְהַייט, וֶוען מֶען הָאט נָאר גֶעהַאט אַ פְרַייעֶ מִינוּט מִיטְן רֶבִּין צוּ רֶעדְן, הָאט זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ שִׁיטְן פוּן אַלֶע זַייטְן שְׁאֵלוֹת וֶועגְן דִי שָׁבוּעוֹת׳דִיגֶע נַאכְט. דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע נִישְׁט גֶעשְׁפָּארְט אוֹיסְצוּרֶעכֶענֶען אַ צֶעטְל מַעֲשִׂיוֹת שֶׁהָיוּ פוּן דָא אוּן דָארְט, וְוי אַ סַאךְ מֶענְטְשְׁן זַיינֶען אִין דֶער דָאזִיגֶער נַאכְט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן אוּן אוֹיף אֵייבִּיג גֶעבְּלִיבְּן גְלִיקְלַאךְ.

גֶעקוּמֶען אִיז פֶּסַח, אוּן מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן סְפִירָה צֵיילְן. ווִי אַיינְפַאךְ אוּן נַאטִירְלִיךְ זַיינֶען מִיר יֶעצְט דִי שְׁטֶענְדִיג אוּנְפֶערְשְׁטֶענְדְלִיכֶע סְפִירוֹת פָארְגֶעקוּמֶען, גַאנְץ פָּשׁוּט: אַלֶע אִידְן צֵיילְן דִי טֶעג בִּיז שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, כְּדֵי מֶען זָאל, חָלִילָה, נִישְׁט פַארְגֶעסְן אִין דִי אֵיינֶע "רֶגַע".

עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי זוּמֶערְדִיגֶע אָוְונְדְן, אָוְונְדְן אִין וֶועלְכֶע אַ קִינְד פִיהלְט זִיךְ אַזוֹי פְּרַיי אוּן אִין וֶועלְכֶע יֶעדֶע בַּאשֶׁעפֶענִישׁ שֶׁעפְּט זִיךְ אָן מִיט דִי פְרִישֶׁע לוּפְט אוֹיפְן גַאנְצְן יָאהר. אִיךְ פְּלֶעג אִין אַזֶעלְכֶע אָוְונְדְן דִי שְׁטָאט פַארְלָאזְן אוּן מִיט דִי חֲבֵרִים צוּזַאמֶען אִין נָאהנְטְן וַואלְד שְׁפַּאצִירְן בִּיז אִין דֶער שְׁפֶּעטֶער נַאכְט. דֶער הַיינְטִיגֶער פְרִילִינְג הָאט אָבֶּער בַּיי מִיר גַאנְץ אַנְדֶערֶע גֶעדַאנְקֶען אַרוֹיסְגֶערוּפְן. אַנְשְׁטָאט יֶעדְן אָוְונְד אִין וַואלְד צוּ גֵיין בִּין אִיךְ אִין בֵּית־הַמִדְרָשׁ גֶעזֶעסְן, כְּדֵי, חָלִילָה, נִישְׁט צוּ פַארְפֶעהלְן סְפִירָה־צֵיילְן. אוּן יֶעדֶע נַאכְט, וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט צֵיילְן אַ צָאל נֶענְטֶער צוּ דֶער גְרוֹיסֶער "נַאכְט", הָאט דָאס קִינְדִישֶׁע הֶערְצְל מַיינְס אִין מִיר מִיט שִׂמְחָה אוּן מִיט אוּנְבַּאוואוּסְטֶע שְׁרֶעק גֶעצַאפְּלְט, אִינְסְטִינְקְטִיוו גֶעפִיהלְט, אַז דָאס גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעהֶענִישׁ רוּקְט זִיךְ אָן.

די נאַכט פון ערב שבועות, ווען איך בין געקומען אַהיים פון בית המדרש, ווי איך האָב געהערט שוין אָפּציילן "היום מ"ט יָמים לעומר" און געוואוסט, אַז דאָס האָט מען שוין דאָס לעצטע מאָל צום לאַנג־ערוואַרטעטן טאָג געציילט, האָב איך מיך גלייך געלייגט אין בעט מיט דער האָפענונג אַנטשלאָפן צו ווערן, ווייל איך האָב נישט געקענט אויסהאַלטן פון אַריינקלערן. אָבער עס איז מיר געווען אוממעגליך אײַנצושלאָפן, נאָר מיט אָפענע אויגן געחלומט וועגן די מאָרגנדיגע נאַכט.

ענדליך האָב איך דערלעבט דעם ערב שבועות אָוונט. איך געפין מיך אין גרויסן בית המדרש. אויף די פנימער פון דעם גאַנצן עולם ליגט אויסגעגאָסן אַ יום־טוב שטימונג. די שטראַהלנדע פנימער האָבן מיר געזאָגט, אַז מען ערוואַרט עפּעס אומנאַטירליכעס. איך פערטיף מיר אַזוי לאַנג ביז איך דערהער פלוצים פון אַלע זייטן: "גוט יום־טוב, גוט יום־טוב". מיטן שטראָם מיטגעריסן בין איך אויך אַהיים געקומען. אין דערהיים האָב איך אָנגעטראָפן אויף אַ גרויסאַרטיג געדעקטן טיש. אויף דער ערד האָט מען געטראָטן

אוֹיף גְרִינְס. אוּן עֶס אִיז מִיר יֶעצְט עֶרְשְׁט אוֹיף דִי גֶעדַאנְקֶען גֶעקוּמֶען, אַז אִיךְ הָאבּ הַיינְט מְבַטֵל גֶעוֶוען מַיין לַאנְג יֶעהְרִיגְן מִנְהָג: אַלֵיין אָפְּצוּרַייסְן שָׁבוּעוֹת־גְרָאז אוֹיף דִי לָאנְקֶע אוּנְטֶער דִי שְׁטָאט.

אָפְּגֶעגֶעסְן, דֶער טַאטֶע אִיז שׁוֹין גֶעגַאנְגֶען אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ תִּקוּן זָאגְן. אוּן אִיךְ הוֹיבּ אָן קְלֶערְן, ווִי מֶען קוּמְט אַזוֹי שְׁפֶּעט אוֹיף דִי פְרַייעֶ לוּפְט אוּן עֶס זָאל מִיר קֵיינֶער פוּן שְׁטוּבּ נִישְׁט בֶּעמֶערְקְן.

אוּנְזֶער הוֹיז אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אַ בִּיסְל אָפְּגֶערוּקְט פוּן דֶער מִיטְלְשְׁטָאט אוּן אוּנְטֶערְן הוֹיז הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ מְכֻּלוֹמֶר'שְׁטֶער גָארְטְן. סוּכּוֹת פְלֶעגְט מֶען אִין אִיהם אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ סוּכָּה, ווִינְטֶער פְלֶעגְט מֶען אִין אִיהם אָפְּלֵייגְן הָאלְץ מִיט קוֹילְן, אוּן זוּמֶער פְלֶעג אִיךְ דָארְט אַיינְזֵייעֶן בַּאנְיֶעס.

דֶעם דָאזִיגְן גָארְטְן הָאבּ אִיךְ מִיר אוֹיסְגֶעפוּנֶען פַאר מַיין צְוֶועק, וַוייל פוּן דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעקֶענְט אַ גְרוֹיסְן שֶׁטַח הִימְל אַרוּמְנֶעמֶען אוּן דֶערְבַּיי פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעזֶען צוּ וֶוערְן. שְׁטִילֶערְהֵייט הָאבּ אִיךְ מִיר פוּן שְׁטוּבּ אַרוֹיסְגֶעגַנְבֶעט, מִיטְגֶענוּמֶען אַ ״תִּקוּן״, זִיךְ

אַװעקגעזעצט אַנטקעגן דער לְבָנָה און אָנגעהויבּן מיט כַּוָנָה זאָגן...

לאַנג האָב איך אָבער נישט געקענט זאָגן, װײל די אויגן האָבן מיר געצויגן צום הימל און טאַקע צום ערשטן מאָל האָב איך דעם הימל אַזוי שײן געזעהן. דער גאַנצער הימל איז געװען געדיכט בעשׂיט מיט שטערן. איך האָב מיר געטראַכט, אַז נאָר הײנט, צוליב דעם גרויסן געשעהעניש, װאָס זאָל פאָרקומען, איז דאָס דער הימל אַזוי רײך בעצירט.

װי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן װײס איך נישט. איך געדײנק נאָר, אַז דעמאָלט האָב איך גאָרנישט געקלערט. פון מינוט צו מינוט האָט זיך נאָר אין מײנע אויערן אַרײנגעריסן דער תּיקון־נגון פון אַ שכנ׳דיג פענסטער. אַמאָל איז דער נגון געקומען זײער שטאַרק און אַמאָל איז ער אויסגעקומען שװאַכער, נידריג, מעלאַנכאָליש, אָבער אַזוי זיס און אָנציהענד, אַז װי װײט איך האָב נישט געװאָלט אָפּװענדן די אויגן פון הימל האָט מיר פאָרט דער תּיקון־נגון אַװעקגעריסן.

*

וָואס עֶס אִיז וַוייטֶער מִיט מִיר גֶעשֶׁעהן, און וֶוען אִיךְ בִּין אַנְטְשְׁלָאפְן גֶעוָוארְן, און וָואס עֶס הָאט זִיךְ מִיר גֶעחָלומְט גֶעדֵיינְק אִיךְ נִישְׁט. נָאר דָאס אֵיינֶע גֶעדֶענְק אִיךְ, אַז דורְכְגֵייעֶנְדֶע אִידְן פון מִקְוָה, הָאבְּן מִיר גֶעוֶועקְט. אִיךְ הָאבּ גֶעעֶפְנְט דִי אויגְן: דִי זון הָאט שׁוין מִיט אִיהרֶע מִילְדֶע שְׁטְרַאלְן דִי גָארטְן־עֶרְד גֶעגְלֶעט. אִיךְ הָאבּ מִיר אָנְגֶעהויבְּן אַרומְזֶעהן, וָואס עֶס הָאט זִיךְ דָא גֶעטְהון און גֶעזֶען, אַז אִיךְ הָאבּ דִי לַאנְג עֶרְוַוארְטֶעטֶע "רֶגַע" פֶערְשְׁלָאפְן.

יָא, יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִין לֶעבְּן אַ "רֶגַע", וָואס קֶען אִיהם גְלִיקְלַאךְ מַאכְן. אָבֶּער וֶוער אִיז זוכֶה און פֶערְשְׁלָאפְּט זִי נִישְׁט.

אַ שָׁבועות נאַכְט אִין יְשִׁיבָה

דֶער עֶרֶב יום טוב׳דִיגֶער טָאג, אַ פֶערְמַאטֶערְטֶער פון הֲכָנות, אִיז אַוֶועק צום וַואלְד און צום טַייכְל וָואס פְלִיסְט נֶעבְּן שְׁטֶעטְל. בַּיים בְּרֶעג הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט אַ וַויילֶע אויסְרוּהֶען, אויפְן שְׁפִּיץ פון סַאמֶעטֶענֶעם וַואלְד הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶעזֶעגְנְט, זִיךְ גֶעבְּרֶענְט אַ וַויילֶע און אויסְגֶעגַאנְגֶען אויף די הֶענְט פון די ווִינְטְן, וָואס הָאבְּן גֶעגְלֶעט די יונְגֶע גְרָאז. אִין דֶער טַייכְל הָאט דֶער טָאג, אַ רויטֶער און פַארְשְׁוִויצְטֶער זִיךְ גֶעצְוָואגְן, גֶעשְׁטְרָאמְט צוזַאמֶען מִיטְן וַואסֶער אויף די פְלִיגְלֶען פון דֶער וַואסֶער מִיהל, און ווִי דֶער קָארְן אויף די שַׁארְפֶע מִיהל שְׁטֵיינֶער צומָאלְן גֶעוָוארְן.

פַארְנַאכְט, אַ שְׁטִילֶע יום טוב׳דִיגְקַייט רוּהט אִיבֶּערְן שְׁטֶעטְל. אויף די פַארְמַאכְטֶע גֶעוֶועלְבֶּער

לִיגְן דִי אַייזְערְנֶע שְׁלֶעסֶער, ווִי גַארְטְלֶען אוֹיף דִי יוֹם טוֹב׳דִיגֶע קַאפָּאטֶעס. אִידְן גֵייעֶן דַאוְונֶען מִיט פַּאמֶעלִיכֶע טְרִיט, בִּנְעִימוּת׳דִיג אוּן הַאלְטְן אוֹיסְגֶעצְוָואגֶענֶע קִינְדֶער פַּאר דִי הֶענְטְלַאךְ.

אִין דֶעם גְרוֹיסְן אַלְטְן מוֹיעֶר פוּן דֶער יְשִׁיבָה זַיינֶען שׁוֹין אַלֶע לָאמְפְּן אָנְגֶעצוּנְדְן. דִי יְשִׁיבָה אִיז נָאךְ לֵיידִיג, דִי בַּחוּרִים גְרֵייטְן זִיךְ צוּם יוֹם טוֹב, אָבֶער עֶס פִּיהֶלְט זִיךְ ווִי דִי גְרוֹיעֶ ווֶענְט פוּן דֶער יְשִׁיבָה וָואלְטְן הַיינְט יוּנְגֶער גֶעוָוארְן. זֵיי זַיינֶען אִין שִׂמְחָה׳דִיגֶער עֶרְוַוארְטוּנְג פוּן דֶער הַיינְטִיגֶער שָׁבוּעוֹת נַאכְט. עֶרְגֶעץ פוּן אַ ווִינְקְל צוּקְלִינְגְט זִיךְ אַ קוֹל פוּן אַ בָּחוּר׳ל מִיט אַ זִיסֶע שְׁטִימֶע, דָאס אִיז אֵיינֶער פוּן דִי מַתְמִידִים פוּן דֶער יְשִׁיבָה, עֶר לֶערְנְט יֶעצְט מוּסָר. עֶר גִיט זִיךְ אָפּ אִין דֶער שָׁבוּעוֹת נַאכְט אַ חֶשְׁבּוֹן פַּאר אַלֶע נֶעכְט דִי נִישְׁט דֶערְשְׁלָאפֶענֶע. דָאס קוֹל שְׁווִימְט אַרוּם פַּארְאַיינְזַאמְט אִין זַאל פוּן דֶער יְשִׁיבָה, קַייקְלְט זִיךְ אַרוֹיס דוּרְכְן אָפֶענֶעם פֶענְסְטֶער אוּן ווֶערְט פַּארְלוֹירְן אִין דֶעם בֵּין הַשְׁמָשׁוֹת.

אֵיינְצִיגְוַוייז, אֵיינְצִיגְוַוייז שְׁלַייכְן זִיךְ אַרַיין דִי בַּחוּרִים אִין דֶער יְשִׁיבָה אָנְגֶעטְהוּן יוֹם טוֹב׳דִיג

מִיט אַ פְרֵיילִיכְן עֶרְנְסְט אוֹיף דִי פֶּנִימֶער, וְוי הוֹיפְּט מְחוּתָּנִים אוֹיף אַ חֲתוּנָה. וְוער נָאךְ זַיינֶען אַזוֹינֶע נָאהֶנְטֶע בַּעֲלֵי שִׂמְחָה וְוי זֵיי, וָואס גִיבְן אַוֶועק זֵייעֶר לֶעבְן פַּאר דֶער תּוֹרָה? זֵיי פִיהלְן וְוי דֶער גַאנְצֶער הַיינְטִיגֶער יוֹם טוֹב אִיז סְפֶּעצְיֶעל פַּאר זֵיי גֶעשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן דָאס גֶעפִיהל גִיט זֵיי מוּט אוּן שְׁטָאלְץ.

מֶען לֶערְנְט יֶעצְט מוּסָר, דָאס אִיז יֶעצְט דִי הֲכָנָה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה. דֶער אוּמֶעטִיגֶער מוּסָר נִיגוּן וָואס וַוארְפְט שְׁטֶענְדִיג אַזַא טְרוֹיעֶר אוֹיף דִי פַארְבַּייגֵייעֶר אִין דִי פַארְנַאכְטְן, קְלִינְגְט הַיינְט פְרֵיילִיכֶער אוּן מוּנְטֶערֶער. — עֶס אִיז דָאךְ עֶפֶּעס הַיינְט שָׁבוּעוֹת, אוּן דֶער "וְשָׂמַחְתָּ" דְרִינְגְט אַרַיין אֲפִילוּ אִין דֶעם עַצְבוּת'דִיגְן מוּסָר נִיגוּן.

פְּלוּצְלוּנְג דֶערְהֶערְט זִיךְ אַ קְלַאפּ אוֹיפְן עָמוּד פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה אוּן אִין דֶער יְשִׁיבָה וֶוערְט שְׁטִיל. נָאר עֶפֶּעס פוּן אוּמֶעטִיגְן נִיגוּן פְלַאטֶערְט נָאךְ אִין חָלָל. דִי בַּחוּרִים בְּלַייבְן זִיצְן וְוי פַארְגְלִיוֶועְרְט. זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ יֶעצְט אִין מִיטְן פוּן דֶער הֲכָנָה צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט מִיט אֵיין פַּאטְש אִיבֶּערְגֶעהַאקְט, וְוי מִיט אַ

שַׁארְפְן חַלֶף, דֶעם זַיידֶענֶעם פָּאדִים פוּן זֵייעֶרֶע מַחֲשָׁבוֹת.

מֶען דַאווְנְט מַעֲרִיב. דֶער מַעֲרִיב הַיינְט אִיז אַנְדֶערְשׁ ווִי שְׁטֶענְדִיג, עֶס קְלִינְגְט אַבִּיסְל יָמִים נוֹרָאִים׳דִיג, אָבֶער אָן דֶעם פְּחָדִים׳דִיגֶער צִיטֶער וָואס אִיז פַארְהַאן אִין יֶענֶעם מַעֲרִיב. דֶער מַעֲרִיב אִיז פְרִימֶער ווִי פוּן אַ גַאנְץ יָאהר, אָבֶער עֶס פִּיהלְט זִיךְ אִין אִיהם דֶעם "עִבְדוּ אֶת ה׳ בְּשִׂמְחָה".

נָאךְ מַעֲרִיב נֶעמְט מֶען זִינְגֶען אוּן אוֹיסְדְרִיקְן דֶעם יְשִׁיבָה׳שְׁן — "אֲדוֹן עוֹלָם", אוּן ווִי פוּן נִיגוּן אַרוֹיס, הוֹיבְּט זִיךְ אָן דֶער טַאנְץ אַרוּם דִי בֵּיינְק. אֵיינְצִיגְוַוייז, פוּן זִיךְ אַלֵיין, פְלֶעכְטְן זִיךְ אַרַיין הֶענְד אִין הֶענְד, אַקְסְל צוּ אַקְסְל. דֶער טַאנְץ הוֹיבְּט זִיךְ אָן שְׁטִיל, ווִי מֶען וָואלְט גֶעגַאנְגֶען אוֹיף דִי שְׁפִּיץ פִינְגֶער אוּן עֶר גֵייט אַוֶועק שְׁטַארְקֶער אוּן שְׁטַארְקֶער, שְׁטוּרְמִישֶׁער אוּן שְׁטוּרְמִישֶׁער, בִּיז מֶען גֵייט אַרַיין אִין טְרַאנְס פוּן טַאנְץ וֶועלְכֶער וֶוערְט פַארְוַואנְדְלְט פוּן אַ גַאלָאפּ ווִי אַ וַואסֶער פַאל, שׁוֹין נִישְׁט פוּן הוּנְדֶערְטֶער בַּחוּרִים, נָאר ווִי אֵיין מַאסֶע מִיט אֵיין רִיזִיגְן קוֹל, וָואס אִיז אַרַיין אִין הֶעכְסְטֶער הִתְלַהֲבוּת, אוּן עֶקְסְטַאזִישֶׁער

בּיינקשאפט.

עס טאנצן מיט די בּיינק, די ווענד, די גמרא׳ס און די שטענדיג פארזארגטע און אומעטיגע מוסר ספרים, ווייל זיי האבּן דאך עפּעס אויך א חלק אין דער היינטיגער שמחה און אין ישיבה בחור׳ישע קעפּ, טאנצן היינט אזוי לייכט אבּיי ורבא׳ס, שווערע תוספות׳ן און רמבּ״ם׳ס, יעדער ווערט איצט א מנגן.

די נגונים און די טענץ רייסן זיך ארויס דורך די פענסטער און צושפּרייטן זיך איבּער דער שטילקייט פון שטעטל. בּעלי בּתים אין מיטן עסן ווערן אנגעצונדן פון דעם געזאנג, לייגן אוועק דעם לעפל פון די הענד און העלפן אונטער פון דערווייטנס דער ישיבה אין זינגען. אזוי ווערט פאראייניגט דאס גאנצע שטעטל מיטן ניגון פון דער ישיבה. ווען די בּחורים גייען זיך פונאנדער צום עסן, הערן זיי ווי זייער נגון ווערט געשפּונען ווייטער, ווי א זיידענער פאדים אין אלע הייזער פון שטעטל.

*

אִין יְשִׁיבָה אִיז שְׁטִיל, נָאר אָפְּקְלַאנְגֶען פוּן דִי נִיגוּנִים פְלִיהֶען אוּם ווִי דִי פוֹיגֶעלֶעךְ אִין חָלָל. אוֹיפְן עָמוּד זַיינֶען דִי לִיכְט נָאךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען. דִי פַּייעֶרְלַאךְ שְׁפְּרִינְגֶען אוּן מַאכְן טַאנְצְן שָׁאטְנְס אוֹיף דִי וֶוענְט אוּן אוֹיפְן אָרוֹן קוֹדֶש, ווִי זֵיי ווָאלְטְן יֶעצְט, ווֶוען דִי בַּחוּרִים זַיינֶען נִישְׁטָא, אוֹיסְגֶעהַאלְטְן ווַייטֶער דִי אַטְמָאסְפֶער פוּן יְשִׁיבָה. עֶס אִיז אַ שְׁטִילְקַייט ווָאס דֶערְצֵיילְט פוּן אַ שְׁטוּרְם ווָאס דַארְף אָנְקוּמֶען — דִי מִשְׁמָר נַאכְט.

שְׁפֶּעט אִין אָוְונְד, דָאס שְׁטֶעטְל אִיז אַיינְגֶעהִילְט אִין נַאכְט אוּן אִין שְׁלָאף, דִי פֶענְסְטֶער פַארְשְׁלָאסֶענֶע אוּן פַארְלָאשֶׁענֶע. אִין יְשִׁיבָה הוֹיבְּט זִיךְ יֶעצְט אָן דִי לִיכְטִיגְקַייט, דִי ווַאכְקַייט. בִּיסְלַאכְווַייז קוּמֶען זֵיי אַרַיין דִי בַּחוּרִים, פַארְנֶעהמֶען זֵייעֶרֶע עֶרְטֶער אוּן זֶעצְן זִיךְ לֶערְנֶען אוֹיפְן קוֹל ווִי עֶס ווָאלְט יֶעצְט גָאר קֵיין נַאכְט נִישְׁט גֶעווֶען נָאר אָנְהוֹיבּ טָאג. דִי לוּפְט ווֶערְט אָנְגֶעפִּיהֶלְט מִיטְן קוֹל הַתּוֹרָה ווָאס ווֶערְט אַלְץ שְׁטַארְקֶער אוּן הֶעכֶער. דִי גְמָרָא נִגוּנִים ווָאס לוֹיפְן אַרוּם ווִי שְׁווַאלְבְּן דוּרךְ דִי פֶענְסְטֶער, ווֶועקְן דִי שְׁטִילְקַייט. זֵיי דֶערְצֵיילְן דֶעם ווִינְט אַז הַיינְט אִיז שָׁבוּעוֹת, דֶער טָאג פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אוּן דֶער

װוינט צוטראגט זיי אין זיינע פּאלעס איבערן שטעטל. אידן װעקן זיך אויף פון שלאף האלב פארדרימלטע איבער די תּקונים, פערכשופט פון די זיסע גמרא קולות װאס קלאפן אין זייערע פענסטער און דערמאנען זיך אז עס איז היינט שבועות. זיי װערן מיטגעריסן פון די זיסע תּורה׳דיגע ניגונים װאס שפּאצירן זיך פראנק און פריי אין מיטן נאכט איבערן שטעטל. די בעלי בתּים נעמען זיך שנעלער און האסטיגער צו פארענדיגן געשטיקעװעטע שטיקלאך תּנ״ך, משנה, גמרא — דעם תּיקון ליל שבועות.

פארטאג. עס זיינען שוין די אויגן מיד און א בלאסע שיין דרינגט אריין אין ישיבה צוזאמען מיט א שװיטשעריי פון די שװאלבן װאס געסטעװען אונטער דעם דאך פון דער ישיבה. א שטראל לייגט זיך אװעק אויף א גמרא און גלעט אביי ורבא׳ן. אבער װער זעהט עס? דער קאפּ איז פארטיפט אין א שװערן תּוספות פון די סוגיא אין שבת װאס רעדט זיך װעגן קבלת התּורה און הארװעט איהם צו פארענטפערן. אזוי ציהט זיך דער אומאויפהערדיגער לערנען ביז עס װערט שוין טאג.

אוּן דַאן, בַּיים דַאוְונֶען שַׁחֲרִית פוּן יוֹם טוֹב, שְׁפִּירְט מֶען וְוי מֶען אִיז שׁוֹין גְרֵייט צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה. נָאךְ אַזַא הֲכָנָה פוּן אַ גַאנְצֶע מִשְׁמָר נַאכְט לֶערְנֶען אוּן דִי פִּיס הוֹיבְּן זִיךְ אוּן דֶער קֶערְפֶּער טַאנְצְט וְוי עֶר וָואלְט יֶעצְט גֶעהֶערְט קוֹלוֹת אוּן בְּרָקִים. נָאכְן דַאוְונֶען נֶעהמְט עֶס אַלֶעמֶען אַרוּם מִיט אַ הִתְלַהֲבוּת'דִיגֶער טַאנְץ וֶועלְכֶער נֶעהמְט אַרוּם וְוי מִיט כְּוָואלְיֶעס דֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל אוּנְטֶער דִי וִוירְקוּנְג פוּן דֶעם תּוֹרָה'דִיגְן אַטְמָאסְפֶער פוּן דִי יְשִׁיבָה.

בסימנא טבא יאיא ובמזלא מעליא ושעת רצון ברכה והצלחה

בששי

בשבת אגיד את הרשום בכתב הנשתון. להנחיל אוהביו תורה נתכנן. בששה ימים לחדש סיון. ביום מסיני בא וזרח משעיר אל עולם. והופיע מהר פארן על מלכי גוים כלם. בשנת אלפים וארבע מאות וארבעים ושמנה לבריאת עולם. למנין שאנו מונים פה בשירה ובזמרה. בארץ הלזו יפה והדורה. המדבר הגדול והנורא. איך החתן שר־שרים ונגיד־נגידים הנקרא **ישראל** בשם. מאד נעלה על כל הגוים לתהלה ולשם. לחייו כערוגת הבשם. אמר לה ליקרה ונעימה. הכבת רבת המעלות תורת ה׳ תמימה. אחת היא יונתי אחת היא לאמה: הוי לי לאנתו יפה כלבנה. וארשתיך לי לעולם שמעי נא זאת עדינה. וארשתיך לי באמונה: ואנא במימרא ובסיעתא דשמיא. אפלח ואוקיר יתיכי כל יומיא. עד עולם ועד ועלמי עלמיא. ויהיבנא ליכי מהר בתוליכי כבתולה נאה. אזן שומעת עין רואה יעשו פרי תבואה. וצביאת כלתא דא **תורה** קדושה. והות לי לאנתו על לוח לבי חרושה. ונשם כתר מלכות בראשה. וצבי חתנא דנא ישראל הנזכר. והוסיף לה מדילה תוספת על עקר. מבן עשרים שנה ומעלה במספר כל זכר. ועוד רצה והוסיף לה כתבתה. מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש באוריתא. ספרא וספרי ואגדתא ותוספתא. ודא נדוניא דהנעלת לה כלתא דא למופת ולאות. מבית אביה אדון הנפלאות. לב לדעת ואזנים לשמע ועינים לראות. ועוד הכניסה לו מעות בעין לאכל פרותיהם, רמ״ח מצות עשה עם דקדוקיהם. אשר יעשה אותם האדם וחי בהם. ועוד הביאה לו כלים עם שמשי ערסא ותכשיטיהם, שס״ה מצות לא תעשה ועונשיהם. ומשפטים בל יחיו בהם. נמצא סך הכל כתבה ונדוניא וחקר כבודם. ותוספות ומאחר ומקדם. את האלהים ירא ואת מצותיו שמור כי זה כל האדם. וכך אמר לנא חתנא דנא ברוח נדיבה. קבלתי עלי ועל ירתאי בתראי אחריות חמר כתבה. דאם אוביר ולא אעביד אשלם במיטבא. התנאים שהותנו ביניהם שרירים וקימים עם כל חזוקיהם. עד האלהים יבא דבר שניהם: מעשה ידיה לו טמון במצפניו. עד יום עלותו למכוניו, הנה שכרו אתו ופעלתו לפניו; ושלא ישא אשה אחרת עליה בסייה מחכמות חצוניות, רק בה יקרא בראש הומיות. כי לא כנשים המצריות העבריות: ושלא יצא לדרך ויניחנה. אלא אם כן עמו יוליכנה. פן ימות במלחמה ואיש אחר יקחנה; ושלא יניחנה מתוך כעס והתרשלות. ולא יאכל עמה לחם עצלות. נוהג בחכמה ולאחז בסכלות: ושלא ימשכן כלי חמדה ולא ימכר. אף להרבות ספרים תמיד יזכר. אמת קנה ואל תמכר; והירשה כמנהג דת ודין על לוח לבו חרותה. מטובה הצפון לצדיקים עין לא ראתה, עלה נעלה וירשנו אותה; והדירה בארץ ישראל. כי יבנה ויכונן הבית והאריאל. מהאדון ה׳ אלהי ישראל. וכל התנאים האלה שרירים וקימים. כצבא השמים בשמי מרומים. לעדי עד ולעולמי עולמים. ונשבע החתן הנזכר. לקים כל דבר להיות זריז ונשכר. דבר ה׳ היה יקר:

ויקם עדות ביעקב ותורה שם בישראל במרץ. ואמר להקים גדריה מאין פורץ פרץ. ואעידה לי עדים נאמנים את השמים ואת הארץ. ועל החתום הכהנים הלוים נושאי הארון. אשר מכבודם כל לב אנוש ירן, הוא משה ואהרן. יראו צדיקים וישמחו ויאכלו את פרים. בתעודה ארכה מארץ מדה ורחבה מני ים. והכל שריר ובריר וקים. ישמח לב חתן בכלה לקחה לו לגורלו. ותשמח כלה עם בעל נעוריה ותאמר במהללו: אשרי העם שככה לו.

„כתובה״ של „החתן״ הנקרא „ישראל״ האומר לה לזו „הכלה״ „התורה הקדושה״ הוי לי לאינתו יפה כלבנה. מושר בליסבון שבפורטוגל עוד מימי אנוסי ספרד.

דְרִיטֶער קַאפִּיטְל: אַקְדָמוּת מִלִין

אִין גֶערַאנְגְל מִיט דֶער טוּמְאָה

דֶער פִּיוּט פוּן אַקְדָמוּת

״אוֹרַיְיתָא״ נִישְׁט ״לַייפְּצִיג״

אִין גֶערַאנְגֶל מִיט דֶער טוּמְאָה

אִין יָאהר ד׳ אֲלָפִים תשס״א אִיז גֶעוָוארְן פַארְשְׁפְּרֵייט מַעֲשֵׂה כְּשָׁפִים. גערוּפְן הָאט מֶען דָאס ״גְלִיקְסְרָאד״, אָבֶער עֶס אִיז גֶעוֶוען דוּרְכְאוֹיס כִּשׁוּף.

וָואס אִיז גֶעוֶוען דֶער ״גְלִיקְסְרָאד״? אַ רָאד אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּן צֶעהן פֶּערְזָאנֶען הָאבְּן זִיךְ אוֹיף דֶעם רָאד אַרוֹיפְגֶעזֶעצְט. דֶער רָאד הָאט זִיךְ גֶעדְרֵייט אוּן דִי מֶענְטְשְׁן הָאבְּן זִיךְ מִיטְגֶעדְרֵייט. דֶער שָׂטָן הָאט אֵיינֶעם פוּן זֵיי אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן פַאר זִיךְ אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר אוֹיסְגֶעלֶערְנְט דִי אַנְדֶערֶע נַיין כִּשׁוּף.

גֶעוֵוינְלִיךְ הָאבְּן דִי אִידְן אוֹיסְגֶעוֵוייכְט דֶעם גְלִיקְסְרָאד וָועלְכֶער אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט כִּשׁוּף. עֶס הָאט זִיךְ אָבֶער גֶעטְרָאפְן אַז אַ אִיד וָועלְכֶער הָאט זִיךְ פַארְגְלוּסְט צוּ קֶענֶען כִּשׁוּף, הָאט זִיךְ אוֹיף

אַרויפְגֶעכַאפְּט אויף דֶעם גְלִיקְסְרָאד.

וֶוען דֶער רָאד הָאט זִיךְ אָנְגֶעהויבְּן צו דְרֵייעֶן, הָאט דֶער אִיד דֶערְשְׁפִּירְט אַז דֶער שָׂטָן וֶועלְכֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג גְרֵייט צו כַאפְּן אִידְן אִין זַיין נֶעץ — הָאט גֶעוָוארְפְן אַ אויג אויף אִיהם. און אָט אָט קומְט עֶר צו, צו אִיהם כְּדֵי עֶר זָאל וֶוערְן פֶערְשְׁקְלַאפְּט צו אִיהם. דִי נְשָׁמָה זַיינֶע וֶועט וֶוערְן אָבְּגֶעריסְן אויף אֵייבִּיג פון בּורֵא עולָם, און עֶר וֶועט פַארְלִירְן בֵּיידֶע וֶועלְטְן, עולָם הַזֶה און עולָם הַבָּא.

וָואס הָאט דֶער אִיד גֶעטְהון כְּדֵי נִיצול צו וֶוערְן פון שָׂטָן׳ס הֶענְד? עֶר הָאט אָנְגֶעהויבְּן צו לֵייעֶנֶען "קְרִיאַת שְׁמַע" מִיט גְרויס כַּוָנָה און יִרְאַת שָׁמַיִם. דֶער כֹּחַ פון קְרִיאַת שְׁמַע הָאט בַּאזֵייטִיגְט דִי גַאנְצֶע טוּמְאָה און דִי חִיצוֹנִים אויף אַזוֹי וַוייט אַז אֲפִילוּ דֶער שָׂטָן אַלֵיין הָאט בְּשום אוֹפָן נִישְׁט גֶעקֶענְט צורוקְן זִיךְ צו אִיהם.

דֶער כַּעַס פון דֶעם שָׂטָן אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי גְרויס אַז מִיט אֵיין קְלַאפּ הָאט עֶר דֶעם רָאד צובְּרָאכְן אויף טויזְנְטֶער שְׁטִיקֶער. אָבֶּער צו דִי נַיין גוֹיִם הָאט דֶער שָׂטָן אויסְגֶעלֶערְנְט מַעֲשֶׂה כִּשּׁוּף.

צְווִישְׁן דִי נַיין גוֹיִם אִיז גֶעוֶוען אַ גַלַח אַ שׂוֹנֵא יִשְׂרָאֵל און מִיט דֶעם כֹּחַ פון כִּשׁוּף וָואס עֶר הָאט זִיךְ יֶעצְט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט פון דֶעם שָׂטָן הָאט עֶר אָנְגֶעטְהוּן צָרוֹת צְרוּרוֹת דִי אִידְן. 663 אִידְן הָאט עֶר אוּמְגֶעבְּרַאכְט. דוּרְךְ אַ קְלַאפּ גֶעבְּן אַ אִידְן אִין בּוֹיךְ — הָאט דֶער אִיד אוֹיסְגֶעהוֹיכְט דִי נְשָׁמָה.

וֶוען דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזֶעהן אַז דֶער גַלַח הָאט צוּשְׁפְּרֵייט זַיינֶע טוּמְאָה'דִיגֶע הֶענְד, הָאבְּן זֵיי גֶעשִׁיקְט דִי חֲכָמִים זֵייעֶרֶע צוּ דֶעם קֵייסֶער וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹהֵב יִשְׂרָאֵל און אִיהם גֶעבֶּעטְן אַז עֶר זָאל זֵיי רַאטֶעוֶוען פון דִי רוֹצְחִישֶׁע הֶענְד.

דֶער קֵייסֶער הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפְן דֶעם גַלַח. דֶער גַלַח הָאט גֶעזָאגְט אַז בִּתְנַאי זֶה וֶועט עֶר אָבְּלָאזְן דִי אִידְן, וֶוען זֵיי וֶועלְן צוּשְׁטֶעלְן אַזַא גְרוֹיסְן חָכָם וִוי עֶר אִיז, זִיךְ מִתְוַוכֵּחַ זַיין מִיט אִיהם. עֶר גִיט צַייט דִי אִידְן אַ גַאנְץ יָאהר, בִּיז זֵיי וֶועלְן אוֹיפְזוּכְן דֶעם חָכָם. אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט עֶר נָאךְ דֶעם יָאהר אוּמְבְּרֵיינְגֶען דִי אִידְן פון שְׁטָאט.

דֶער קֵייסֶער זֶעלְבְּסְט הָאט שְׁטַארְק מוֹרָא בַּאקוּמֶען פון דֶעם מְכַשֵּׁף און הָאט גֶעמוּזְט

אײַנשטימען צו דעם באַדינג.

ווען די אידן האָבן בעקומען די ידיעה וועגן דעם שווערן תּנאַי, האָבן זײ אויסגערופן אַ תּענית צבור, און אַ יום תּפילה ותּשובה. זײ האָבן געדײנקט אַז דורך דעם תּענית ותּפילה וועט געשעהן אַ נס און דער שונא ישׂראל וועט פּלוצלונג אַוועקשטאַרבן.

דער נס איז אָבער נישט געשעהן. דער גלח גײט אַרום פריש און געזונד, האָפנדיג אַז די אידן וועלן נישט קענען באַווײזן אַז בײ זײ געפינט זיך אַזאַ אײנער וועלכער קען מאַכן צויבער מעשׂים.

די צײט שטײט נישט, עס גײען אַריבער וואָכן און חדשים און עס זעהט זיך נישט אַרויס ווער עס זאָל קענען אונטערנעמען פירן וויכוחים און מאַכן כּשוף ווי דער גלח טהוט. די אידן האָבן זיך געפונען אין אַ צווײפלהאַפטיגע לאַגע. עס דראָהט מיט סכּנות-נפשות. זײ האָבן געשיקט האַרץ-רײסנדע קול-קורא׳ס אין אַלע געגנדן אַז מען זאָל געפינען דעם פּאַסנדן מענטש וועלכער זאָל זײ אויסלײזן פון דעם רשע׳ס הענד, אָבער קײן אַנטוואָרט האָבן זײ נישט באַקומען.

אֵיינִיגֶע תַּלְמִידֵי חֲכָמִים פון נָאהֶנְט און פון וַוייט הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַ פַארְגֶעפְּלֶטְן חָלום: צולִיבּ דֶעם וָואס דֶער דור אִיז זִינְדִיג, קֶען נִישְׁט גֶעשֶׁעהְן דֶער עֶרְוַוארְטֶעטֶער נֵס אַז דֶער גַלָח זָאל פֶּגֶר'ן. אָבֶּער שְׁרֶעקְן זָאלְט אִיהר אַייך נִישְׁט. שִׁיקְט אַ חָכָם וָואס עֶר וֶועט זִיך פַארְהֶערְן מִיטְן גַלָח נִישְׁט מִיט כִּשׁוף נָאר מִיט כֹּחות פון קְדושָׁה.

מִיט אַ פַארְכַאפְּטְן אָטֶעם הָאבְּן זִיך דִי תַּלְמִידֵי חֲכָמִים אויפְגֶעכַאפְּט פון שְׁלָאף. יֶעדֶערֶער הָאט אִיבֶּער דֶערְצֵיילְט דֶעם חָלום, אָבֶּער צו קֵיין רֶעזולְטַאט זֵיינֶען זֵיי נִישְׁט גֶעקומֶען: וֶוער אִיז דֶער יֶענִיגֶער וָואס עֶר בַּאזִיצְט דֶעם אונְגֶעהוֹיעֶר כֹּחַ הַקְדושָׁה צו בְּרֶעכְן דֶעם כֹּחַ הַטומְאָה — אָט דָאס, דֶער עִיקָר פִּינְטֶעלֶע הָאט דֶער שַׂר־הַחָלום נִישְׁט אַנְטְפְּלֶעקְט.

יֶעצְט הָאבְּן זִיך שׁוין בַּאטֵיילִיגְט אַלֶע אִידְן פון דַייטְשְׁלַאנְד אִין דֶעם תַּעֲנִית צִבּור תְּפִלָּה, אַז הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ זָאל הֵייסְן דֶעם שַׂר הַחֲלום אַז עֶר זָאל מְגַלֶה זַיין וֶועמֶען מֶען קֶען אָנְפֶערְטְרוֹיעֶן דֶעם שְׁרֶעקְלִיכְן אונְטֶערְנֶעמונְג.

עֶס הָאט נִישְׁט גֶענומֶען לַאנְג און דֶער שַׂר־

הַחֲלוֹם הָאט זיך בַּאוויזן בַּיי גֶעצֵיילְטֶע פֶּערְזָאנֶען, און הָאט שוין מֶעהר מְגַלֶּה גֶעוֶועזן. דְהַיינוּ: אָט דֶער גֶעזוּכְטֶער פֶּערְזָאן גֶעפִינְט זיך לְגַמְרֵי נִישְׁט אִין חוּץ לָאָרֶץ און נִישְׁט אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. אִיהר מוּזְט אִיהם בְּרֵיינְגֶען פון די ״עֲשֶׂרֶת הַשְׁבָטִים״ וֶועלְכֶע גֶעפִינֶען זיך אִיבֶּער דֶעם טַייך וֶועלְכֶער רוּפְט זיך ״סַמְבַּטְיוֹן״.

אַ פֵיינֶעם אַדְרֶעס הָאט דֶער שַׂר הַחֲלוֹם אָנְגֶעוויזְן! נוּ, ווי גֶעפִינְט מֶען דֶעם מֶענְטְש וֶועלְכֶער וֶועט זיך אוּנְטֶערְנֶעמֶען צוּ מַאכְן דֶעם מַארְשְׁרִיט — פָאהרְן זוּכְן די עֲשֶׂרֶת הַשְׁבָטִים?

אוֹיסֶער דֶעם וֶוער קֶען אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם סַמְבַּטְיוֹן? אַלֶע וֵוייסְן אַז דֶער סַמְבַּטְיוֹן אִיז דֶער אֵיינְצִיגֶער טַייך וָואס הָאט אַ אוֹיסֶערְגֶעוֵויינְלִיכְן אֵייגְנְשַׁאפְט: זֶעקְס טֶעג אִין וָואךְ שְׁלַיידֶערְט עֶר שְׁטֵיינֶער, נָאר אוּם שַׁבָּת רוּהט עֶר. ווי אִיז דָאס מֶעגְלִיךְ אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טַייך? נִישְׁט אִין דֶער וָואכְן, — וַוייל די שִׁיף וֶועט צוּבְּרָאכְן וֶוערְן; נִישְׁט אִין שַׁבָּת, וַוייל עֶס אִיז פַארְבּוּנְדְן מִיט חִלּוּל שַׁבָּת און די רוֹיטֶע אִידֶעלַאךְ (די עֲשֶׂרֶת הַשְׁבָטִים) וֶועלְן דֶעם פֶּערְזָאן פַארְשְׁטֵיינֶען.

גְרַאדֶע הָאבְּן דִי חֲכָמִים וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעזֶעהן דֶעם חָלוֹם גֶעדֵיינְקְט צוּ פְרֶעגְן דִי הַארְבֶּע קוּשְׁיוֹת פַאר דֶעם "שַׂר הַחֲלוֹם". דֶער אַנְטְוָוארְט פוּן דֶעם שַׂר הַחֲלוֹם אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ קוּרְצֶע: דָאס לָאזְט אִיבֶּער אוֹיף דִי רוֹיטֶע אִידֶעלַאך וֶועלְכֶע זַיינֶען צוּגֶעגְרֵייט צוּ בְּרֵיינְגֶען אַ יְשׁוּעָה פַאר דִי גָלוּת אִידְן.

וֶוען דֶער וואוּנְדֶערְלִיכֶער חָלוֹם אִיז גֶעוָוארְן מְפוּרְסָם, זַיינֶען דִי אִידְן גֶעקוּמֶען צוּם בַּאשְׁלוּס: אַז דֶער שָׁלִיחַ מְיוּחָד צוּ דִי עֲשֶׂרֶת הַשְׁבָטִים זָאל זַיין רַבִּי מֵאִיר שַׁץ, וֶועלְכֶער אִיז אַ צַדִיק אוּן אַ גָאוֹן אִין תּוֹרָה.

רַבִּי מֵאִיר שַׁץ הָאט דִי שְׁלִיחוּת אָנְגֶענוּמֶען. מֶען הָאט אִיהם גֶעגֶעבְן צֵידָה לַדֶרֶךְ אוּן אוֹיךְ פַאר דִי בַּאגְלֵייטֶער אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעלָאזְט אִין וֶועג אַרַיין.

זֵייעֶר אַ סַאךְ צָרוֹת הָאבְּן דִי שְׁלוּחִים גֶעהַאט: טַייכְן אוּן הוֹיכֶע בֶּערְג, מִדְבָּרִיוֹת פוּל מִיט חַיוֹת רָעוֹת, שְׁלֵיינְג, הִיצְן אוּן קֶעלְט, אוּן שְׁרֶעקְלִיכֶע קְלִימַאטְן פוּן דִי פַארְשִׁידֶענֶע אוּמְבַּאזֶעסֶענֶע גֶעגְנְדְן הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט דוּרְכְרַייזְן. זֵיי, דִי

שְׁלוּחִים הָאבְּן דָאס אָנְגֶעְנוּמֶען פַאר לִיבּ, זֵיי גֵייעֶן
רַאטֶעוֶועֶן גַאנְצֶע קְהִלּוֹת אִידְן פוּן אַ ווִילְדְן מְכַשֵּׁף.
זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף זֵייעֶרֶע שְׁוַואכֶע
כּוֹחוֹת, אוּן גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין גֵיין. זֵיי הָאבְּן
גֶעוואוּסְט דֶעם טֶערְמִין, דֶעם טָאג־יָאהר וָואס עֶס
דַארְף פָּארְקוּמֶען דֶער פַארְהֶער צְווִישְׁן דֶעם
אוּמְבַּאוואוּסְטְן אִידִישְׁן חָכָם גֶעגְן דֶעם לֶעסְטֶערֶער
מְכַשֵּׁף — אוּן מֶען מוּז זִיךְ אַיילְן, מֶען טָאר נִישְׁט
רוּהעֶן. דָאךְ הָאט דִי נְסִיעָה גֶענוּמֶען פִיל צַייט. זֵיי
זַיינֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם סַמְבַּטְיוֹן אַכְט טֶעג פַאר
דֶעם טֶערְמִין אוּן פּוּנְקְט אִיז שַׁבָּת קוֹדֶשׁ וֶוען דֶער
טַייךְ רוּהט. אָבֶער ווִי קֶען מֶען עוֹבֵר זַיין אוֹיף אַ
דִין תּוֹרָה אוּן אוֹיפְזֶעצְן זִיךְ אוֹיף אַ שִׁיף אוּם שַׁבָּת.

רַבִּי מֵאִיר שַׁץ־חַזָן זָאגְט צוּ דִי בַּאגְלֵייטֶערְס:

— הֶערְט וָואס אִיךְ הָאב בַּאשְׁלָאסְן, פִּיקוּחַ
נֶפֶשׁ אִיז דָאךְ דוֹחֶה שַׁבָּת, מִכָּל שֶׁכֵּן רַאטֶעוֶועֶן
גַאנְצֶע קְהִלּוֹת אִידְן אִיז גֶעווִיס דוֹחֶה שַׁבָּת. אָבֶער
עֶס אִיז גֶענוּג אַז אִיךְ אַלֵיין זָאל עוֹבֵר זַיין. עֶס קֶען
גֶעווִיס זַיין אַז דִי "עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים" וֶועלְן מְקַיֵּים
פְּסַק זַיין אוּן מִיר אוּמְבְּרֶיינְגֶען, בִּין אִיךְ מִיר מוֹסֵר
נֶפֶשׁ פַארְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל. וּבְכֵן, אִיהר וַוארְט דָא אוּן

נָאר אִיךְ וֶועל אַרִיבֶּער גֵייְן דֶעם סַמְבַּטְיוֹן. לָאמִיר הָאפְן אַז הַשֵׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן בְּרֵיינְגֶען אַ יְשׁוּעָה פַאר דִי אִידְן.

רַבִּי מֵאִיר שַׁיְך הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם בְּרִיוו וָואס דִי קְהִילָה הָאט אִיהם מִיטְגֶעגֶעבְן צוּ צַייגְן דִי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים, אִין וָואס פַאר אַ צָרָה זֵיי גֶעפִינֶען זִיךְ אוּן מְעוֹרֵר זַייְן רַחֲמִים אוּן ווירְקְן, אַז זֵיי, דִי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים זָאלְן קוּמֶען צוּ הִילְף דִי אִידְן אִין דַייטְשְׁלַאנְד.

וֶוען רַבִּי מֵאִיר אִיז גֶעקוּמֶען אוֹיף דִי אַנְדֶער זַייט פוּן נָהָר סַמְבַּטְיוֹן, הָאט מֶען אִיהם גֶעכַאפְּט אוּן אַיינְגֶעזֶעצְט. סְטַייטְשׁ, ווִי הָאט אַ אִיד אַזַא דְרֵייסְט מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין. עֶס קוּמְט אִיהם מִיתָה.

רַבִּי מֵאִיר זָאגְט צוּ דִי פָּאלִיצֵיי:

— אִיךְ הָאבּ מִיר שׁוֹין לַאנְג מַפְקִיר גֶעוֶוען פַארְן כְּלַל יִשְׂרָאֵל, נֶעמְט נָאר דֶעם בְּרִיוו אוּן גִיט דָאס אִיבֶּער דֶעם קֵייסֶער. עֶר, דֶער קֵייסֶער זָאל טְרַאכְטְן ווִי אַזוֹי צוּ בְּרֵיינְגֶען אַ הִילְף פַאר דִי אִידְן וָועלְכֶע זַיינֶען נֶעבַּאךְ אוּנְטֶערְגֶעוָוארְפְן אוּנְטֶער דִי רוֹצְחִישֶׁע הֶענְד.

די פָּאלִיצֵיי זַיינֶען גֶערִיהרְט גֶעוָוארְן פוּן דִי הַארְצְרַייסְנְדֶע אוֹיסְדְרִיקְן וָואס רַבִּי מֵאִיר הָאט אַרוֹיסְגֶעבְּרַאכְט פוּן זַיין גֶעבְּרָאכְן הַארְץ און הָאבְּן דֶעם בְּרִיוו גֶעבְּרַאכְט צוּם מֶלֶךְ פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים.

דֶער מֶלֶךְ הָאט גְלַייךְ גֶעמַאכְט אַ אֲסִיפָה פוּן דִי שָׂרִים און עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן מֶען זָאל וַוארְפְן אַ גוֹרָל וֶוער עֶס זָאל זַיין דֶער שָׁלִיחַ צוּ דִי אִידְן אִין דִי גָלוּת לֶענְדֶער. מֶען הָאט גְלַייךְ גֶעוָוארְפְן אַ גוֹרָל און דֶער גוֹרָל הָאט גֶעוִויזְן אַז דֶער שָׁלִיחַ זָאל זַיין אַ גֶעוִויסֶער אִיד וֶועלְכֶער אִיז אַ זָקֵן, אַ קְלֵיינֶער, אַ דַארֶער, וָואס זַיין נָאמֶען אִיז רַבִּי דָן.

מֶען הָאט גֶעבְּרַאכְט רַבִּי דָן צוּם מֶלֶךְ און עֶר הָאט בַּאוִוילִיגְט אַיינְצוּגֵיין אִין דִי שְׁלִיחוּת.

דֶער קֵייסֶער הָאט גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי מֵאִיר שַׁץ:

— דוּ טָארְסְט נִישְׁט מְחַלֵל שַׁבָּת זַיין און צוּרִיק אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם סַמְבַּטְיוֹן, דֶער שָׁלִיחַ רַבִּי דָן מֶעג יָא וַוייל בַּיי אִיהם אִיז שַׁיָיךְ פִּקוּחַ נֶפֶשׁ. וּבְכֵן זָאג אָן פַאר רַבִּי דָן אַלֶעס וָואס דוּ הָאסְט אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן פַאר דַיין מִשְׁפָּחָה, פַאר דִי קְהִלָּה

א.א.וו. וַוייל דו וֶועסְט שוין בְּלַייבְּן אַ אֵייבִּיגֶער תּוֹשָׁב בַּיי אוּנְז. אויךְ רַבִּי דָן וֶועט שוין נִישְׁט מֶעהר קֶענֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּ זַיין מִשְׁפָּחָה. דֶער סַמְבַּטְיוֹן אִיז דֶערְוַוייל דֶער אִיבֶּערְנַאטִירְלִיכֶער גְרֶענִיץ צְווִישְׁן דִי אִידְן פוּן יְהוּדָה וּבִנְיָמִין אוּן דִי בְּנֵי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים אוּן בְּנֵי מֹשֶׁה. וֶוען עֶס וֶועט קוּמֶען דִי צַייט פוּן דִי גְאוּלָה שְׁלֵימָה, הָאבְּן מִיר בְּקַבָּלָה אַ וֶועג ווִי אַזוֹי אוֹיסְצוּמַיידְן דֶעם סַמְבַּטְיוֹן טַייךְ אוּן מִיר אַלֶע וֶועלְן עוֹלֶה זַיין מִלְחָמָה הַאלְטְן מִיט אַייעֶרֶע שׂוֹנְאִים.

מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעזֶעגְנְט אוּן רַבִּי דָן אִיז אַרִיבֶּערְגֶעפָּארְן דֶעם סַמְבַּטְיוֹן אוּן צוּגֶעקוּמֶען צוּ דִי דְרַיי בֶּעגְלֵייטֶערְס.

וֶוען דִי חֲבֵרִים הָאבְּן גֶעזֶעהְן אַז אַנְשְׁטָאט רַבִּי מֵאִיר שַׁץ אִיז גָאר גֶעקוּמֶען אַ אַלְטֶער אִיד — אִיז זֵיי פִינְסְטֶער גֶעוָוארְן אִין דִי אוֹיגְן.

— וָואס וֶועט ווערְן מִיט אוּנְזֶערֶע אִידְן? — הָאבְּן זֵיי אוֹיף אֵיינְמָאל אַ קְרֶעכְץ גֶעגֶעבְּן.

— קְרֶעכְצְט נִישְׁט, זָארְגְט נִישְׁט — הָאט זֵיי רַבִּי דָן מְחַזֵּק גֶעוֶועזְן — הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וֶועט הֶעלְפְן,

דֶער שׂוֹנֵא דֶער גַלַח וֶועט פַארְלִירְן זַיין לֶעבְּן דוּרְךְ אוּנְזֶער כֹּחַ הַקְדוּשָׁה.

אִין אַ פָּאר גֶעצֵיילְטֶע טֶעג דוּרְךְ "קְפִיצַת הַדֶרֶךְ" זַיינֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט. דִי שְׁלוּחִים הָאבְּן בַּאלְד גֶעמָאלְדְן דֶעם קֵייסֶער אַז דִי אִידְן שִׁיקְן זֵייעֶרְן אַ מֶענְטְשׁ צוּ פִיהרְן אַ וִיכּוּחַ מִיט דֶעם גַלַח.

דֶער קֵייסֶער הָאט צוּגֶעגְרֵייט אַ גְרוֹיסְן שֶׁטַח לַאנְד אוֹיסֶער דִי שְׁטָאט אַוואוּ בֵּיידֶע צְדָדִים, דִי אִידְן אוּן דִי גוֹיִם וֶועלְן זִיךְ גֶעפִינֶען אִין דֶער צַייט פוּן דֶעם וִיכּוּחַ.

דָא הָאט זִיךְ פָּארְגֶעשְׁטֶעלְט דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע מִלְחָמָה צְווִישְׁן דִי קְדוּשָׁה אוּן דִי טוּמְאָה, לִיכְט גֶעגְן פִינְסְטֶערְנִישׁ, צְווִישְׁן דִי אִידְן וֶועלְכֶע בַּאזִיצְן אַ רֵיין זוֹיבֶּער הַארְץ, גֶעגְן אַ טִיגֶער־הַארְץ, אַ בְּלוּט זוֹיגֶער וֶועלְכֶער שְׁטֵייט וִוי אַ גֶערֵייצְטֶע חַיָה צוּ פַארְלֶענְדְן דִי אִידְן מִיט זַיינֶע שְׁוַוארְצֶע־טוּמְאָה כֹּחוֹת.

וֶוען דֶער גַלַח הָאט גֶעזֶעהן אַז דֶער "אוֹיסְגֶעקְלִיבֶּענֶער" מִצַד דִי אִידְן אִיז גָאר אַ קְלֵיין

אוֹיסְגֶעדַארְטֶער אִידֶל, הָאט דִי רְצִיחָה אִין אִיהם אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ בְּרֶענֶען וְוִי אַ פַייעֶר.

— דִי אִידְן שְׁפַּאסְן פוּן מִיר — הָאט עֶר אַ גֶעשְׁרַיי גֶעגֶעבְּן — אִיךְ וֶועל זִיךְ נוֹקֵם זַיין אִין אַייךְ!

— אוּן מִיר — הָאט רַבִּי דָן גֶעעֶנְטְפֶערְט — וֶועלְן וַוייזְן וָואס מִיר קֶענֶען. קֵיין לֶעבֶּעדִיגֶער וֶועסְטוּ פוּן דֶעם פְּלַאץ נִישְׁט אַוֶועקְגֵיין.

דִי מִלְחָמָה צְווִישְׁן דִי טוּמְאָה אוּן קְדוּשָׁה הוֹיבְּט זִיךְ אָן:

אַ רִיזְן אַייזֶערְנֶער זַייל וֶוערְט גֶעבְּרַאכְט דוּרְךְ דֶער כֹּחַ הַטוּמְאָה. דְרַייסִיג פֶּערְזָאנֶען קֶענֶען דֶעם זַייל נִישְׁט רִיהְרְן. אָבֶּער דֶער גַלַח מִיט צְוֵויי פִינְגֶער דֶערְלַאנְגְט אַ כַאפּ דֶעם זַייל, אַ הוֹיבּ אוֹיף אוּן אַרַיינְגֶעוָוארְפְן טִיף אִין דֶער עֶרְד נִישְׁט אַרוֹיסְצוּזֶעהְן. דֶער זַייל אִיז וְוִי אַיינְגֶעזוּנְקֶען גֶעוָוארְן.

דִי גוֹיִם הָאבְּן אַפְּלָאדִירְט דִי גְרוֹיסֶע גְבוּרָה וָואס דֶער גַלַח הָאט בַּאוִויזְן. דִי אִידְן דַאגֶעגְן הָאבְּן אַרָאפְּגֶעלָאזְט דִי אוֹיגְן. דִי הַארְץ הָאט

גֶעפְלַאטֶערְט. וֶוער וֵוייסְט וָואס פון דֶעם וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען.

דֶער קֵייסֶער בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ זִיצְט אוֹיף זַיין כִּסֵא מְלוּכָה צְווִישְׁן דִי שָׂרִים זַיינֶע, צוּ בַּאטְרַאכְטְן אַלֶעס וָואס עֶס וֶועט אָנְגֵיין צְווִישְׁן זַיינֶע אוּנְטֶערְטַאנֶען.

דֶער גַלַח גִיט אַ בַּאפֶעל צוּ רַבִּי דָן, אַז עֶר זָאל זָאפָּארְט אַרוֹיסְנֶעמֶען דֶעם זַייל פוּן דִי עֶרְד.

רַבִּי דָן וֶוערְט נִישְׁט נִתְפָּעֵל. עֶר וַואשְׁט זִיךְ דִי הֶענְד אוּן מִיט אַ הוֹיךְ קוֹל גִיט עֶר אַ זָאג:

— אִיהר אַלֶע פֶערְזַאמְלְטֶע, דֶער קֵייסֶער, דִי סְווִיטֶע, דִי גוֹיִם אוּן דִי אִידְן, זַייט אַלֶע עֵדוּת אַז דֶער זַייל אִיז אַרַיינְגֶעוָוארְפְן גֶעוָוארְן אִין דֶער מִיט פוּן דֶעם פְּלַאץ, אוּן אִיךְ וֶועל אַייךְ וַוייזְן אַז דֶעם זַייל וֶועל אִיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן אוּנְטֶער דֶעם כִּסֵא מְלוּכָה וואוּ דֶער קֵייסֶער יָרוּם הוֹדוֹ זִיצְט אוֹיף אִיהר.

אַלֶע פַארְזַאמְלְטֶע זַיינֶען גֶעוָוארְן פַּארְגַאפְּט. אַזוֹי רֶעדְנְדִיג גֵייט צוּ רַבִּי דָן צוּם כִּסֵא הַמֶלֶךְ, בּוֹיגְט זִיךְ אַיין, שְׁלֶעפְּט אַרוֹיס דֶעם זַייל,

דֶערלַאנגְט אִיהם אַ שְׁלַיידֶער מַיילֶן דִי הוֹיךְ און עֶס אִיז גֶעבְּלִיבְּן הֶיינְגֶען אִין דֶער לוּפְט.

רַבִּי דָן זָאגְט צוּ דֶעם גַלַח:

— יֶעצְט לָאמִיר זֶעהן דַיין גְבוּרָה, צִיה אַרָאפּ דֶעם זַייל.

דֶער גַלַח פְּרוּבִּירְט, עֶר מַאכְט הַשְׁבָּעוֹת צוּ דִי שֵׁדִים און רוּחוֹת, עֶס הֶעלְפְט אָבֶער נִישְׁט.

דֶער גַלַח אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין גֶעפְּלֶעפְּט.

כְּדֵי צוּ מַאכְן פַארְגֶעסְן דֶעם דוּרְכְפַאל, וַוייזְט דֶער גַלַח אַ גְרֶעסֶערְן קוּנְץ: מֶען בְּרֶיינְגְט אִיהם צְוֵויי מִילְשְׁטֵיינֶער. דֶער גַלַח צוּרַייבְּט דִי מִילְשְׁטֵיינֶער, זֵיי וֶוערְן בְּלוֹיז מֶעהל, און דַאן שִׁיט עֶר צוּרִיק דִי זַאמְד און בְּרֶיינְגְט זֵיי צוּרִיק אִין דֶעם פְרִיעֶרְדִיגְן פָארֶעם, צְוֵויי גְרוֹיסֶע מִילְשְׁטֵיינֶער, און גִיט אַ בַּאפֶעהל אַז רַבִּי דָן זָאל אוֹיךְ וַוייזְן דֶעם זֶעלְבְּן קוּנְץ־שְׁטִיק.

נִישְׁט גֶעטְרַאכְט קֵיין סַאךְ, צוּבְּרֶעקְלְט רַבִּי דָן דִי צְוֵויי שְׁטֵיינֶער און מַאכְט זֵיי צוּרִיק אוֹיף זֵייעֶר פָארֶעם. און דַאן דֶערלַאנְגְט עֶר אַ וַוארְף דִי צְוֵויי

מִילְשְׁטֵײנֶער בִּיז צוּ דִי אַײזֶערְנֶע זַײל אוּן זֵײ בְּלַײבְּן הֵײנְגֶען. רַבִּי דָן פַארְלַאנְגְט אַז דֶער גַלַח זָאל וַוײזְן אַ קוּנְץ אוּן זֵײ אַרָאפְּנִידֶערְן, אָבֶער בְּבוּשָׁה וּבְחֶרְפָּה אִיז דֶער גַלַח מוֹדֶה אַז דָאס קֶען עֶר נִישְׁט בַּאוַוײזְן.

רַבִּי דָן נֶעמְט דָאס וָוארְט:

— אִיךְ פָּאדֶער פוּן דֶעם גַלַח אֵײנְס פוּן דִי צְוֵוײ: אָדֶער אִיךְ וֶועל אַרָאפּ־בְּרֵײנְגֶען פוּן הִימְל אַ זַײל פַײעֶר אוּן דֶער גַלַח זָאל דָאס אוֹיסְלֶעשְׁן, אָדֶער דֶער גַלַח זָאל אַרָאפּ־בְּרֵײנְגֶען אַ זַײל פַײעֶר אוּן אִיךְ וֶועל דָאס אוֹיסְלֶעשְׁן.

דֶער גַלַח הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דָאס עֶרְשְׁטֶע. רַבִּי דָן הָאט אַרָאבְּגֶעבְּרֵײנְגְט אַ זַײל פַײעֶר אָבֶער דֶעם גַלַח אִיז נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען דָאס אוֹיסְלֶעשְׁן. וִויפְל וַואסֶער עֶר הָאט גֶעגָאסְן, אִיז דֶער פַײעֶרְדִיגֶער זַײל גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵײן אִין זַײן הֶעלִישְׁקַײט.

רַבִּי דָן נֶעמְט אַ צְוֵוײטֶע פְּרָאבֶע:

— דָא אִיז פֶערְפְלַאנְצְט זֵײעֶר אַ הוֹיכֶער

בּוים. וּבְכֵן, וֶוענְדט עֶר זִיךְ צוּם גַּלַח, קְלַייבּ אוֹיס וָואס דוּ ווילְסְט: אָדֶער אִיךְ זָאל אַיינְבּוֹיגְן דֶעם בּוים בִּיז צוּ דֶער עֶרְד, אוּן דוּ וֶועסְט אִיהם אַיינְהַאלְטְן עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהוֹיבְּן, אָדֶער דוּ זָאלְסְט אִיהם אַיינְבּוֹיגְן אוּן אִיךְ וֶועל אִיהם אַיינְהַאלְטְן.

דֶער גַּלַח הָאט אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן דָאס עֶרְשְׁטֶע. רַבִּי דָן הָאט דֶעם בּוים אַיינְגֶעבּוֹיגְן בִּיז וַואנֶען דֶער שְׁפִּיץ בּוים הָאט דֶערְגְרֵייכְט צוּ דֶער עֶרְד, אוּן דֶער גַּלַח גֵייט צוּ צוּם בּוים אִיהם אַיינְצוּהַאלְטְן.

אוּן מִיט אַמָאל — טְרַאךְ. דֶער בּוים דֶערְלַאנְגְט זִיךְ אַ הוֹיבּ אוֹיף, דֶער גַּלַח וֶוערְט גֶעשְׁלַיידֶערְט אִין דֶער הוֹיךְ, דֶער קָאפּ וֶוערְט פֶערְכַאפְּט אִין דֶעם אַייזֶערְנֶעם זַייל אוּן דֶער קֶערְפֶּער וֶוערְט צוּמָאהלְן אִין דִי צְוֵויי מִיהל-שְׁטֵיינֶער.

אִין אַ מִינוּט אַרוּם אִיז אַלֶעס פַארְשְׁוואוּנְדְן גֶעוָוארְן. אוֹיס מִיט דֶעם זַייל, אוֹיס מִיט דִי מִיהל-שְׁטֵיינֶער אוּן אוֹיס מִיטְן גַּלַח, דֶער מְכַשֵּׁף. עֶס אִיז נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן קֵיין שׁוּם סִימָן פוּן דֶעם אַלֶעם.

די אידן זײנען ניצול געװארן מיטן כּח פון די קדושה װאס האט זיך מתגבר געװען אויף דעם צד הטומאה.

װען עס האט זיך אַלעס געענדיגט, זײנען די אידן מיט רבּי דן געגאַנגען אין שוהל צו געבן אַ שבח והודאה צום אויבערשטן פאַר די חסדים װאס ער האט זײ געװיזן. רבּי דן האט איבערגעגעבן די װערטער פון רבּי מאיר׳ן:

— אַזוי װי אַז ער קען שוין מעהר נישט אַריבערגײן דעם סמבּטיון, בּעט ער אַז די קהלה זאל זארגן פאַר זײן פרוי און קינדער. אַגב, בּעט ער אַז דעם שיר ״אַקדמות מלין״ װאס ער האט פערפאַסט, זאל געלײנט װערן אין אַלע קהלות יעדן שבועות פאַר קריאת התּורה.

רבּי דן האט אַרויסגענומען דעם שיר ״אַקדמות מלין״ װאס רבּי מאיר האט איהם איבערגעגעבן און דערלאַנגט דעם רב.

די טעג איז געװען נאָנט צו שבועות, און טאקע אין דעם יום-טוב איז דער שיר געלײנט געװארן אין אַלע קהלות הקודש. עד היום װערט

דֶער שִׁיר גֶעלֵייעֶנְט מִיט גְרוֹיס רֶגֶשׁ.

רַבִּי דָן הָאט גֶענוּמֶען רַבִּי מֵאִיר׳ס טָאכְטֶער פַּאר אַ וַוייב, צוּם יָאהר הָאט זִי אִיהם גֶעבּוֹירְן אַ זוּהן.

רַבִּי דָן הָאט אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַ סַאךְ אַיינְצֶעלְהַייטְן פוּן דִי עֲשֶׂרֶת הַשְּׁבָטִים אוּן דֶער טַייךְ סַמְבַּטְיוֹן.

דֶער פִּיוּט פוּן אַקְדָמוּת

דֶער פִּיוּט פוּן אַקְדָמוּת אִיז דֶער פָּאפּוּלֶערְסְטֶער פִּיוּט אִין דֶעם שָׁבוּעוֹת׳דִיגְן מַחְזוֹר. עֶר אִיז אוֹיךְ דֶער אֵיינְצִיגֶער צְוִוישְׁן דִי אַלֶע הוּנְדֶערְטֶער פִּיוּטִים וֶועלְכֶע זַיינֶען אִין דִי לֶעצְטֶע טוֹיזְנְט יָאהר אַרַיינְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין אוּנְזֶער סֵדֶר הַתְּפִלוֹת פוּן יָמִים נוֹרָאִים אוּן שָׁלשׁ רְגָלִים, וָואס אִיז בַּאעֶהרְט גֶעוָוארְן מִיט דֶעם אוֹיסֶערְגֶעוֵוינְלִיכְן כָּבוֹד, גֶעזָאגְט אָדֶער גֶעזוּנְגֶען צוּ וֶוערְן נִישְׁט צוּזַאמֶען מִיט אַלֶע אַנְדֶערֶע תְּפִילוֹת אוּן פִּיוּטִים, נָאר אַלֵיין, פַאר זִיךְ, בִּשְׁעַת קְרִיאַת הַתּוֹרָה.

דֶער מְחַבֵּר פוּן ״אַקְדָמוּת״ אִיז גֶעוֶוען רַבִּי מֵאִיר בֶּן רַבִּי יִצְחָק, דֶער חַזָן אוּן שַׁ״ץ פוּן דֶער אִידִישֶׁע קְהִלָּה אִין וָוארְמְס, דַייטְשְׁלַאנְד, אוּן עֶר הָאט גֶעלֶעבְּט אִין דִי תְּקוּפָה פַאר רַשִׁ״י׳ן.

דֶער פִּיוּט אִיז אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן אִין פִּיהל קְהִלוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן מֶען זָאגְט עֶס מִיט אַ סְפֶּעצְיֶעלְן נִיגוּן, וֶועלְכֶער רוּפְט אַרוֹיס בַּיים מֶענְטְשְׁן גֶעפִיהלְן פוּן בֵּיינְקֶענִישׁ אוּן לֶעכְצוּנְג זִיךְ צוּ בַּאהֶעפְטְן צוּ דֶער שְׁכִינָה הַקְדוֹשָׁה. דֶער חַזָן זָאגְט צְוֵויי פֶּערְזְן אוּן דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם זָאגְט דִי קוּמֶענְדֶע צְוֵויי פֶּערְזְן א.א.וו. בִּיזְן עֶנְד. דִי לֶעצְטֶע צְוֵויי פֶּערְזְן וֶוערְן גֶעעֶנְדִיגְט צוּזַאמֶען, דֶער חַזָן מִיט קָהָל.

דֶער פִּיוּט אִיז גֶעשְׁרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין דֶער אַרַאמִישֶׁער שְׁפְּרַאךְ, כְּדֵי עֶס זָאלְן אִיהם פַארְשְׁטֵיין בְּלוֹיז דִי אִידְן וָואס לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה אוּן זֵיי וֵוייסְן דִי בַּאדַייטוּנְג פוּן דִי וֶוערְטֶער. אַלֶע פֶּערְזְן עֶנְדִיגְן זִיךְ מִיט דֶעם וָוארְט "תָּא" וֶועלְכֶע מֵיינְט צוּ אָנְדֵייטְן, דָאס וֶוען אַ אִיד עֶנְדִיגְט דִי תּוֹרָה, עֶר דֶערְגְרֵייכְט בִּיז דֶעם לֶעצְטְן אוֹת, צוּם "ת", קֶעהרְט עֶר זִיךְ אוּם צוּרִיק צוּם "א" אוּן הוֹיבְּט אָן ווִידֶער צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה.

דִי אַקְדָמוּת פַארְנֶעמֶען נַיינְצִיג אָפְּגֶעהַאקְטֶע פֶּערְזְן אִין אַ פָארְמֶע פוּן אַ לִיד, יֶעדֶע צְוֵויי פוּן דִי עֶרְשְׁטֶע פִיהר אוּן פֶערְצִיג שׁוּרוֹת, הוֹיבְּן זִיךְ אָן

מִיט דֶעם זֶעלְבְּן אוֹת, לוֹיט דֶעם סֶדֶר פוּן א. ב. אוּן אִין דִי עֶרְשְׁטֶע אוֹתִיוֹת פוּן דִי אִיבֶּערִיגֶע זֶעקְס אוּן פֶערְצִיג שׁוּרוֹת, הָאט דֶער פֶערְפַאסֶער פַארְצֵייכְנְט זַיין נָאהמֶען: "מֵאִיר בַּר רַבִּי יִצְחָק" צוּזַאמֶען מִיט אַ בְּרָכָה: "יִגְדַל בַּתּוֹרָה וּבְמַעֲשִׂים טוֹבִים. אָמֵן חֲזַק וֶאֱמַץ".

דֶער אִינְהַאלְט פוּן דֶעם דָאזִיגְן פִּיוּט אִיז בַּאגְרִינְדֶעט אוֹיף בַּאוואוּסְטֶע מִדְרָשִׁים אוּן חַזַ"ל ווִי אוֹיךְ לוֹיט קַבָּלָה אוּן עֶר אִיז אוֹיף אַ זֵייעֶר גֶעלוּנְגֶענֶעם אוֹפָן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט. אַ הַארְצִיג פָּאעֶטִישֶׁע פָּאעֶמֶע, אַ לוֹיב גֶעזַאנְג צוּ דֶעם בּוֹרֵא עוֹלָם אוּן זַיין אוֹיסְדֶערְוֶויילְטֶע פָאלְק, דִי "כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל".

אִין דֶעם עֶרְשְׁטְן טֵייל פוּן דֶער אַקְדָמוּת, בַּאזִינְגְט דֶער מְחַבֵּר דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן דֶעם וֶועלְט בַּאשֶׁעפֶער מִיט זַיינֶע הִימְלִישֶׁע בַּאדִינֶער אוּן דֶעם שְׁטַארְקְן אוּן אֵייבִּיגְן בּוּנְד צְווִישְׁן גָ־ט אוּן דִי אִידְן, וֶועלְכֶע זַיינֶען בַּיי אִיהם חָשׁוּבֶער פוּן דִי מַלְאָכִים.

עֶר זִינְגְט מִיט עֶקְסְטַאז:

"גְבוּרָן עָלְמִין לֵיהּ וְלָא סִפֵּק פְּרִישׁוּתָא

גְווִיל אִלוּ רְקִיעֵי קָנֵי כָּל חוּרְשָׁתָא.

דְיוֹ אִלוּ יַמֵי, וְכָל מֵי כְּנִישׁוּתָא

דַיָרֵי אַרְעָא סַפְרֵי וְרַשְׁמֵי רַשְׁוָתָא".

"דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן זַיין וֶועלְט־מַאכְט אִיז אוּמְמֶעגְלִיךְ צוּ שִׁילְדֶערְן — וֶוען אַלֶע הִימְלֶען זָאלְן זַיין פַּארְמֶעט אוּן אַלֶע וֶועלְדֶער זָאלְן זַיין פֶּענֶעס, אוּן אַלֶע יַם׳עָן אוּן וַואסֶערְן זָאלְן זַיין טִינְט, אוּן אַלֶע עֶרְד בַּאוואוֹינֶער זָאלְן זַיין שְׁרַייבֶּער, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט קֶענֶען בֶּעשְׁרַייבְּן קֵיין אֵיין פִּיצְל טֵייל פוּן דִי גְרוֹיסְקַייט אוּן הֶערְלִיכְקַייט פוּן דֶעם וֶועלְט בַּאשֶׁעפֶער, וָואס דִי גַאנְצֶע בַּאשַׁאפוּנְג אִיז גֶעקוּמֶען בְּלוֹיז דוּרְךְ אֵיין זָאג, דוּרְךְ אֵיין אוֹת פוּן אַ וָוארְט, דוּרְךְ דֶעם אוֹת "ה", וֶועלְכֶער אִיז דֶער גְרִינְגְסְטֶער אוֹת פוּן דִי אַלֶע אוֹתִיוֹת".

"אוּן אַלֶע מַלְאָכִים אוּן שְׂרָפִים מִיט דִי חַיוֹת הַקוֹדֶשׁ זַיינֶען פוּהל מִיט צִיטֶערְנִישׁ אוּן פָּארְכְט וֶוען זֵיי גֵייעֶן לוֹיבְּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט קֵיין עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ אִיהם צוּ לוֹיבְּן נָאר אִין גֶעווִיסֶע צַייטְן, אַנְדֶערֶע זַיינֶען עֶרְלוֹיבְּט צוּ זָאגְן

קְדוּשָׁה נָאר אֵײן מָאל אִין זִיבְּן יָאהר, און אַנְדֶערֶע בְּלוֹיז אֵײנְמָאל, נִישְׁט מֶעהר״.

נָאךְ דֶעם דָאזִיגְן אַרײַנְפִיהר, שִׁילְדֶערְט דֶער מְחַבֵּר בַּאֲרִיכוּת דֶעם אוֹפֶן ווִי דִי מַלְאָכִים און שְׂרָפִים אִין דִי הִימְלֶען און אוֹיךְ עֶר, כַּבְיָכוֹל, בֵּײנְקְט צוּ הֶערְן דִי תְּהִלּוֹת און תִּשְׁבָּחוֹת פון דִי קִינְדֶער פון זַײן פָאלְק יִשְׂרָאֵל, וֶועלְכֶע שְׁטֵײעֶן בַּײ אִיהם אוֹיף אַ הֶעכֶערֶע מַדְרֵגָה פון דִי מַלְאָכִים.

אִין דֶעם צְוֵוײטְן טֵײל פון דֶעם פִּיוּט פַארְצֵײכְנְט דֶער מְחַבֵּר אַ וִיכּוּחַ צְווִישְׁן דִי פֶעלְקֶער פון דֶער וועלְט מִיט דֶעם אִידִישְׁן פָאלְק. זֵײ פְרֶעגְן דִי אִידְן מִיט שְׁפָּאט און אָפְּלַאכֶעַרײ:

״מְנָן וּמָאן הוּא רְחִימָךְ, שַׁפִּירָא בְּרֵיוָתָא
אֲרוּם בְּגִינֵהּ סָפִית, מְדוּר אַרְיְוָתָא?״

״פון וַואנֶען און וֶוער אִיז דַײן גֶעלִיבְּטֶער?
דוּ שְׁטָאלְצֶע שֵׁײנְהַײט, לָאז אוּנְז דָאס וִויסְן

וָואס צוּלִיב זַײן טְרַײהַײט, שְׁטֶעלְסְט זִיךְ אִין גֶעפַאהר

צוּ וֶוערְן פון לֵײבְן צוּרִיסְן?״

און נאָכדעם וואָס זיי פּרוּבירן אויסשפּאַרשן בּיי איהר פאַר וועמען די איז עס אַזוי געטרײַ, מאַכן זיי איהר אַ פאָרשלאַג, אַז די זאָל איהם פאַרלאָזן און זיך באַהעפטן צו זיי:

"יְקָרָא וְיָאָה אַתְּ, אִין תַּעַרְבִי לְמַרְוָתָא רְעוּתֵךְ נַעֲבִיד לִיךְ, בְּכָל אַתְרְוָתָא. דו בּיסט טייער און שיין, אויב דו וואָלטסט מיט אונז געגאַנגען צוזאַמען מיט אונזער גייסט און ווען

ווי גוט וואָלסטו אין אַלע ערטער געוואָרן בּעהאַנדלט, אַ גליקליכע וואָלסטו דאַן געווען!

אָבער מיט שטאָלץ און ווירדע שליידערט צוריק די כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל זייער מיאוסן פאָרשלאַג און די ענטפערט מיט גרויס חָכְמָה:

— "וואָס פאַר אַ ווערד האָבן אַלע אייערע צוגעזאָגטע גליקן קעגן דער גרויסקייט און ליכטיגקייט וואָס ערוואַרט אונז, ווען עס וועט קומען אונזער צייט, דאַן וועט שיינען פאַר אונז אַ גרויסע ליכט און איהר וועט פאַרלוירן ווערן אין

דער פינסטערניש, און ער וועט זיך דאן אפרעכענען מיט מיינע באליידיגער און באדריקער".

"מיין פרייד וועט זיין א פאלקאמע, ווען די שטאט ירושלים וועט צוזאמענקלייבן די גלות פארשטויסענע, די טויערן פון גן עדן וועלן זיך דאן עפענען און זייער גאנצער שיינקייט וועט פאר אונז אנטפלעקט ווערן, און מיר וועלן אריינגיין אין זייערע טויערן און אנקוועלן פון דער זיו השכינה. מיטן פינגער וועלן מיר אנווייזן: "הנה אלוקינו זה קוינו לו ויושיענו", אט צו דיר, ג־ט, האבן מיר געהאפט אז דו וועסט אונז העלפן!".

"דארטן אין גן עדן וועלן מיר צוזעהן דעם געראנגל צווישן דעם "לויתן" מיטן "שור הבר". דער שור הבר וועט מיט זיינע הערנער שטויסן מיט שטארקייט און דער לויתן וועט קעגן איהם קרעפטיג שפרינגען מיט זיינע פלוס פעדערן און דאן וועט דער בורא עולם זיי ביידן שעכטן מיט זיין שווערד און אפריכטן פון זיי א סעודה פאר די צדיקים, וועלכע וועלן זיצן ארום ברילאנטענע טישן. ארום זיי וועלן פליסן באלזאם טייכן און זיי

וֶועלְן טְרִינְקֶען פוּן דֶעם גֶעשְׁמַאקְן "יַיִן הַמְשׁוּמָר" וָואס וַוארְט שׁוֹין אוֹיף אוּנְז פוּן שֵׁשֶׁת יְמֵי בְּרֵאשִׁית".

"וואוֹיל אִיז צוּ דֶעם וָואס אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר גְלוֹיבְּט אוּן עֶרְוַוארְט אוּן פַארְלִירְט נִישְׁט זַיין אֱמוּנָה!"

"אוֹיךְ אִיהר, אִידְן, וֶוען אִיהר וֶועט הֶערְן אַייעֶר לוֹיבּ אִין דֶעם גֶעזַאנְג — גֶעשְׁטַארְקְט זָאלְט אִיהר זַיין אִין אַייעֶר אֱמוּנָה, אוּן אִיהר וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ זִיצְן אִין אַ חֲבוּרָה פוּן קְדוֹשִׁים אוּן טְהוֹרִים אִין דֶער קוּמֶענְדִיגֶע וֶועלְט, אוֹיבּ אִיהר וֶועט צוּהֶערְן מַיינֶע רֵייד וָואס קוּמֶען אַרוֹיס מִיט הֵיילִיגֶער פְּרַאכְט".

דֶער פַּיְטָן פִיהרְט אוֹיס זַיין לִיד:

"מְרוֹמָם הוּא אֱלָקִין, בְּקַדְמָא וּבַתְרַיְתָא
צְבִי וְאִיתְרְעִי בָן וּמְסַר לָן אוֹרַיְתָא".

"גֶעהוֹיבְּן אִיז אוּנְזֶער גָ־ט, דֶער עֶרְשְׁטֶער אוּן דֶער לֶעצְטֶער. וואוֹיל אִיז צוּ אוּנְז וָואס עֶר הָאט אוּנְז אוֹיסְגֶעוֵוילְט אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן זַיין

תּוֹרָה״.

וְויפל בִּטָחוֹן, הַאַרְצִיגְקַייט, אִידִישֶׁער חֵן, אוּמְבַּאגְרֶענִיצְטֶע תְּמִימוּת און נְשָׁמָה׳דִיגֶע בֵּיינְקְשַׁאפְט נָאךְ גֶ־טְלִיכְקַייט, קְלִינְגֶען אַרוּיס פון יֶעדֶער שׁוּרָה פוּן דֶעם דָאזִיגְן פִּיּוּט. עֶר אִיז זֵייעֶר רַייךְ און אַיינְדְרוּקְס פוּהל און עֶר מַאכְט פַארְגֶעסְן דֶעם אִידְן פוּן זַיין פִינְסְטֶערְן גָלוּת לֶעבְּן מִיט אַלֶע זַיינֶע צָרוֹת און לַיידְן. עֶר אִיז מְבַטֵל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא אַלֶע עֶרְדִישֶׁע פַארְגֶעניגְנְס און בְּרֵיינְגְט אַרַיין טִיף אִין הַארְצְן פוּן יֶעדְן אִידְן אַ טִיפֶער טְרוֹימֶען מִיט זִיסֶע הָאפְנוּנְגֶען, פוּן אֵייבִּיגְקַייט און גַייסְטִיגֶע פְרֵייד.

"אוֹרַיְיתָא" נִישְׁט "לַייפְּצִיג"...

דֶער גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן גְבִיר רַבִּי מֵאִיר'ל פוּן שֶׁעדְלִיץ, פְלֶעגְט פִיהרְן גְרוֹיסֶע מִסְחָרִים מִיט דַייטְשְׁלַאנְד, צוּלִיב וֶועלְכֶע עֶר אִיז אָפְּט גֶעפָארְן קַיין לַייפְּצִיג נָאךְ סְחוֹרָה.

הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעטְרָאפְן אַז זַייעֶנְדִיג אִין לַייפְּצִיג צְווִישְׁן פֶּסַח אוּן שָׁבוּעוֹת אַיינְצוּהַאנְדְלֶען זַיין סְחוֹרָה, הָאט עֶר זִיךְ דָארְט פַארְזַאמְט מֶעהר ווִי גֶעווֶיינְלִיךְ אוּן אִיז מֶעהר נִישְׁט גֶעוֶוען אִימְשְׁטַאנְד אָנְצוּצִיהעֶן אַהֵיים קַיין שֶׁעדְלִיץ אוֹיף שָׁבוּעוֹת. הָאט עֶר דֶערִיבֶּער בֶּעשְׁלָאסְן אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם פַאל אוּן הַאלְטְן שָׁבוּעוֹת אִין סְטְרִיקָאוו בַּיים רֶבִּין הַצַדִיק רַבִּי פִּישֶׁעלֶע, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ מְפוּרְסָם אוֹיף דֶער וֶועלְט פַאר אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אַ שׂוֹנֵא פוּן גֶעלְד, וָואס הָאט פַאר זַיינֶע אוֹיגְן קַיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶעהן דִי צוּרָה פוּן אַ מַטְבֵּעַ. דָאס

איז גֶעוֶועֶן דֶעם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין לֶעבְּן וָואס רַבִּי מֵאִיר'ל שֶׁעדְלִיצֶער הָאט גֶעזֶעהֶן דֶעם דָאזִיגְן רֶבִּין.

בַּיים קַבָּלַת שָׁלוֹם הָאט דֶער רֶבִּי רַבִּי פִּישֶׁעלֶע תֵּיכֶּף תּוֹפֵס גֶעוֶועֶן אַז דֶער סוֹחֵר רַבִּי מֵאִיר'ל אִיז נִישְׁט אַבִּי וֶוער, נָאר אַ כְּלִי מָלֵא וְגָדוּשׁ אִין תּוֹרָה אוּן אִין חֲסִידוּת. עֶר הָאט דֶערִיבֶּער אָנְגֶעזָאגְט זַיין גַבַּאי, אַז דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג שָׁבוּעוֹת זָאל מֶען רַבִּי מֵאִירְלֶען גֶעבְּן דִי עֶרְשְׁטֶע עֲלִיָה.

דֶער רֶבִּי רַבִּי פִּישֶׁעלֶע הָאט גֶעהַאט אַ מִנְהָג אַלֵיין צוּ לֵייעֶנֶען "אַקְדָמוּת" פַאְרן עוֹלָם. עֶר הָאט גֶעהַאט זֵייעֶר אַ זִיסְן רִיהְרֶעְרְדִיגְן קוֹל, וֶועלְכֶע פְלֶעגְט בְּרֵיינְגֶען דֶעם גַאנְצְן עוֹלָם צוּ אַ שְׁרֶעקְלִיכְן הִתְעוֹרְרוּת. צוּקוּמֶענְדִיג צוּם לֶעצְטְן פָּסוּק "צְבִי וְאִתְרְעִי בָּן וּמָסַר לָן אוֹרַיְיתָא" (גָ־ט הָאט חֵשֶׁק גֶעהַאט אוּן גֶעגְלוּסְט צוּם פָאלְק יִשְׂרָאֵל, דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי תּוֹרָה), הָאט דֶער צַדִיק בַּיי יֶעדְן וָוארְט בֶּעזוּנְדֶער פֶּערְאַרְבֶּעט מַעֲשִׂים, אִיבֶּער'חַזֶרְנְדִיג עֶס פִיהל מָאל מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע הִתְלַהֲבוּת. יֶעדֶער הָאט גֶעקֶענְט זֶעהֶן בְּחוּשׁ, אַז דֶער צַדִיק הָאט אִיצְט עֶפֶּעס אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע כַּוָונָה.

נָאךְ דֶעם לֵייעֶנֶען, הָאט דֶער רֶבִּי רַבִּי פִּישֶׁעלֶע גֶעזָאגְט צוּ רַבִּי מֵאִיר'לֶען, אַז נָאךְ דֶעם דַאוְונֶען, זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין אוֹיף זַיין סְטַאנְצְיֶע נָאר צוּ זַיין חֶדֶר, בַּיי אִיהם קִידוּשׁ צוּ מַאכְן מִיט אִיהם צוּזַאמֶען.

בַּיים קִידוּשׁ, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי נָאכְאַמָאל צוּשְׁמוּעֶסְט מִיט רַבִּי מֵאִיר'לֶען אִין נִגְלֶה אוּן אִין נִסְתָּר, אִין קַבָּלָה אוּן אִין חֲסִידוּת אוּן אִיז פוּן רַבִּי מֵאִיר'לֶען שְׁטַארְק נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן. דַאן הָאט עֶר זִיךְ פַּאר אַ וַויילֶע פֶּערְטְרַאכְט, גְלַייךְ ווִי עֶר וָואלְט זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אִיבֶּער אַ ווִיכְטִיגְן עִנְיָן, אוּן זִיךְ דַאן מִיט עֶנְטְשְׁלָאסְנְהַייט אָנְגֶערוּפְן:

— אִיהר הָאט מִיט אוּנְז מִיטְגֶעזָאגְט אַקְדָמוּת. דָארְט שְׁטֵייט נִישְׁט "צְבִי וְאִתְרְעִי בָּן וּמָסַר לָן לַייפְּצִיג" (וַוייל גָ-ט הָאט אוּנְז שְׁטַארְק לִיבּ גֶעהַאט דֶערִיבֶּער הָאט עֶר אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן לַייפְּצִיג), נָאר "וּמָסַר לָן אוֹרַיְיתָא" (עֶר הָאט אוּנְז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְן דִי תּוֹרָה). אִיךְ קֶען דֶערִיבֶּער לַחֲלוּטִין גָאר נִישְׁט מַשִּׂיג זַיין, ווִי אַזַא גֶעהוֹיבֶּענֶער אִיד ווִי אִיהר זַיינְט, וָואס הָאט דִי גֶעלֶעגֶנְהַייט צוּ זַיין אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל מַדְרֵגָה, זָאל

זיך גאָר אָבְגֶעגֶעבְּן מִיט נַארִישְקַייטְן, פַארְבְּרֵיינְגֶען דִי צַייט מִיט שְטוּתִים, מִסְחָרִים און גֶעלְד־זַאכְן, וֶועלְכֶע הָאבְּן קֵיין שוּם וֶוערְד נִישְט בַּיי אַ בַּר־דַעַת.

רַבִּי מֵאִיר׳ל הָאט זִיךְ צוּגֶעהֶערְט צוּם רֶבִּין רַבִּי פִּישֶעלֶעס דִבּוּרִים און גָאר נִישְט גֶעעֶנְטְפֶערְט, טְרַאכְטְנְדִיג זִיךְ:

— דֶער רֶבִּי אִיז צוּ פִּיהל בַּטְלָן אִין אַזֶעלְכֶע עִנְיָנִים, און עֶס אִיז נִישְט כְּדַאי זִיךְ מִיט אִיהם אַרַיינְצוּלָאזְן אִין אַ וִיכּוּחַ.

אַהֵיימְקוּמֶענְדִיג קֵיין שֶעדְלִיץ, הָאט עֶר גֶעוואַרְט אַז דִי עֶטְלִיכֶע וֶועגֶענֶער מִיט סְחוֹרָה וָואס עֶר הָאט אַיינְגֶעהַאנְדְלְט אִין לַייפְּצִיג פַּאר זַיין אֵייגְן גֶעלְד און פַאר פְרֶעמְדֶע גֶעלְד, זָאלְן שוֹין אָנְקוּמֶען, אָבֶער עֶס זַיינֶען אַוֶועק וָואכְן און אֵין קוֹל וְאֵין עוֹנֶה. שְפֶּעטֶער הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוואוּסְט, אַז רוֹיבֶּער זַיינֶען בַּאפַאלְן דִי בַּעֲלֵי עֲגָלוֹת אוֹיפְן וֶועג און בַּיי זֵיי אַוֶועקְגֶערוֹיבְּט דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה. רַבִּי מֵאִיר׳ל אִיז גֶעבְּלִיבְּן שְרֶעקְלִיךְ פַּארְאָרִימְט.

נִישְט קוּמֶענְדִיג אִיהם אוֹיף דֶער מַחֲשָבָה

אֲפִילוּ, אַז זַיין פְּלוּצְלוּנְגְדִיגֶע יְרִידָה הָאט עֶפֶּעס וועלְכֶע עֶס אִיז נְגִיעָה מִיטְן צַדִיק'ס דִבּוּרִים, הָאט עֶר דָאס גֶערֶעכְנְט פַאר אַ עוֹנֶשׁ מִן הַשָׁמַיִם. עֶר אִיז דַאן גֶעפָארְן צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיגְן רֶבִּין, דֶער רֶבִּי רַבִּי בּוּנִים פוּן פְּשִׁיסְכֶע, זִיךְ פַאר אִיהם אוֹיסְצוּרֶעדְן דָאס הַארְץ אִיבֶּער זַיין אוּמְגְלִיק.

דֶער רֶבִּי רַבִּי בּוּנִים הָאט אִיהם אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט אַלְצְדִינְג מִכֹּחַ דֶער גַאנְצֶער נְסִיעָה קֵיין לַייפְּצִיג אוּן צוּרִיק, אִין וועלְכֶע שְׁטָאט עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעהַאלְטְן לֶיינְגֶער אוּן מִיט וועמֶען עֶר הָאט דָארְט פֶערְקֶעהְרְט. רַבִּי מֵאִיר'ל אִיז דוּרְךְ דֶעם גֶעצְווָאוּנְגֶען גֶעוָוארְן צוּ דֶערְצֵיילְן, אַז עֶר הָאט גֶעהַאלְטְן שָׁבוּעוֹת בַּיי אַ אַנְדֶער רֶבִּין, בַּיי רַבִּי פִּישֶׁעלֶע סְטְרִיקָאוֶוער.

— דָאס אַהרְט מִיר גָארְנִישְׁט וָואס דוּ הָאסְט בַּיי אִיהם יוֹם טוֹב גֶעהַאלְטְן — הָאט צוּ אִיהם דֶער פְּשִׁיסְכֶער צַדִיק גֶעזָאגְט — רַבִּי פִּישֶׁעלֶע אִיז אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, זַיינֶע דִבּוּרִים מַאכְן אַ גְרוֹיסְן רוֹשֶׁם אִין הִימְל. דֶערְצֵייל מִיר נָאר וָואס עֶר הָאט עֶפֶּעס מִיט דִיר גֶערֶעדְט אוּן ווִי אַזוֹי הָאט עֶר דִיר אוֹיפְגֶענוּמֶען?

רַבִּי מֵאִיר׳ל הָאט אִיהם אַלֶעס דֶערְצֵיילְט פוּן א׳ בִּיז ת׳.

הָאט דֶער צַדִיק רַבִּי בּוּנִים צוּזַאמֶענְגֶעקְלַאפְּט בֵּיידֶע הֶענְט, אוֹיסְרוּפְנְדִיג:

— אוֹי, וָואס הָאסְטוּ גֶעטְהוּן! פַארְוָואס הָאסְטוּ אִיהם אַרוֹיסְגֶעוִויזְן דַיין גְרוֹיסְקַייט אִין תּוֹרָה אוּן דֶערְצֵיילְט פוּן דַיינֶע מִסְחָרִים. עֶר אִיז פוּן יֶענֶע צַדִיקִים וָואס וֵוייסְן נִישְׁט דֶעם וֶוערְד פוּן עֲשִׁירוּת, אוּן עֶר הָאט דִיר גֶעשְׁטֶעלְט, מִיט דַיינֶע דִבּוּרִים, בִּדִיל הַדַל, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זִיךְ אָפְּגֶעבְּן מֵהַיוֹם וְהָלְאָה נָאר מִיט תּוֹרָה אוּן חֲסִידוּת. עֶר הָאט בַּיי דִיר צוּגֶענוּמֶען דָאס עֲשִׁירוּת אוּן אִיךְ בִּין מְסוּפָּק אוֹיב אִיךְ וֶועל דִיר קֶענֶען עֶס צוּרִיקְגֶעבְּן. אִיךְ קֶען דִיר נָאר גֶעבְּן אַ בְּרָכָה אַז דוּ זָאלְסְט הָאבְּן פַּרְנָסָה — דָאס דַארְף אֲפִילוּ אַ חָסִיד אוֹיךְ הָאבְּן.

פֶּערְטֶער קַאפִּיטְל: תַּחְתּוֹנִים עָלְזוּ

אִין זְכוּת פוּן דִי מִצְוָה

צוּזַאמֶען מִיטְן עוֹלָם

גֶעהֵיילְט מִיט וֶוערְטֶער

דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת

אַ בִּלְבוּל אוֹיפְן "תִּקוּן שָׁבוּעוֹת"

די
שיינקייט פון יום טוב

אִין דֶעם זְכוּת פוּן דִי מִצְוָה (מִנְהָג)

— דֶער קְרִיזִיס אִיז אַרִיבֶּער! עֶר שְׁלָאפְט יֶעצְט רוּהִיג!

אַ זִיפְץ פוּן דֶערְלַייכְטֶערוּנְג הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעְרִיסְן פוּן דֶער מוֹיל פוּן דִי פְרוֹי, וֶועלְכֶע הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶערִיהְרְט פוּן אָרְט.

דִי קְרַאנְקְן שְׁוֶועסְטֶער וָואס אִיז דָארְטְן גֶעשְׁטַאנֶען, הָאט צוּגֶענוֹיגְט אִיהר אוֹיעֶר זִיךְ צוּצוּהֶערְן צוּם רִיטְם פוּן דֶעם שְׁלָאפְנְדִיגְנְס אָטֶעהם. דֶערְנָאךְ הָאט זִי אָנְגֶענוּמֶען זַיין הַאנְד צְוִוישְׁן דִי פִינְגֶער פוּן אִיהר רֶעכְטֶע הַאנְד אוּן אִיהר לִינְקֶע הַאנְד אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט קֶעגְן אִיהרֶע אוֹיגְן. דִי סֶעקוּנְדֶע-וַוייזֶערְס פוּן דֶעם גָאלְדֶענֶעם זֵייגֶער זַיינֶען זִיךְ גֶעגַאנְגֶען שְׁנֶעל.

— דֶער פּוּלְס קְלַאפְּט — הָאט זִי נָאךְ אַ

מינוט אַ זאָג געטהון — די היץ איז אַראָפּ אָבער נאָך נישט אײנגעשטעלט.

— און וואָס זאָגט דער דאָקטאָר? — האָט די פרוי פּרובירט עפּעס אַרויסבאַקומען פון דער שוועסטער.

— דער קראַנקער בעסערט זיך, נאָר די וואונדן זײנען נאָך נישט פאַרהײלט געוואָרן. מען דאַרף בעזונדער אַכטונג געבן אַז דער קראַנקער זאָל רוהען! — — —

די לעצטע ווערטער פון דער שוועסטער זײנען שוין געזאָגט געוואָרן אונטער די טהיר, וועלכע האָט זיך פּאַמעלאַך צוגעשפּאַרט.

דער קראַנקער האָט געעפענט די אויגן. זײן בליק האָט זיך אָנגעקלאַפּט אין דעם ווינקל פון דעם סופיט וואָס איבער איהם, דערנאָך איז ער אַריבער אויף דער וואַנט אַנטקעגן און זיך אָנגעשטויסן איבער דעם אויפשריפט וועלכער האָט אַרויסגעשטאַרצט מיט איהרע שוואַרצע אותיות: שטיל! נישט שטערן די רוה פון די קראַנקע!

אַלְזָא, עֶר לִיגְט יֶעצְט דָא אִין אַ שְׁפִּיטָאל. אִין זַיין מֹחַ אִיז בְּלִיץ שְׁנֶעל אַדוּרְכְגֶעפְלוֹיגְן דֶער גֶעדַאנְק, אָבֶער עֶס הָאט אוֹיסְפִּיעְט צוּ דֶערְוֶועקְן אִין אִיהם אַ גֶעוִויסְן אוּמְרוּהֶ. עֶר הָאט אַרִיבֶּערְגֶעפִירְט זַיין הַאנְד אִיבֶּער זַיין שְׁטֶערְן אוּן פוּן דָארְטְן הָאט זִיךְ עֶס גֶעגְלִיטְשְׁט בִּיז צוּם ווִינְקְל פוּן זַיין רֶעכְטֶע אוֹיג. זַיין הַאנְד אִיז אָפְּגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן אָרְט אָנְשְׁלָאגְנְדִיג זִיךְ אִין אַ דִיקֶער בַּאנְדַאזְשׁ.

יֶעצְט הָאט אַ קַאלְטֶער שְׁוֵויס בַּאדֶעקְט זַיין שְׁטֶערְן אוּן גֶעזִיכְט. עֶר הָאט אָנְגֶעשְׁטְרֵיינְגְט זַיינֶע אַלֶע גֶעדַאנְקֶען זִיךְ צוּ דֶערְמָאנֶען וָואס עֶס הָאט מִיט אִיהם פַּאסִירְט, אָבֶער אַלֶעס הָאט אִיהם אוֹיסְגֶעזֶעהן פַּארְנֶעפְּלְט אוּן נִישְׁט קְלָאהר.

נָאר דֶער הוֹיכֶער גֶדֶר אִיז אִיהם גֶעבְּלִיבְּן אִין זַיין פַאנְטַאזְיֶע ווִי לֶעבֶּעדִיג פַאר זַיינֶע אוֹיגְן. וַוייזְט אוֹיס אַז זַיין אוֹיסְזֶעהן הָאט זִיךְ טִיף אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיין מֹחַ. אוֹיךְ דִי בַּייטְן קָאלִירְטֶע בְּלוּמֶען זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען קֶעגְן זַיינֶע אוֹיגְן אִין זֵייעֶר גַאנְצֶער פְּרַאכְט, בִּיז עֶס הָאט אִיהם אוֹיסְגֶעזֶעהן אַז אוֹיב עֶר וֶועט נָאר אוֹיסְשְׁטְרֶעקְן צוּ

זֵיי זַיין הַאנְד וֶועט עֶר עֶס קֶענֶען דֶערְנֶענְטֶערְן צוּ זַיין נָאז אוּן זִיךְ אָנְשִׁיכּוֹרְן פוּן זֵייעֶר גֶעשְׁמַאקֶער גֶערוּךְ. אוּן דָאךְ לִיגְט עֶר דָא, שְׁוֶוער פַארְוואוּנְדֶעט. אָבֶער וִוי אַזוֹי אִיז עֶר אַדוּרְךְ דִי וֶועג בִּיז אַהֶער? וֶוער הָאט אִיהם פוּן דָארְטְן אַוֶועקְגֶענוּמֶען אִין שְׁפִּיטָאל? מִיט אַזוֹינֶע גֶעדַאנְקֶען, אִיז עֶר אַיינְגֶעזוּנְקֶען אִין אַ טִיפְן שְׁלָאף.

*

אִין דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע אִיז יַעֲנְקְל גֶעוֶוען בַּאקַאנְט אַלְס אַ וַואכֶעדִיגֶער אוּן פַארְשְׁטַאנְדִיג אִינְגְל, אוּן צוּ דֶערְצוּ אַ גֶעהָארְכְזַאמֶער מִיט גוּטֶע מִידוֹת.

נִישְׁט נָאר פַאר זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן נָאהֶנְטֶע פַאמִילְיֶע הָאט זִיךְ יַעֲנְקְל אוֹיסְגֶעצֵייכֶנְט מִיט זַיינֶע גוּטֶע מִידוֹת. אִין דֶעם גַאנְצְן שְׁטֶעטְל הָאבְּן אִיהם אַלֶע גֶעקֶענְט מִיט זַיינֶע הוֹיכֶע אוֹיסֶערְגֶעוֶוינְלִיכֶע גוּטֶע מִדוֹת. מַאן אוּן פְרוֹי, אַלְט אוּן יוּנְג.

טָאמֶער פְלֶעגְט אֵיינֶער דוּרְכְגֵיין נֶעבְּן אִיהם מִיט אַ שְׁוֶוערֶע מַשָׂא, אִיז שׁוֹין דֶער אִינְגְל

גֶעשְׁטַאנֶען נֶעבְּן אִיהם און מִיט אַ בֶּעטְנְדִיג טָאן גֶעזָאגְט:

— לָאמִיר צוּלֵייגְן אַ הַאנְד און דִיר הֶעלְפְן!

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַזַא תְמִימוּת׳דִיגֶע בַּקָשָׁה אַז עֶס אִיז שְׁוֶוער גֶעוֶוען זִיךְ אַקֶעגְנְשְׁטֶעלְן. עֶס אִיז אַ גֶעוֵויינְלִיכֶע בִּילְד צוּ זֶעהן ווִי יַעֲנְקֶל הֶעלְפְט אַ עֶלְטֶערְן אִידְן אַרִיבֶּערְצוּגֵיין דֶעם וֶועג אָדֶער הַאלְט אַ קִינְד בַּיים הַאנְד און פִיהְרְט אִיהם אִין זַיין וֶועג.

יַעֲנְקֶל אִיז גֶעוֶוען בַּיי אַלֶעמֶען בַּאלִיבְּט. זַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִיהם גֶעקֶענְט מִיט נָאךְ אַ נַאטוּר: זַיין לִיבֶּע צוּ גֶעוִויקְסְן.

בַּיי יֶעדְן גֶעלֶעגְנְהַייט וֶוען עֶר פְלֶעגְט קֶענֶען בַּאקוּמֶען אַ פְרִישְׁן בְּלוּם מִיט וָוארְצְלֶען, פְלֶעגְט עֶר עֶס אַהֵיים בְּרֵיינְגֶען און אַיינְפְלַאנְצְן אִין אַ פוּשְׁקֶע וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט גְרֵייט דֶערְצוּ. דִי שְׁטוּב אִיז פוּהל גֶעוָוארְן מִיט פַארְשִׁידֶענֶע בְּלוּמֶען וָואס הָאבְּן פַארְשְׁמֶעקְט דִי שְׁטוּב צוּם גְלִיק פוּן דֶעם אִינְגְל. דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אִיהם נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט פוּן זַיין דָאזִיגֶער פִיהרוּנְג.

פַארְנַאכְט, וֶוען יַעֲנְקֶל פְלֶעגְט אַהֵיים קוּמֶען

פון חֶדֶר, הָאט עֶר פְרִיעֶר בַּאגָאסְן די בְּלוּמֶען און דֶערְנָאךְ עֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען עֶסְן נַאכְטְמָאל.

די טֶעג פַאר שָׁבוּעוֹת אִיז פַאר יַעֲנְקֶל גֶעוֶוען גָאר לִיב. שוֹין אַ וָואךְ פַאר יוֹם טוֹב פְלֶעגְט יַעֲנְקֶל נֶעמֶען קְלַייבְּן בְּלוּמֶען און גֶעוִויקְסְן. עֶס סָארְטִירְן און עֶס צוּגְרֵייטְן אִין שְׁטוּב אוֹיף צוּ בַּאצִירְן די הוֹיז לְכָבוֹד יוֹם טוֹב.

זַיינֶע חֲבֵרִים פְלֶעגְן קוּקְן אוֹיף אִיהם מִיט חוֹזֶק בְּלִיקְן אָבֶער עֶר הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן בַּיי זַיינְס. צוּ שְׁטַארְק אִיז עֶר גֶעוֶוען צוּגֶעבּוּנְדְן צוּ די גֶעוִויקְסְן. און דֶערִיבֶּער וֶוען עֶס פְלֶעגְט קוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז זַיין הוֹיז גֶעוֶוען דָאס שֶׁענְסְטֶע בַּאצִירְט, און עֶר פְלֶעגְט מִיטְבְּרֵיינְגֶען זַיינֶע חֲבֵרִים צוּ וַוייזְן זֵיי זַיין אוֹיסְגֶעצִירְטֶע הוֹיז, וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶוען בַּאצִירְט מִיט גֶעשְׁמַאק און מִיט טַעַם.

דָאס יָאהר אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוועֶרֶער ווינְטֶער. דֶער זוּמֶער הָאט פָּשׁוּט פַארְשְׁפֶּעטִיגְט. די רֶעגְנְס זַיינֶען גֶעגַאנְגֶען נָאכַאנַאנְד און די פֶעלְדֶער זַיינֶען גֶעוֶוען פוּהל מִיט בְּלָאטֶע. עֶס זַיינֶען אוֹיף די פֶעלְדֶער כִּמְעַט קֵיין גֶעוִויקְסְן און קֵיין בְּלוּמֶען

נִישְׁט גֶעוֶוען.

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען סִיוָן אוּן קֵיין רֶעכְטֶע עֶנְדֶערוּנְג אִיז נִישְׁט גֶעוָוארְן. דִי רֶעגְנְס הָאבְּן זִיךְ טַאקֶע אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט, אָבֶּער דִי ווִינְטְן וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעבְּלָאזְן מִיט גְרוֹיס קְרַאפְט הָאבְּן נִישְׁט צוּגֶעלָאזְן צוּם אָנְקוּמֶען פוּן זוּמֶער.

יַעֲנְקְל הָאט עֶס זֵייעֶר גֶעאַהְרְט אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעזֶעהְן קֵיין אוֹיסְוֶועג. שׁוֹין בַּאלְד שָׁבוּעוֹת אוּן בַּיי אִיהם אִין שְׁטוּבּ אִיז נָאךְ קֵיין אֵיין בְּלוּם נִישְׁטָא. זָאל עֶר הַיינְטִיגְן שָׁבוּעוֹת פַּייעֶרְן אָן קֵיין שׁוּם בַּאצִירוּנְג, ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער. עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט צוּלָאזְן דֶעם גֶעדַאנְק.

אוּן אָט אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען עֶרֶב יוֹם טוֹב. יַעֲנְקְל הָאט בַּאשְׁלָאסְן נָאךְ אֵיין פְּרָאבֶּע, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיסֶערְן שְׁטָאט מִיט אַ זֶעקְל אוֹיף דִי פְּלֵייצֶעס.

דִי גְרָאז אוּן בְּלוּמֶען זַיינֶען אִיבֶּעראַל גֶעוֶוען זֵייעֶר נִידְרִיג גֶעוָואקְסְן. עֶס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין זִין עֶפֶּעס אָפְּצוּרַייסְן, אוּן יַעֲנְקְל גֵייט וַוייטֶער אוּן זַיין הַארְץ אִיז אוֹיף אִיהם פַארְבִּיטֶערְט. עֶס זֶעהט

אויס אַז ער איז שוין צו ווײט פאַרגאַנגען, ווײל ער דערקענט נישט דעם געגנד.

און מיטאַמאָל — פאַר זײנע אויגן ווערט ענטפּלעקט אַ פּראַכטיגער גאָרטן פוהל מיט בלומען בײמן. ער דערנענטערט זיך שנעל צו יענעם ריכטונג אָבער ער ווערט גיך אַנטוישט. דער גאָרטן איז אַרומגענומען מיט אַ הויכן צוים.

— וואָס טהוט מען? — האָט ער גענומען טראַכטן — מעג ער זיך ערלויבן אָפּצורײסן פון די גרויסאַרטיגע און שײנע בלומען? צו וועמען געהער אָט דער פּראַכטיגער גאָרטן? — קײנמאָל איז יענקל נישט געשטאַנען פאַר אַזאַ פּראָבלעם ווי עס איז געווען אין יענע מינוטן. און פּלוצלונג האָט ער אַ שפּרונג געטהון פון אָרט ווי עפּעס אַ באַהאַלטענער קראַפט וואָלט איהם געשטופּט.

— שנעל דאַרטן אַרײנצוקריכן, גיך! עפּעס פון דאַרטן אָפּרײסן!

ווי אַ שיכור וואָס דערזעהט װײן איז ער דאַן געווען. ער האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און מיט אײן שפּרונג איז שוין זײן פוס געווען אויפן

צוּים און מִיט דֶער אַנְדֶער פוּס הָאט עֶר גֶעפְּרוּבְט אַרִיבֶּערְקְרִיכְן.

און פְּלוּצְלוּנְג אִיז עֶס גֶעשֶׁעהן. וַוייזְט אוֹיס אַז זַיין בְּרֶעג מַאנְטְל הָאט זִיךְ פַּארְטְשֶׁעפֶּעט אִין אַ דְרָאד וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעשְׁטַארְצְט פוּן דֶעם צוּים און אַזוֹי אִיז יַעַנְקְל גֶעבְּלִיבְּן הֵיינְגֶען וֶוען זַיין קָאפּ אִיז אַרָאפּ און זַיין גַאנְצֶער קֶערְפֶּער פְּלַאטֶערְט וְוי פוּן ווינְט.

און פְּרוּבִּירְנְדִיג זִיךְ בַּאפְרַייעֶן פוּן דֶעם דְרָאד הָאט עֶר גֶעכַאפְּט אַ פֶּעסְטְן קְלַאפּ אִין ווינְקְל פוּן זַיין רֶעכְטֶע אוֹיג.

— אוֹי! — הָאט פוּן זַיין מוֹיל זִיךְ אַרוֹיסְגֶעריסְן אַ וְויי גֶעשְׁרֵיי, מֶעהר הָאט עֶר דֶערְנָאךְ גָאר נִישְׁט גֶעפִיהלְט.

אֵיינִיגֶע מִינוּטְן אִיז עֶר אַזוֹי גֶעבְּלִיבְּן הֵיינְגֶען אִיבֶּערְן הוֹיכְן צוּים, וֶוען זַיין קָאפּ הֵיינְגְט אוֹיף אוּנְטְן, פַארְלִירְנְדִיג דֶעם בַּאוואוּסְטְזַיין.

דוּרְךְ אַ נֵס הָאט אִיהם אַ דוּרְכְגֵייעֶר בַּאמֶערְקְט און אִין אַ וַויילֶע שְׁפֶּעטֶער הָאט מֶען אִיהם

אַריבֶּערגֶעפִיהרְט אִין שְׁטָאטִישְׁן שְׁפִּיטָאל.

*

דָאס איז גֶעוֶועִן שַׁבָּת נָאךְ שָׁבוּעוֹת. יַעְנְקֶל אִיז נָאךְ גֶעלֶעגְן אִין בֶּעט, אָבֶּער זַיין צוּשְׁטַאנְד הָאט זִיךְ גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין בֶּעסֶערְן. אַרוּם זַיין בֶּעט זַיינֶען גֶעשְׁטַאנֶען דִי נָאנְטֶע פַּאמִילְיֶע אוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

— אִין דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט הֶערְט מֶען נִישְׁט אוֹיף צוּ רֶעדְן וֶועגְן דֶעם גְרוֹיסְן נֵס וָואס אִיז מִיט דִיר גֶעשֶׁעהְן! — הָאט רַבִּי לֵייבּ דֶער חַזָן גֶעזָאגְט.

— יָא, יָא, — הָאבְּן דִי אַנְדֶערֶע צוּגֶעשָׁאקְלְט

— אַ גְרוֹיסֶער נֵס אִיז דִיר גֶעשֶׁעהְן! וִוי פוּן הִימְל אִיז מֶען דִיר גֶעקוּמֶען רַאטֶעוֶוען...

יַעְנְקֶל הָאט בַּאטְרַאכְט דִי אַלֶע אַרוּמִיגֶע אוּן וֶוען דֶער טוּמְל הָאט זִיךְ אַ בִּיסְל אַיינְגֶעשְׁטִילְט הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן מִיט זַיין שְׁטִילֶע אוּן זִיסֶע שְׁטִימֶע:

— רִיכְטִיג. עֶס הָאט מִיר טַאקֶע גֶעטְרָאפְן אַ גְרוֹיסֶער נֵס. אָבֶּער וֵוייסְט אִיהר דֶער אִינְהַאלְט פוּן

דֶעם דָאזִיגְן נֵס? אִיךְ מֵיין נִישְׁט דָאס וָואס מַיין קֶערְפֶּער אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן, נָאר וָואס מַיין נְשָׁמָה אִיז גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן אוּן נִישְׁט פַּארְפְלֶעקְט גֶעוָוארְן מִיט קֵיין זִינְד. שְׁטֶעלְט אַייךְ פָּאר וֶוען עֶס גֶעלִינְגְט מִיר אוּן אִיךְ רַייס אָפּ אַ הוֹיפְן בְלוּמֶען פוּן דֶעם גָארְטְן אוּן בַּאצִיהר מִיט דֶעם מַיין הוֹיז לְכָבוֹד יוֹם טוֹב, מִיט דִי דָאזִיגֶע בְלוּמֶען וֶועלְכֶע זַיינֶען נִישְׁט גֶעוֶוען מַיינֶע אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין רֶעכְט אָפְּצוּרַייסְן! מַיין גַאנְצְן לֶעבְן וָואלְט אִיךְ זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מוֹחֵל זַיין! עֶס אִיז דַאן גֶעוֶוען אַזַא שְׁוַואכְקַייט וָואס הָאט מִיר אוֹיפְגֶעהוֹיבְן צוּם צוּים פוּן דֶעם גָארְטְן. אַזַא בַּאהַאלְטֶענֶער קְרַאפְט, אַ שָׁלִיחַ פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס הָאט מִיר גֶעשְׁטוּפְּט אָפְּצוּטְהוּן אַזַא אוּמְגֶערֶעכְטֶער שְׁרִיט.

— אוּן דֶערִיבֶּער בִּין אִיךְ זֵייעֶר גְלִיקְלַאךְ וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן אוּן גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אָפְּצוּטְהוּן נִישְׁט קֵיין רִיכְטִיגְן שְׁרִיט. עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הִילְף אוּן אַ לוֹין פוּן בַּאשֶׁעפֶער, דֶערְפַאר וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ שְׁטֶענְדִיג גֶעהַאלְטְן אִין דִי מִצְוָה צוּ בַּאצִיהְרְן אוּנְזֶער הוֹיז לְכָבוֹד דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, בִּין אִיךְ דֶערִיבֶּער

גֶעבְּלִיבְּן רֵיין אָן קֵיין פְלֶעק.

— דוּ רֶעדְסְט צוּ דֶער זַאךְ, מַיין קִינְד — הָאט אִיהם זַיין פָאטֶער אִינְמִיטְן אִיבֶּערְגֶערִיסְן — בַּיי יֶעדֶער מֶענְטְש טְרֶעפְט זִיךְ אַמָאל אַ צַייט פוּן אַ שְׁוַואכְקַייט, וָואס קֶען אִיהם צוּבְּרֵיינְגֶען צוּ זִינְד, אוּן דֶער מֶענְטְש מוּז זִיךְ שְׁטֶענְדִיג אַמְפֶּערְן מִיט זַיינֶע אַלֶע קְרֶעפְטְן זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אוֹיף אָט דֶער שְׁוַואכְקַייט וָואס נֶעמְט אִיהם אָן. אוּן טָאמֶער עֶס גֶעלִינְגְט אִיהם זִיךְ אָפְּהַאלְטְן אוּן בַּייקוּמֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, וֶועט עֶר שְׁטֶענְדִיג אַרוֹיסְגֵיין דֶער זִיגֶער.

מֶעהר פוּן אַלֶעמֶען הָאט יַעֲנְקֶל בַּאגְרִיפְן אִין דִי טִיפֶע רֵייד פוּן זַיין פָאטֶער אוּן מִיטְן גַאנְצְן בְּרֶען הָאט עֶר אוֹיסְגֶעפִיהְרְט:

— בִּיזְט גֶערֶעכְט, טַאטֶע. ווארל אִיז דֶעם וָואס דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִיהם נִישְׁט גֶעקֶענְט בַּייקוּמֶען, אוּן ווארל אִיז מִיר וָואס פוּן הִימְל הָאט מֶען מִיר גֶעהָאלְפְן נִישְׁט צוּ בַּאפְלֶעקְט וֶוערְן מִיט דֶער זִינְד פוּן גְנֵיבָה אוּן גְזֵלָה, אִין דֶעם זְכוּת פוּן דֶער מִצְוָה וָואס אִיךְ הָאבּ שְׁטֶענְדִיג מְקַיֵים גֶעוֶוען.

צוּזַאמֶען מִיטְן עוֹלָם

נָאכְדֶעם וָואס דִי דַייטְשְׁן הָאבְּן אַיינְגֶענוּמֶען דִי שְׁטָאט ווִילְנָא, אִין לִיטָא אִין דֶער עֶרְשְׁטֶער וֶועלְט קְרִיג — אִין יָאהר תרע״ה, הָאבְּן זֵיי אִין אָנְהוֹיב נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט דִי אִידְן צוּ בַּאנוּצְן דִי אִידִישֶׁע שְׁפְּרַאךְ אִין זֵייעֶרֶע עֶרְצִיהוּנְגְס־הַייזֶער. פַּארְקֶערְט, זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל, דָאס אִין דִי אַלֶע אִידִישֶׁע לֶעהר־אַנְשְׁטַאלְטְן זָאל מֶען זִיךְ בַּאנוּצְן מִיט אִידִישׁ. דָאס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען וַוייל זֵיי הָאבְּן גֶעמֵיינְט דָא צוּם גִינְסְטְן פוּן דִי אִידְן, נָאר צוּלִיבּ זֵייעֶר אֵייגֶענֶער צְוֶועק. ווִיבַּאלְד אִידִישׁ אִיז נָאהֶנְט אִין אוֹיסְדְרִיק צוּ דַייטְשׁ, הָאבְּן זֵיי דוּרְכְדֶעם גֶעהַאלְטְן, וֶועלְן זִיךְ דִי אִידְן מֶעהר דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם דַייטְשְׁן פָאלְק בִּיז וַואנֶען מֶען וֶועט זֵיי שְׁפֶּעטֶער אַסִימִילִירְן.

און ווִירְקְלִיךְ בַּאלְד נָאךְ פֶּסַח תרע״ז אִיז

אַרױסגעקומען אַ באַפעל פון דער דײטשער רעגירונג דאָס אַלע לעהר־אַנשטאַלטן מוזן װערן פאַרשפּאַרט. אױף דעם באַפעל איז געװען אָנגעגעבן די אורזאַך, װײל אין שטאָט גײען אַרום פאַרשידענע עפּידעמישע קרײנק און מען קען זיך לײכט אָנשטעקן אײנער פון צװײטן. אָבער אַלע האָבן געװאוסט אַז דאָס איז אַ פאַלשער אױסרײד און אַז דער טעם פון דעם באַפעל איז, װײל די דײטשע מאַכט ריכט זיך צו עפענען אַ גאַנצער נעץ פון פאָלקס־קלאַסן אין װעלכן עס זאָל הערשן די דײטשע שפּראַך און אַזױ אַרום אַסימילירן דעם גאַנצן פאָלק מיטן דײטשן קולטור.

די אָרטיגע לערער האָבן זיך קעגנגעשטעלט דעם באַפעל און נישט אָפּגעשטעלט זײערע לערנונגען, אָבער די דײטשע מאַכט האָט זיך בעצױגן זײער האַרב קעגן די װידערשפּעניגער און זײ געװאָרפן אין די אַרעסט־קעלערן.

די דאָזיגע גזירה האָט אױך געטראָפן די תּורה־אַנשטאַלטן. די דײטשע מאַכט האָט קײנעם נישט געשױנט. אַט האָבן זײ געטראָפן לערנען דעם רב רבי יחיאל יוסלביץ, װעלכער איז געװען

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן "תִּפְאֶרֶת בַּחוּרִים", אוּן מֶען הָאט אִיהם אוֹיפְן אָרְט בַּאשְׁטְרָאפְט מִיט אַ מָאנַאט אַרֶעסְט.

דִי אַלֶע שְׁטְרָאפְן הָאבְּן נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן דִי תּוֹרָה לֶערְנֶער אוּן מֶען הָאט אַיינְגֶעאָרְדְנְט צוּ לֶערְנֶען בַּיינַאכְט אַנְשְׁטָאט בַּייטָאג. אָבֶער דִי דַייטְשֶׁע מַאכְט הָאט זִיךְ דֶערְפוּן בַּאלְד עֶרְקוּנְדִיגְט אוּן זֵיי הָאבְּן אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַ בַּאפֶעל דָאס מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין בַּיינַאכְט אוֹיפְן גַאס. דָאס אִיז גֶעוֶוען דִירֶעקְט צוּ שְׁטֶערְן דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן גַאס בַּיינַאכְט אוּן דִי עֶלְטֶערְן וֶועלְן זִיךְ אָפְּהַאלְטְן צוּ שִׁיקְן דִי קִינְדֶער לֶערְנֶען תּוֹרָה.

דֶערְוַוייל אִיז צוּגֶעפַאלְן דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה פוּן תִּפְאֶרֶת בַּחוּרִים וֶועמֶען מֶען הָאט עֶרְשְׁט אַרוֹיסְגֶעלָאזְט פוּן זַיין אַרֶעסְט נָאכְן אָפְּזִיצְן אַלְס שְׁטְרָאף אַ מָאנַאט צַייט, הָאט גֶענוּמֶען בַּאלְד פְּלַאנֶעוֶוען וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּפִיהרְן אַז שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט זָאל מֶען נִישְׁט מְבַטֵל זַיין פוּן צוּ זַיין וַואךְ אַ גַאנְצֶע נַאכְט, לֶערְנֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה. הָאט עֶר

דֶערִיבֶּער אָפְּגֶערֶעדְט מִיט דִי תַּלְמִידִים, דָאס אַלֶע זָאלְן קוּמֶען אִין דֶעם קְלוֹיז פוּן תִּפְאֶרֶת בַּחוּרִים פַּאר נַאכְט, וֶוען עֶס אִיז נָאךְ לִיכְטִיג, יֶעדֶערֶער זָאל שׁוֹין זַיין אָנְגֶעטְהוּן יוֹם טוֹב׳דִיג. מֶען וֶועט דַאוְונֶען צוּזַאמֶען אוּן דֶערְנָאךְ עֶסְן צוּזַאמֶען דִי סְעוּדָה פוּן יוֹם טוֹב, אוּן שְׁפֶּעטֶער וֶועט מֶען קֶענֶען דִי גַאנְצֶע נַאכְט לֶערְנֶען תּוֹרָה, זָאגְן תִּקוּן שָׁבוּעוֹת א.ד.ג. אוּן זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה.

עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט פוּן שָׁבוּעוֹת. אַלֶע בַּחוּרִים פוּן דֶער יְשִׁיבָה זַיינֶען בַּאצַייטְנְס זִיךְ צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען אִין דֶער יְשִׁיבָה "תִּפְאֶרֶת בַּחוּרִים". מֶען הָאט גֶעדַאוְונְט מַעֲרִיב אוּן אָפְּגֶערִיכְט דִי סְעוּדַת יוֹם טוֹב מִיט גְרוֹיס פְרֵייד. נָאכְן בֶּענְטְשְׁן הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַוֶועק גֶעלֵייגְט אַ וַוארִימֶע דְרָשָׁה אִין וֶועלְכְן עֶר הָאט גֶעגֶעבְּן צוּ עֶרְקְלֶערְן דִי גְרוֹיסְקַייט פוּן הַיינְטִיגֶע נַאכְט אוּן דִי ווִיכְטִיגְקַייט פוּן נִישְׁט מְבַטֵל זַיין דֶעם לֶערְנֶען אֲפִילוּ אֵיין מִינוּט. בַּאלְד נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אַוֶועקְגֶעזֶעצְט לֶערְנֶען מִיט גְרוֹיס הִתְלַהֲבוּת אוּן בְּרֶען. דֶער קוֹל תּוֹרָה הָאט זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערְן אִין דֶער שְׁטִילְקַייט פוּן דֶער נַאכְט.

צְוֵויי בַּחוּרִים פון דֶער יְשִׁיבָה זַיינֶען צוּלִיבּ אַ צוּפַאל נִישְׁט גֶעקוּמֶען אָנְהוֹיבּ אָוְונְד און זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט בְּלַייבְּן אִין שְׁטוּבּ, אָבֶּער בַּאלְד נָאכְן עֶסְן הָאט זִיךְ זֵיי פַארְשְׁמֶעקְט צו גֵיין פַארְבְּרֵיינְגֶען דִי נַאכְט אִין דֶער יְשִׁיבָה אִין תּוֹרָה מִיט אַלֶע בַּחוּרִים צוּזַאמֶען. וִוי וֶועלְן זֵיי אַזוֹי לַייכְט קֶענֶען מְוַותֵּר זַיין אוֹיף דִי שָׁבוּעוֹת'דִיגֶע נַאכְט זֵיי זָאלְן זִיצְן אִין שְׁטוּבּ, אַיינְזַאמֶע. נָאר וָואס דֶען? מֶען טָאר נִישְׁט גֵיין אוֹיפְן גַאס?! וֶועט מֶען זִיךְ אַ עֵצָה גֶעבְּן און גֶעפִינֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּצוּקוּמֶען צו דֶער יְשִׁיבָה.

זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְן גַאס און זִיךְ גֶעדְרֵייט פון הִינְטֶער גֶעסְלַאךְ כְּדֵי קֵיינֶער זָאל זֵיי נִישְׁט בַּאמֶערְקְן. וֶוען זֵיי זַיינֶען שׁוֹין גֶעוֶוען אִין דֶער אִידִישֶׁער גַאס נֶעבְּן דֶעם טוֹיעֶר פון דֶער יְשִׁיבָה, הָאבְּן זֵיי פְּלוּצְלוּנְג גֶעהֶערְט הִינְטֶער זִיךְ אַ שְׁטִימֶע אוֹיף דַייטְשׁ וֶועלְכֶע רוּפְט אוֹיס: "הַאלְט! שְׁטֵיין בְּלַייבְּן!"

דִי צְוֵויי בַּחוּרִים'לַאךְ הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט און בַּאמֶערְקְט אִין דֶער טוּנְקֶלְקַייט פון דִי נַאכְט וִוי צְוֵויי דוֹיטְשֶׁע זֶעלְנֶער מִיט קוּפֶּערְנֶע הִיט אוֹיף דִי קֶעפּ און בִּיקְסְן אִין דִי הֶענְד דֶערְנֶענְטֶערְן זִיךְ צו

זיי. די בחורים׳לאך האבן זיך נישט פערלוירן, וויסנדיג אין וואס פאר א געפאהר זיי געפינען זיך איצט, האבן זיי געגעבן א שפרינג אריבער דעם אייזערנעם טויער און קוים כאפנדיג דעם אטעם זיינען זיי אריינגעלאפן אין דער ישיבה און זיך געזעצט לערנען מיט אלעמען גלייך. פאר דעם האבן זיי נאך אויספיעט צו דערציילן דעם ראש ישיבה וואס מיט זיי האט פאסירט אין דרויסן.

דער ראש ישיבה, רבי יחיאל יוסלביץ האט איינגעזעהן אין די דאזיגע אומפארזיכטיגע זאך א גרויסן געפאר פאר אלע אנוועזנדע בחורים. ער אליין איז דאך יעצט ממש ארויס פון ארעסט און ווער ווייס וואס די דייטשן קענען נאך אויסטראכטן א בלבול אויף די צוויי בחורים פארן אנטלויפן.

דער ראש ישיבה האט אבער באשלאסן דאס מען זאל נישט קוקן דערויף. ער האט מיט גרויס בטחון געהייסן דעם עולם לערנען מיט א העכערן קול מיט מעהר התלהבות.

דער פערדאכט פון ראש ישיבה איז נישט געווען אומזיסט. ביז איינעגע מינוטן האט זיך

גֶעהֶערְט קְלַאפְּן אִין טְהִיר מִיט דִי בִּיקְסְן, אוּן בַּאלְד אִיז עֶרְשַׁיינֶען אִינֶוויינִיג אַ דַייטְשֶׁער זֶעלְנֶער מִיט אַ בִּיקְס אִין הַאנְד. צוּזֶעהֶענְדִיג דֶעם עוֹלָם אִיז עֶר גֶעוֶוען עֶרְשְׁטוֹינְט אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס דָא קוּמְט פָאר?

דֶער שַׁמֶשׁ פוּן תִּפְאֶרֶת בַּחוּרִים הָאט עֶרְקְלֶערְט, צִיטֶערְנְדִיג אִינְגַאנְצְן אוּן קוּים אַרוֹיסְשְׁטַאמְלֶענְדִיג מִיט הַאלְבּ גֶעבְּרָאכֶענֶעם דַייטְשׁ, אַז דִי אִידְן רִיכְטְן דָא אָפּ אַ פַייֶערוּנְג לְכָבוֹד דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. דֶער זֶעלְנֶער הָאט זִיךְ אָבֶער נִישְׁט בֶּעגְנוּגְנְט אוּן אִיהם גֶעפְרֶעגְט וֶוער אִיז דָא דֶער רַאבִּינֶער? דֶערוֹיף הָאט אִיהם דֶער שַׁמֶשׁ אָנְגֶעוִויזְן אוֹיף דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, רַבִּי יְחִיאֵל יוֹסְלְבִּיץ.

דֶער דַייטְשֶׁער זֶעלְנֶער אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגְן נֶעבְּן אִיהם וִוי אַ סְטְרוּנֶע, אוּן דֶערְנָאךְ אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן קֶעשֶׁענֶע אַ בְּרִיוו אוּן עֶס אִיהם דֶערְלַאנְגְט.

מִיט צִיטֶערִיגֶע הֶענְד הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אָנְגֶענוּמֶען דֶעם בְּרִיוו, זַייֶענְדִיג זִיכֶער אַז דָא בַּאקוּמְט עֶר אַ אַרֶעסְט-בַּאפֶעהל, אָבֶער וִוי

עֶרְשְׁטוֹינְט אִיז עֶר גֶעוָוארְן זֶעהֶענְדִיג אַז דֶער בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁרִיבְּן אוֹיף לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

אִין בְּרִיוו אִיז גֶעשְׁטַאנֶען ווִי פָאלְגֶענְד:

לִכְבוֹד הָרַב הַגָאוֹן רַבִּי חַיִים עוֹזֵר גְרָאדְזִינְסְקִי שְׁלִיטָ"א ווִילְנָא.

דֶערְמִיט טְהוּ אִיךְ בַּאשְׁטֶעטִיגְן אַז דֶער זֶעלְנֶער וָואס בְּרֵיינְגְט מִיט זִיךְ דֶעם בְּרִיוו, אִיז דֶער אִינְזְשִׁינֶער וָואוּלְף וָואהְרְמַאן דֶער זוּהן פוּן אִיגְנַאץ וָואהְרְמַאן, אוּן אַ אֵיינִיקְל פוּן דֶעם גָאוֹן אוּן צַדִיק רַבִּי מָרְדְכַי בַּאנֶעט זצ"ל. עֶר אִיז גֶעצְווּאוּנְגֶען צוּ דִינֶען אִין דֶעם דַייטְשְׁן מִילִיטֶער זַייֶענְדִיג אַ דַייטְשֶׁער בִּירְגֶער, בֶּעט אִיךְ דֶערִיבֶּער מֶען זָאל אִיהם מְקָרֵב זַיין מִיט וָואס עֶס אִיז נָאר מֶעגְלִיךְ.

דֶער זְכוּת הַתּוֹרָה פוּן זַיין גְרוֹיסְן זֵיידְן וֶועט גֶעווִיס שִׁיצְן אוֹיף אוּנְז אוּן דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט בֶּענְטְשְׁן זַיין פָאלְק מִיט פְרִידְן.

גֶעחַתְמֶעט. ג.נ. הוֹיפְּט רַאבִּינֶער פוּן דֶער שְׁטָאט מַאנְהַיים.

וֶוער קֶען זִיךְ פָארְשְׁטֶעלְן דִי פְרֵייד פוּן דֶעם

רֹאשׁ יְשִׁיבָה רַבִּי יְחִיאֵל יוֹסְלְבִּיץ וֶוען דֶער דָאזִיגֶער זֶעלְנֶער הָאט אִיהם גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל אִיהם גֶעבְּן אַ "תִּקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת" אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט זָאגְן מִיטְן גַאנְצְן עוֹלָם.

דֶער עוֹלָם אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר פְרֵיילַאךְ אוּן בַּאלְד אִיז מֶען אַרוֹיס מִיט אַ גְרוֹיסְן רִקוּד לְכָבוֹד יוֹם טוֹב זִינְגֶענְדִיג דִי וֶוערְטֶער "מָה אָשִׁיב לַה׳ כָּל תַּגְמוּלוֹהִי עָלָי". מֶען הָאט גֶעשְׁפִּירְט דָאס עֶס אִיז מִיט זֵיי מַמָשׁ גֶעשֶׁעהְן אַ נֵס, וָואס דֶער זֶעלְנֶער ווֶעלְכֶער הָאט זֵיי אָנְגֶעטְרָאפְן אִיז גֶעוֶוען אַ אִיד אוּן דֶערְצוּ אַ פְרוּמֶער אִיד.

גֶעהֵיילְט מִיט וֶוערְטֶער

דְרַיי מָאל אַ יָאהר פְלֶעגְן די חֲסִידִים פון רַבִּי נַחְמָן בְּרֶעסְלַאוֶוער זצ"ל קוּמֶען צוּם רֶבִּין זִיךְ וַוארימֶען בַּיי זַיין לִיכְט אִין דֶער שְטָאט בְּרֶעסְלַאוו. דָאס אִיז גֶעוֶוען רֹאשׁ הַשָּׁנָה, שַׁבָּת און שָׁבוּעוֹת.

וֶוען עֶס פְלֶעגְן קוּמֶען אָט די בַּאשְׁטִימְטֶע צַייטְן, פְלֶעגְן זִיךְ גְרוּפִּירְן און אָרְגַאנִיזִירְן חֲסִידִים פון יֶעדְן גֶעגְנְד בַּאזוּנְדֶער כְּדֵי צוּ פָאהרְן צוּם רֶבִּין.

אַזוֹי אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען הַיינְטִיגְס יָאהר, אִין יָאהר תקס"ט. צְוִוישְׁן אַנְדֶערֶע הָאבְּן זִיךְ אוֹיךְ די בְּרֶעסְלַאוֶוער חֲסִידִים וָואס הָאבְּן גֶעווּאוֹינְט אִין דֶער שְטָאט לַאדִיזִין, זִיךְ גֶענוּמֶען גְרֵייטְן צוּ פָאהרְן אוֹיף שָׁבוּעוֹת צוּם רֶבִּין.

הָאט אָבֶער פַּאסִירְט און אֵיינֶער פון די דָארְטִיגֶע חָשׁוּבֶע חֲסִידִים, רַבִּי גֶעצְל, אִיז שְטַארְק

אַיינְגֶעפַאלְן און די אַלֶע דָאקְטוֹירִים וָואס הָאבְּן אִיהם בַּאהַאנְדְלְט הָאבְּן נִישְׁט גֶעפוּנֶען קֵיין וֶועג וִוי אִיהם אוֹיסְצוּהֵיילְן. עֶר הָאט אִין אַ גֶעוִויסְן אָרְט אִין קֶערְפֶּער בַּאקוּמֶען אַ גֶעפֶעהְרְלִיכְן וואוּנְד אִין וֶועלְכְן עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעקְלִיבְּן פִיהל מַאטֶערְיֶע מִיט קַאלִיקֶע בְּלוּטְן. דִי אֵיינְצִיגֶע וֶועג אִיז גֶעוֶוען, צוּ עֶפֶענֶען דֶעם אָרְט און עֶס אוֹיסְרֵיינִיגְן פון דִי שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּטְן. אָבֶער צוּם בַּאדוֹיעֶרְן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעפִינֶען קֵיין אוֹיסְוֶועג וִוי אַזוֹי צוּצוּקוּמֶען צוּ יֶענֶעם אָרְט וֶועלְכֶער הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין לַייכְטְן צוּגַאנְג און דֶערִיבֶּער אִיז רַבִּי גֶעצְל גֶעלֶעגְן קְרַאנְק און עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער גֶעפַאר צוּ זַיין לֶעבְּן.

וֶוען עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, הָאבְּן זִיךְ דִי חֲסִידִים אַיינְגֶעפַּאקְט דִי פֶּעקְלַאךְ און זִיךְ גֶעלָאזְט קֵיין בְּרֶעסְלַאוו און רַבִּי גֶעצְל הָאט דָאס מָאל גֶעמוּזְט פַארְבְּלַייבְּן אִין שְׁטוּב.

וֶוען דִי חֲסִידִים פון לַאדִיזִין זַיינֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּין זַיינֶען זֵיי בַּאלְד אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אִיהם נָאךְ בֶּעפָאר יוֹם טוֹב און מַזְכִּיר גֶעוֶוען דֶעם

קְרַאנְקְן רַבִּי גֶעצְל וֶועלְכֶער דַארְף הָאבְּן גְרוֹיס רַחֲמִים. דֶער רֶבִּי הָאט זֵיי דֶערוֹיף גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט.

דֶער שְׁטֵייגֶער פון רֶבִּין אִיז גֶעוֶוען דָאס בִּשְׁעַת עֶר הָאט גֶעזָאגְט תּוֹרָה, פְלֶעגְט עֶר מְרַמֵז זַיין פַארְשִׁידֶענֶע עִנְיָנִים וֶועגְן אַלֶעס וָואס חֲסִידִים הָאבְּן אִיהם מַזְכִּיר גֶעוֶוען אָדֶער גֶעפְרֶעגְט. פוּן דִי תּוֹרָה פְלֶעגְן דִי חֲסִידִים הָאבְּן אַ עֶנְטְפֶער אוֹיף אַלֶע זֵייעֶרֶע פְרַאגֶעס.

דִי תּוֹרָה פוּן שָׁבוּעוֹת פְלֶעגְט דֶער רֶבִּי זָאגְן אִין דֶעם בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת פוּן צְווִישְׁן דֶעם עֶרְשְׁטְן און צְוֵויטְן טָאג יוֹם טוֹב אוּן עֶס פַארְצִיהֶען אֵיינִיגֶע שָׁעָה אִין דִי נַאכְט פוּן צְוֵויטְן טָאג יוֹם טוֹב.

אִין יֶענֶעם יָאהר וֶוען דֶער בְּרֶעסְלַאוֶוער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה, הָאט עֶר צְווִישְׁן אַנְדֶערֶע אוֹיךְ גֶערֶעדְט וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן רְפוּאוֹת. עֶר הָאט אִין אַ לַאנְגְן שְׁמוּעֶס עֶרְקְלֶערְט וִוי אַזוֹי מֶען הֵיילְט אַ בַּאהַאלְטֶענֶעם וואוּנְד, וִוי מֶען דַארְף עֶס פְרִיעֶר עֶפֶענֶען, אוּן דֶערְנָאךְ גֶעפִינֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּצִיהֶען דֶערְפוּן דִי אַלֶע מַאטֶערְיֶע און

שְׁלֶעכְטֶע בְּלוּטְן, דֶער קֶערְפֶּער זָאל זַיין רֵיין פוּן יֶעדֶע דִיפֶעקְצְיֶע, כְּדֵי דִי בְּלוּטְן זָאלְן קֶענֶען רֶעכְט פוּנְקְצְיָאנִירְן, אוּן דֶערְנָאךְ דַארְף מֶען פַארְמַאכְן דֶעם וואוּנְד עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן קֵיין נַייעֶ אִינְפֶעקְצְיֶע. אַזוֹי אַרוּם הָאט עֶר כְּסֵדֶר עֶרְקְלֶערְט לוֹיט דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה אוּן חֲזַ"ל וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף הֵיילְן אַ וואוּנְד.

נָאךְ יוֹם טוֹב, הָאבְּן זִיךְ דִי חֲסִידִים גֶעזֶעגְנְט מִיטְן רֶבִּין, יֶעדֶערֶער הָאט בַּאקוּמֶען פוּן אִיהם אַ בְּרָכָה, וִוי אוֹיךְ אַ עֶנְטְפֶער אוֹיף וָואס עֶר נוֹיטִיגְט זִיךְ. אוֹיךְ דִי חֲסִידִים פוּן דֶער שְׁטָאט לַאדִיזִין הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעגְנְט מִיטְן רֶבִּין אוּן זִיךְ גֶעאַיילְט צוּ פָאהְרְן אַהֵיים כְּדֵי צוּ זֶעהְן וָואס עֶס מַאכְט זֵייעֶר חָבֵר רַבִּי גֶעצְל אוּן וִוי עֶס זֶעהְט אוֹיס זַיין גֶעזוּנְד צוּשְׁטַאנְד.

וִוי עֶרְשְׁטוֹינְט זַיינֶען זֵיי גֶעוָוארְן וֶוען זֵיי זַיינֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין לַאדִיזִין אוּן גֶעטְרָאפְן רַבִּי גֶעצְל גֶעזוּנְט אוּן פְּרִישׁ. זֵיי הָאבְּן צוּגֶעשְׁטַאנֶען צוּ אִיהם אוּן גֶעפְרֶעגְט וִוי אַזוֹי עֶס הָאט פַּאסִירְט אוּן וֶוער הָאט אִיהם בַּאהַאנְדְלְט, הָאט זֵיי רַבִּי גֶעצְל גֶעעֶנְטְפֶערְט, אַז קֵיינֶער הָאט אִיהם נִישְׁט בַּאהַאנְדְלְט, נָאר דִי רְפוּאָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן זִיךְ

אַלֵיין, און גֶעשֶׁעהן אִיז דָאס אום יום טוב. פְלוּצְלוּנְג הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט אַ אָרְט אִין זַיין קֶערְפֶּער און פון דָארְטְן הָאט גֶענוּמֶען אַרוֹיסְגֵיין די גַאנְצֶע מַאטֶערְיֶע און שְׁמוּצִיגֶע בְּלוּט. און עֶנְדְלִיךְ, וֶוען עֶס הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ אַרוֹיסְגֵיין, הָאט זִיךְ דֶער וואוּנְד אַלֵיין פַארְמַאכְט און עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהֶלְט אִינְגַאנְצְן גֶעזוּנְד.

וֶוען רַבִּי גֶעצְל הָאט אָנְגֶעגֶעבְּן די שָׁעָה און די מִינוּט וֶוען דָאס הָאט פַּאסִירְט, הָאבְּן די חֲסִידִים עֶרְשְׁטוֹינְט זִיךְ דֶערְמָאנְט אִין די תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין שָׁבוּעוֹת. עֶס אִיז גֶעוֶוען פּוּנְקְט אִין די צַייט וָואס רַבִּי גֶעצְל אִיז אוֹיסְגֶעהֵיילְט גֶעוָוארְן פון זַיין וואוּנְד.

די תּוֹרָה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין שָׁבוּעוֹת (וֶועלְכֶע אִיז אוֹיךְ שְׁפֶּעטֶער גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אִין לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן ח"ב) הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט אִין בְּרֶעסְלַאוו, און מִיט די תּוֹרָה הָאט עֶר אַפֶּערִירְט דֶעם קְרַאנְקְן רַבִּי גֶעצְל וָואס הָאט גֶעווֹאוֹינְט אִין לַאדִיזִין און עֶר הָאט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט פון וואו און פון וֶועמֶען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִיהם די רְפוּאָה.

דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת

דֶער גַאנְצֶער גֶעגְנְד אַרוּם דִי שְׁטָאט שְׁפָּאלֶע הָאט גֶעהֶערְט צוּ אֵיינֶעם אַ פָּרִיץ, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ הַארְטֶער אוּן זֵייעֶר אַ שְׁלֶעכְטֶער מֶענְטְשׁ. אַלְס בַּעַל הַבַּיִת, אַלְס אוֹיבֶּער הַאר פוּן אַזַא גְרוֹיסְן פַארְמֶעגְן, הָאט עֶר זִיךְ טַאקֶע גֶעשְׁפִּירְט ווִי דֶער קֵייסֶר אַלֵיין. בִּפְרַט דִי פְּרִיצִים אִין יֶענֶע צַייטְן אוּן בֶּעזוּנְדֶערְס אִין זַיינֶע בַּאצִיהוּנְגֶען מִיט אִידְן. וָואס פַאר אַ שִׁגָעוֹן עֶס פְלֶעגְט אִיהם נָאר אַיינְפַאלְן, פְלֶעגְט עֶר עֶס זֶעהֶן בַּאלְד אוֹיסְצוּפִיהרְן. ווִיל עֶר, גִיט עֶר אַוֶועק דִי קְרֶעטְשְׁמֶעס פוּן דִי דֶערְפֶער צוּ אִידְן. מִיט אַמָאל הָאט עֶר חֲרָטָה, נֶעמְט עֶר צוּ אִין מִיטְן דִי צַייט אוּן וַוארְפְט אַרוֹיס דֶעם קְרֶעטְשְׁמֶער, זָאל יֶענֶער הוּנְגֶערְן אוּן דִי קִינְדֶער זָאלְן חַס וְחָלִילָה אוֹיסְגֵיין פַאר הוּנְגֶער אוּן קֶעלְט. אִיז עֶס אַ גוּטֶע מִינוּט קֶען מֶען מִיטְן פָּרִיץ דוּרְכְקוּמֶען, צָאהלְן פַאר דִי קְרֶעטְשְׁמֶע אָדֶער דִי אַרֶענְדֶע

צַייטְנְוַויז. אִין מִיטְן וֶוערְט עֶר מְשׁוּגָע אוּן וַוארְפְט אַרַיין דֶעם אַרֶענְדַאר אִין אַ פִינְסְטֶערְן קֶעלֶער בִּיז אִידְן רַחְמָנִים בְּנֵי רַחְמָנִים לֵייזְן אִיהם אוֹיס, זַיינֶען מְקַיֵים דִי מִצְוָה פוּן פִּדְיוֹן שְׁבוּיִם אוּן רַאטֶעוֶוען אִיהם דֶעם לֶעבְּן. אַזוֹי פִיהרְט זִיךְ כְּסֵדֶר דֶער פָּרִיץ אוּן קֵיינֶער קֶען אִיהם קֵיין וָוארְט נִישְׁט זָאגְן.

דֶעם ווינְטֶער פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג דֶער פָּרִיץ פַארְבְּרֵיינְגֶען אִין וַוארְשֶׁע, דָארְטְן גֶעוֶוייְלְט אוּן גֶעהוּלְיֶעט, גֶעשָׁאטְן גֶעלְד ווי מִיסְט פוּן וואוֹילְטָאג, אָבֶּער דַאן הָאבְּן דִי אִידְן אַבִּיסְל מֶער אָפְּגֶעאָטֶעמְט, כָאטְשׁ דִי בֶּעדִינֶער, דִי סֶעקְרַאטָארְן זַיינֶען נִישְׁט גֶעוֶוען קֵיין סַאךְ בֶּעסֶער פוּן פָּרִיץ אַלֵיין, ווִי דִי חַזַ"ל זָאגְן אַז אוֹיבּ דֶער פִיהרֶער אִיז אַ רָשָׁע זַיינֶען אוֹיךְ זַיינֶע בַּאדִינֶער רְשָׁעִים. אָבֶּער מִיט זֵיי הָאט מֶען גֶעקֶענְט דוּרְכְקוּמֶען דוּרךְ אַ מַתְּנַת יַד, מִיט אַבִּיסְל שׁוֹחַד וֶועלְכֶע דֶער גוֹי זָאגְט זִיךְ דֶערְפוּן נִישְׁט אַזוֹי לַייכְט אָפּ. מֶעהרֶער מָאל פְלֶעגְט עֶס הֶעלְפְן צוּ פַארְגְרִינְגֶערְן דֶעם יָאךְ, זֵיי זָאלְן נִישְׁט אוֹיסְפִירְן אוּן זִיךְ נִישְׁט מַאכְן ווִיסְנְדִיג פוּן דֶעם פָּרִיץ'ס בַּאפֶעלְן. הָאט אָבֶּער נָאר אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קְלִינְגֶען דִי גְלֶעקְלַאךְ פוּן פָּרִיץ'ס אָנְקוּמֶען, דַאן אִיז שׁוֹין ווִידֶער גֶעוָוארְן שְׁלֶעכְט.

צו זַיין פַּאלַאץ נֶעבְּן שְׁפָּאלֶע פְּלֶעגְט עֶר קוּמֶען אִין דִי זוּמֶער צַייט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעאָרְדנְט אַלְס זוּמֶער וואוינוּנְג פַאר דֶעם פָּרִיץ מִיט זַיין סְוִויטֶע וואו עֶר פְּלֶעגְט פַארְבְּרֶיינְגֶען, בִּיז עֶס זַיינֶען גֶעקוּמֶען דִי עֶרְשְׁטֶע טְרָאפְּנְס פוּן רֶעגְן. דַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי אֶמֶתֶע צָרוֹת. דֶער פָּרִיץ פְלֶעגְט זֵייעֶר אָפְט מַאכְן אַ בַּאל פַאר זַיינֶע פְרַיינְד אוּן דִי קָרְבָּנוֹת זַיינֶען גֶעוֶוען אִידְן. עֶר פְלֶעגְט כַאפְּן אַ אִידְן פוּן זַיינֶע אַרֶענְדַארְס, אוּן הֵייסְן טַאנְצְן אוּן מַאכְן אַלֶע סָארְטְן הַעֲוָויוֹת אוּן תְנוּעוֹת, צוּ מַאכְן פְרֵיילַאךְ אוּן לַאכֶעדִיג דִי פְּרִיצִים. דֶער אִיד הָאט נֶעבַּאךְ קֵיין בְּרֵירָה נִישְׁט גֶעהַאט, טָאמֶער נִישְׁט הָאט עֶס טֵייל מָאל גֶעשְׁמֶעקְט מִיטְן לֶעבְן.

אִין יֶענֶע צַייט אִיז גֶעקוּמֶען וואוינֶען קֵיין שְׁפָּאלֶע דֶער בַּאוואוּסְטֶער צַדִיק, וֶועלְכֶער אִיז דֶערְנָאךְ מְפוּרְסָם גֶעוָוארְן אִין דֶער וֶועלְט אַלְס "דֶער שְׁפָּאלֶער זֵיידֶע", אוֹיף דֶעם נָאמֶען פוּן דִי דָאזִיגֶע שְׁטָאט. ווִי נָאר עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען הָאט זַיין שֵׁיין זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייט אִיבֶּער דֶעם גַאנְצְן גֶעגְנְד אַרוּם. יֶעדֶערֶער אִיז גֶעלָאפְן צוּם צַדִיק הֶערְן אַ דְבַר ה׳, אָנְזַאפְּן זִיךְ מִיט אַבִּיסֶל יִרְאַת שָׁמַיִם אוּן אוֹיךְ גֶעבֶּענְטְשְׁט וֶוערְן פוּן אִיהם. אוֹיךְ צָרוֹת בַּיי

אידן פעלט דאך נישט, און ביים צדיק האט מען געקענט אויספועלן א ישועה. די אידן האבן באלד גענומען בעטן דעם צדיק ער זאל פאר זיי מתפלל זיין, דער אויבערשטער זאל איבערקערן דעם פריץ'ס הארץ אויף צום גוטן, ער זאל זיי אויפהערן צו פייניגן און דערגיין די יאהרן. דער צדיק האט זיי צוגעוואונטשן, מען האט אבער דערווייל נישט געזעהן קיין ענדערונג.

פונקט אין דעם יאהר ווען דער צדיק האט זיך באזעצט אין שפאלע, אין יענעם זומער איז דער פריץ אהיים געקומען מיט גאנץ נייע גזירות אויף די אידן. צום ערשט האט ער געהייסן מען זאל אויפהענגען זיין בילד אין אלע קרעטשמעס און ביי אלעמען אין די וואוינונגען, אויך אין די שוהלן זאל הייגען זיין צורה. צווייטנס האט ער זיי אנגעזאגט, אז שבת טאר מען נישט צומאכן די קרעטשמע, עס דארף זיין אפן פונקט ווי אין מיטן וואך. דערנאך האט ער ארויף געלייגט אויף זיי א בעזונדער שטייער פאר יעדערן וואס וועט וועלן חתונה מאכן א נייעם פאר פאלק. דאס איז געווען גזירות וואס זייער ציל איז, מעביר צו זיין די אידן פון זייער אמונה. ווער עס האט דא אנגעהיצט

דֶעם פְּרִיץ, וֶועמֶענְס הַאנְד עֶס שְׁטֶעקְט דָא, הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְגֵיין, אֵיינְס הָאט מֶען אָבֶער גֶעווּאוּסְט, אַז דִי צָרוֹת זַיינֶען שׁוֹין גֶעקוּמֶען אִיבֶּער דִי מָאס, אַז בָּאוּ מַיִם עַד נֶפֶשׁ.

אִיז מֶען גֶעלָאפְן צוּם צַדִיק אוּן פַארְגָאסְן בַּיי אִיהם טְרֶערְן ווִי וַואסֶער, עֶר זָאל זֶעהְן מִיט זַיין תְּפִילָה, מִיט זַיין קְדוּשָׁה עֶפֶּעס טְהוּן פַאר זֵיי. דֶער צַדִיק, הֶערְנְדִיג פוּן דִי נַייעֶ גְזֵירוֹת, הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:

— אוֹיב עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי אַזַא צוּשְׁטַאנְד, וֶועל אִיךְ אִיהם שׁוֹין מוּזְן לָאזְן הֶערְן דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת...

קֵיינֶער הָאט נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דֶער צַדִיק מֵיינְט, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קֵיין שׁוּם בַּאגְרִיף אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער. וָואס קֶען עֶס בֶּעדַייטְן? דֶער צַדִיק הָאט זֵיי אָבֶער נִישְׁט גֶעלָאזְט לַאנְג טְרַאכְטְן, עֶר הָאט צוּ זֵיי גֶעזָאגְט:

— מִיר הַאלְטְן דָאךְ שׁוֹין בַּיי שָׁבוּעוֹת, אִינְגַאנְצְן נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג. דָאס מָאל זָאלְט אִיהר מַאכְן אַ מִנְיָן אִין דֶעם דָארְף וואוּ דֶעם פְּרִיץ'ס

פּאלאַץ גֶעפִינְט זיךְ און נִישְׁט פָּאהֶרְן אִין שְׁטָאט. אִיהר זָאלְט אויךְ גֵיין צום פְּרִיץ און אִיהם דֶערְצֵיילְן, אַז יום טוב דַאוְונְט אִיהר אִין דָארְף. אויב עֶר וִויל, קֶען עֶר קוּמֶען און זיךְ צוּקוּקְן ווי אַזוֹי אִיהר דַאוְונְט, די אִיבְּרִיגֶע וֶועט שׁוֹין זַיין גוּט. יֶעצְט פָּאהְרְט אַיךְ אַהֵיים לְחַיִּים וּלְשָׁלוֹם.

די קְרֶעטְשְׁמֶערְס הָאבְּן גֶעפָּאלְגְט דֶעם צַדִיק, זֵיי הָאבְּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַּארְן פְּרִיץ דֶעם אַיינְלַאדוּנְג, יֶענֶער הָאט זיךְ דֶערוּיף אָנְגֶעכַאפְּט מִיט בֵּיידֶע הֶענְד, עֶר הָאט פִיהל גֶעהֶערְט פון זַיינֶע חֲבֵרִים ווי אַזוֹי אִידְן דַאוְונֶען, זֵיי מַאכְן תְּנוּעוֹת און הַעֲוָיוֹת, לוֹיפְן אַרוּם פון אֵיין אָרְט צום צְוֵוייטְן, שָׁאקְלֶען זיךְ, בּוֹיגְן זיךְ, און עֶר הָאט עֶס נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזֶעהן. יֶעצְט הָאט עֶר אַזַא גֶעלֶעגֶנְהַייט, און די אִידְן אַלֵיין רוּפְן אִיהם צוּ זֵיי. עֶר הָאט גֶעלַאדְנְט דֶערְצוּ זַיינֶע אַלֶע גוּטֶע פְּרַיינְד, די בֶּעלֶער פַארְבְּרֵיינְגֶערְס, זָאלְן אויךְ קוּמֶען צוּקוּקְן צום "טִיאַטֶער", ווי עֶר הָאט עֶס גֶערוּפְן.

עֶרֶב שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער שְׁפָּאלֶער זֵיידֶע אָנְגֶעקוּמֶען אִין דָארְף. עֶר הָאט זיךְ גֶעוֶוענְדֶעט צוּ די קְרֶעטְשְׁמֶערְס און גֶעזָאגְט:

— מָארְגְן וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ גְרוֹיסְן עוֹלָם צוּם דַאוְונֶען, דָאס קְלֵיינֶע שׁוּלְכְל וֶועט נִישְׁט קֶענֶען אַלֶעמֶען אַרֵיינְנֶעמֶען, דֶעריבֶּער וֶועלְן מִיר דַאוְונֶען בֶּעסֶער אִין דְרוֹיסְן אוֹיפְן פֶעלְד, נֶעבְן בֶּערְגְל.

שָׁבוּעוֹת אִינְדֶערְפְרִי, דֶער גַאנְצֶער פְּלַאץ אַרוּם דֶעם בֶּערְגְל אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִּיהלְט מִיט פְרִיצִישֶׁע פַאמִילְיֶעס אוּן זֵייעֶרֶע אָנְגֶעשְׁטֶעלְטֶע, וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעקוּמֶען צוּם אַיינְלַאדוּנְג פוּן פָּרִיץ זֶעהן דִי אִינְטֶרֶעסַאנְטֶע פָּאזֶע, ווִי אַזוֹי אִידְן דַאוְונֶען. וֶוען זֵיי הָאבְּן גֶעזֶעהן ווִי מֶען דַאוְונְט, בֶּעזוּנְדֶער דֶער אַלְטֶער וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען דֶעם טַלִית אִיבֶּערְן קָאפּ אוּן זַיינֶע צִיצִית הָאבְּן דֶערְגְרֵייכְט בִּיז דִי עֶרְד, ווִי עֶר שְׁפְּרִינְגְט אוּן טַאנְצְט, הָאבְּן זֵיי גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין לַאכְן. דִי עֶרְד הָאט גֶעצִיטֶערְט פוּן זֵייעֶר גֶעלֶעכְטֶער. אָבֶּער אָט דְרֵייט זִיךְ אוֹיס דֶער צַדִיק, אוּן הַאלְטְנְדִיג בַּיי דִי שִׁירָה, בַּיי אָז יָשִׁיר, גִיט עֶר אַ גֶעשְׁרֵיי: "תִּפּוֹל עֲלֵיהֶם אֵימָתָה וָפַחַד" אוּן אוֹיף דִי סֶעקוּנְדֶע זַיינֶען זֵיי אַלֶע ווִי שְׁטוּם גֶעוָוארְן. דֶער גֶעלֶעכְטֶער אִיז מִיט אַמָאל אָפְּגֶעהַאקְט גֶעוָוארְן, אוּן אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער פַּחַד אִיז אוֹיף אַלֶעמֶען אַרוֹיף גֶעפַאלְן. אֲפִילוּ דִי שְׁטַארְקֶערֶע פוּן דִי גוֹיִם וֶועלְכֶע

הָאבְּן זִיךְ גֶעוָואלְט שַׁאפְן מוּט אוּן נִישְׁט מַאכְן וויסְנְדִיג דֶערְפוּן, זַיינֶען גֶעזֶעסְן מִיט צִיטֶערִיגֶע בֵּיינֶער.

אַזוֹי הָאט דֶער צַדִיק גֶעדַאוְונְט מִיט מְתִיקוּת, מִיט הִתְלַהֲבוּת, בִּיז מֶען אִיז צוּגֶעקוּמֶען צוּ קְרִיאַת הַתּוֹרָה. קֵיינֶער הָאט עֶס נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין, וָואס חָאטְשׁ דִי זוּהן הָאט גַאנְץ קְלָאר גֶעלוֹיכְטְן, הָאט דֶער גַאנְצֶער גֶעגְנְד אוֹיסְגֶעזֶעהן ווִי אַ נֶעפְּל וָואלְט אוֹיף אִיהם גֶעלֶעגְן, אוּן פוּן וַואנֶען קוּמֶען עֶס דִי מוֹרָא'דִיגֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע דוּנֶערְן אוּן קְלַאפְּן וָואס הֶערְט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק אוּן וָואס וַוארְפְט אַזַא מוֹרָא אוֹיף אַלֶעמֶען?

דֶער צַדִיק הַאלְט שׁוֹין בַּיי דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת. נֶעבְּן דֶעם פְּרִיץ שְׁטֵייט אֵיינֶער פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶערְס אוּן גִיט אִיהם צוּ פַארְשְׁטֵיין יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען לֵייֶענְט יֶעצְט. אָט שְׁרַייט דֶער בַּעַל קוֹרֵא: "אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ אֲשֶׁר הוֹצֵאתִיךָ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם מִבֵּית עֲבָדִים, לֹא יִהְיֶה לְךָ אֱלֹקִים אֲחֵרִים עַל פָּנָי, לֹא תַעֲשֶׂה לְךָ פֶסֶל וְכָל תְּמוּנָה". אוּן דֶער קְרֶעטְשְׁמֶער גִיט צוּ פַארְשְׁטֵיין דֶעם פָּרִיץ, אַז דָאס הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶעזָאגְט פַאר דִי אִידְן זַיי

זָאלְן נִישְׁט דִינֶען קֵיין עֲבוֹדָה זָרָה, נִישְׁט מַאכְן בַּיי זִיךְ קֵיין פְרֶעמְדֶע בִּילְדֶער.

דֶער פָּרִיץ הֶערְט, עֶר בְּלַייבְּט בְּלֵייךְ ווי קַאלְךְ, אַלֶע גְלִידֶער צִיטֶערְן בַּיי אִיהם. עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ אִין זַיין נַייעֶ גְזֵירָה וָואס עֶר הָאט אַרוֹיף גֶעלֵייגְט אוֹיף דִי אִידְן. עֶר הָאט טוֹיזֶנְט מָאל חֲרָטָה דֶערְפוּן.

אוּן אָט לֵייעֶנְט מֶען וַוייטֶער:

— "זָכוֹר אֶת יוֹם הַשַּׁבָּת לְקַדְשׁוֹ, שֵׁשֶׁת יָמִים תַּעֲבוֹד וְעָשִׂיתָ כָּל מְלַאכְתֶּךָ וְיוֹם הַשְּׁבִיעִי שַׁבָּת לַה׳ אֱלֹקֶיךָ וְגוֹ׳.

עֶר דֶערְמַאנְט זִיךְ וַוייטֶער דִי גְזֵירָה פוּן שַׁבָּת אוּן טְרֶערְן שְׁטִיקְן אִיהם אִין הַאלְז, אוּן וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת, זַיינֶען אַלֶע גֶעוֶוען עֶרְשְׁטוֹינְט צוּ זֶעהן ווי עֶס גִיסְן זִיךְ טַייכְן טְרֶערְן פוּן דֶעם פָּרִיצְס אוֹיגְן, נִישְׁט קֶענֶענְדִיג זִיךְ אָפְּהַאלְטְן.

נָאכְן דַאוְונֶען זַיינֶען זִיךְ אַלֶע צוּגַאנְגֶען אוּן דֶער צַדִיק מִיטְן עוֹלָם זַיינֶען אַוֶועק צוּ אֵיינֶעם פוּן דִי קְרֶעטְשְׁמֶערְס עֶסְן דִי מִילְכִיגֶע סְעוּדָה. בַּיי דִי

סְעוּדָה הָאט זִיךְ דֶער צַדִיק אָנְגֶערוּפְן:

— די עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת וֶועט שוֹין אַייעֶר פְּרִיץ אֵייבִּיג גֶעדֵיינְקֶען. אוּן נִישְׁט נָאר עֶר, נָאר אַלֶע אָנְוֶועזְנְדֶע. עֶס וֶועט זֵיי שְׁטֵיין ווִי לֶעבֶּעדִיג פַאר דִי אוֹיגְן. אָבֶער מֵיינְט נִישְׁט אַז אַייעֶר פְּרִיץ אִיז עֶפֶּעס אַ קַטְלָא קַנְיָא, עֶר בַּאזִיצְט אַ נִיצוֹץ פוּן דִי נְשָׁמָה פוּן יִתְרוֹ, ווֶעלְכֶע בְּלָאנְדְזְשֶׁעט אִין אִיהם אוּן פָאדֶערְט אִיהר תִּקוּן.

מוֹצָאֵי שָׁבוּעוֹת הָאט דֶער פְּרִיץ גֶעשִׁיקְט צוּם שְׁפָּאלֶער צַדִיק דָאס עֶר וויל קוּמֶען צוּ אִיהם. עֶר הָאט בַּיי אִיהם פַארְבְּרֵיינְגְט עֶטְלִיכֶע שָׁעָה. אִינְדֶערְפְרִי אִיז דֶער שְׁפָּאלֶער זֵיידֶע אַהֵיים גֶעפָאהְרֶן.

עֶס אִיז אִיבֶּערִיג צוּ זָאגְן אַז פוּן דֶעם טָאג אָן אִיז דֶער פְּרִיץ גֶעוָוארְן אַ אַנְדֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט אוֹיךְ גֶעהֵייסְן אוֹיפְבּוֹיעֶן אַ גְרוֹיסֶע שׁוּהל אוֹיף דֶעם אָרְט וואוּ מֶען הָאט שָׁבוּעוֹת גֶעדַאווְנְט. עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ אוֹיךְ מְגַייר גֶעוֶועֶן אוּן אַוֶועקְגֶעפָאהְרְן אִין אַ אַנְדֶער מְדִינָה אוֹיסְלֶעבְּנְדִיג זַיינֶע יָאהְרֶן אַלְס אִיד.

אַ בִּלְבּוּל אוֹיפְן ״תִּקוּן שָׁבוּעוֹת״

דִי רוּסִישֶׁע צֶענְזוּר בִּכְלַל אִיז פוּן שְׁטֶענְדִיג אָן גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ שְׁטְרֵיינְגֶע; זִי הָאט, מַמֶשׁ, גֶעזוּכְט צוּ דֶערְשְׁטִיקְן יֶעדֶעס פְרֵייעֶ וָוארְט. בֶּעזוּנְדֶערְס הָאט זִיךְ דִי צֶענְזוּר בֶּעצוֹיגְן צוּ אִידִישֶׁע סְפָרִים. דָא הָאט דִי ווִירְקְלִיכְקֵייט דֶערְלַאנְגְט צוּ אִיהר הֶעכְסְטְן גְרוֹיל. דֶער קְלֶענְסְטֶער פְּרָאוִוינְץ־צֶענְזָארְל הָאט גֶעקֶענְט טְהוּן מִיטְן אִידִישְׁן סֵפֶר אַלְץ וָואס זַיין הַארְץ הָאט גֶעגְלוּסְט: מֶעקְן, שְׁנַיידְן, אוֹיסְרַייסְן גַאנְצֶע בְּלֶעטֶער אוּן אַמָאל אוֹיךְ אִינְגַאנְצְן דָאס בּוּךְ צוּ פֶערְבָּאטְן. דָאס אִידִישֶׁע בּוּךְ אִיז אִינְגַאנְצְן גֶעוֶוען אָבְּהֶיינְגִיג פוּן דֶעם צֶענְזָאר׳ס קַאפְּרִיזְן אוּן שְׁטִימוּנְגֶען. טָאמֶער הָאט זִיךְ וֶוער עֶס אִיז גֶעוַואגְט צוּ בֶּעקְלָאגְן זִיךְ אוֹיפְן צֶענְזָאר פַאר דֶער הֶעכֶערֶער מַאכְט, אִיז דֶערְפוּן גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגֶער פּוֹעֵל־יוֹצֵא, דָאס אִינְגִיכְן הָאט דֶער דָאזִיגֶער צֶענְזָאר בֶּעקוּמֶען אַ אוֹיסְצֵייכֶענוּנְג אוּן אַ

בְּכָבוֹד'דִיגֶע שְׁטֶעלֶע...

אַלְס צֶענְזָארְן פַּאר אִידִישֶׁע סְפָרִים זַײנֶען בֶּעשְׁטִימְט גֶעוָוארְן פוּן דֶער רֶעגִירוּנְג דָאס מֶערְהַײט מְשׁוּמָדִים, וֶועלְכֶע הָאבְּן גֶעהַאט פְּרָאטֶעקְצִיֶעס אִין דִי "הוֹיכֶע פֶענְסְטֶער". קֵיין בֶּעזוּנְדֶער מָאס פוּן אִידִישְׁן ווִיסְן הָאט זִיךְ דָא נִישְׁט גֶעפָאדֶערְט; דֶער שְׁמַד אַקְט הָאט פֶערְבִּיטְן דֶעם הֶעכְסְטְן דִיפְּלָאם. דָאס הָאט גַאנְץ אָפְט גֶעבְּרַאכְט דֶערְצוּ, אַז דִי צֶענְזוּר פוּן אִידִישֶׁע סְפָרִים אִיז אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן אִין דִי הֶענְד פוּן עַם־הָאֲרַצִים גְמוּרִים, וֶועלְכֶע הָאבְּן אֶפְשֶׁר, אַמָאל גֶעלֶערְנְט אִין אַ חֵדֶר, אָבֶּער שׁוֹין לַאנְג בֶּעווִיזְן צוּ פֶערְגֶעסְן זֵייעֶר גַאנְצֶע בִּיסְל אִידִישְׁקַייט.

אִיךְ ווִיל דָא אִיבֶּערְגֶעבְּן אַ גֶעווִיסְן צוּפַאל מִיט אַזַא מִין צֶענְזָאר, וֶועלְכֶער הָאט דוּרְךְ זַיין מְשׁוּנָה'דִיגֶער עַם־הָאֲרַצוּת'קַייט שִׁיעוּר נִישְׁט דֶערְוֶועקְט בַּיי דֶער רוּסִישֶׁער רֶעגִירוּנְג אַ מְסוּכָּנ'דִיגְן חֲשַׁד אוֹיף אִידְן, אַז זֵיי טְרָאגְן זִיךְ גֶעגְן אִיהר אַרוּם מִיט בֵּייזֶע מַחְשָׁבוֹת, אוּן ווִילְן זִי אוּמְבְּרֵיינְגֶען.. דִי גֶעשִׁיכְטֶע הָאט פַּאסִירְט אוּנְטֶער דֶער מֶמְשָׁלָה פוּן נִיקָאלַאי דֶעם עֶרְשְׁטְן אוּן צוּלִיב

אַ — "תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת"...

גֶעטְרָאפְן הָאט עֶס מִיטְן צֶענְזָאר פַּאר אִידִישֶׁע בִּיכֶער אִין זִיטָאמִיר, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גֶע'שְׁמַד'טֶער אִיד פוּן דִי גֶעוֶועזֶענֶע קַאנְטָאנִיסְטְן. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וַוייט פוּן אִידִישְׁקַייט, אַז אָנְקוּמֶענְדִיג אוֹיף זַיין שְׁטֶעלֶע הָאט נָאךְ לַאנְג גֶעדוֹיעֶרְט, בִּיז עֶר הָאט אָבְּגֶעפְרִישְׁט אִין זַיין זִכָּרוֹן דִי צוּרוֹת פוּן דִי אִידִישֶׁע אוֹתִיוֹת. עֶר אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אִין אַ קְלֵיינֶע מַדְרֵגָה, אוּן נָאר צוּ פַארְדַאנְקֶען דָאס שְׁמַד הָאט עֶר בַּאקוּמֶען אַ "גְרוֹיסְן צַד אִין טִישׁ", אוּן דֶער דָאזִיגֶער צַד הָאט פַּאר אִיהם אוֹיסְגֶע'פּוֹעלְט בַּיי וֶועמֶען מֶען בֶּעדַארְף, דִי שְׁטֶעלֶע פוּן אַ צֶענְזָאר פַּאר אִידִישֶׁע סְפָרִים.

ווִיסְנְדִיג בַּיי זִיךְ גַאנְץ גוּט, אַז עֶר "הִינְקְט צוּ אוֹיף דֶער עִבְרֵי", הָאט עֶר זִיךְ פוּן עֶרְגֶעץ־וואוּ אוֹיסְגֶעזוּכְט אַ אִידִישְׁן יוּנְגֶערְמַאנְטְשִׁיק, אוֹיךְ נִישְׁט קֵיין קְלֵיינֶער עַם־הָאָרֶץ, וֶועלְכֶער פְלֶעגְט כְּלוֹמֶרְשְׁט לֵייעֶנֶען דִי בִּיכֶער אוּן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אִיהם נָאכְדֶעם זֵייעֶר אִינְהַאלְט. דֶער דָאזִיגֶער יוּנְגֶערְמַאנְטְשִׁיק הָאט כִּמְעַט קֵיין סֵפֶר נִישְׁט

דוּרכְגֶעלָאזְט בְּשָׁלוֹם; אִין יֶעדֶערְן סֵפֶר הָאט עֶר בַּאלְד אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַ שְׁטִיקְל סִירְכָא פַּאר וֶועלְכֶער דֶער מְחַבֵּר, אָדֶער דֶער פֶערְלֵייגֶער, הָאט שׁוֹין נַאכֶער גֶעהַאט פוּן צֶענְזָאר "צוּ זִינְגֶען אוּן צוּ זָאגְן".

פוּן אָנְפַאנְג פְלֶעגְט עֶר דָאס טְהוּן נָאר כְּדֵי אוֹיסְצוּפַיינֶען זִיךְ פַאר זַיין בַּעַל הַבַּיִת; מִיט דֶער צַייט הָאט עֶר דֶערְשְׁמֶעקְט, אַז דָאס קֶען וֶוערְן פַאר אִיהם אַ מְקוֹר פוּן גְרוֹיס הַכְנָסָה, וַוייל עֶס הָאבְּן זִיךְ אָבְּגֶעפוּנֶען עֶטְלִיכֶע אַזֶעלְכֶע, בֶּעזוּנְדֶערְס דְרוּקֶער, וָואס הָאבְּן אִיהם גֶעפְּרוּבְּט אָנְבָּאטְן שׁוֹחַד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעפוּילְט צוּ נֶעמֶען. פוּן דַאמָאלְט אָן אִיז עֶר פִיהל שְׁטְרֵיינְגֶער גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ גֶעטְשֶׁעפֶּעט, מַמָשׁ, צוּ יֶעדֶער קְלֵיינִיגְקַייט, אוּן וָואס עֶר הָאט נָאר גֶעזָאגְט, אִיז, גֶעוֵויינְלִיךְ, בַּאלְד בַּאשְׁטֶעטִיגְט גֶעוָוארְן פוּן צֶענְזָאר.

הָאט זִיךְ אַמָאל גֶעדַארְפְט מַאכְן, אַז אֵיינֶער אַ זִיטָאמִירֶער מַדְפִּיס הָאט אָבְּגֶעדְרוּקְט אַ נַייעֶ אוֹיפְלַאגֶע פוּן "תִּקוּן שָׁבוּעוֹת". דֶער סֵפֶר אִיז פַּארְטִיג גֶעוָוארְן, הָאט עֶר צוּגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אִיהם אַ עֶקְזֶעמְפְּלַאר אִין צֶענְזוּר. אָבְּוַוארְטְנְדִיג עֶטְלִיכֶע

טֶעג, אִיז דֶער דְרוּקֶער אַוֶועק אִין צֶענְזוּר אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען דֶעם בּוֹלֶעט, דוּרְךְ וֶועלְכְן עֶס וֶוערְט עֶרְלוֹיבְּט צוּ פַּארְקוֹיפְן דֶעם בּוּךְ. אִיהם הָאט אָבֶּער בְּשׁוּם אוֹפֶן נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְפַאלְן, אַז אַזַא כָּשֶׁר׳ער סֵפֶר וְוי דֶער "תִּקּוּן־שָׁבוּעוֹת", וֶועלְכֶער דְרוּקְט זִיךְ שׁוֹין בַּיי אִידְן מִכַּמָּה דוֹרוֹת אוּן אִיז תָּמִיד דוּרְכְגֶעלָאזְן גֶעוָוארְן בְּשָׁלוֹם פוּן אַלֶע רוּסִישֶׁע דְרוּקֶערַייעֶן דוּרְךְ דִי פַארְשִׁידֶענֶע צֶענְזוּר־קָאמִיטֶעטְן, זָאל זִיךְ וֶוען עֶס אִיז אָנְשְׁטוֹיסְן אִין צֶענְזוּר אוֹיף וֶועלְכֶער עֶס אִיז שְׁטְרוֹיכְלוּנְג, אוּן דֶערִיבֶּער הָאט עֶר גֶעפוּנֶען פַאר גַאנְץ אִיבֶּערִיג צוּ בַּאוָוארֶענֶען זִיךְ פְרִייעֶר בַּיים יוּנְגֶערְמַאנְטְשִׁיק דוּרְךְ אַ מַתְּנַת־יַד...

עֶס אִיז זִיךְ גַאנְץ לַייכְט פָארְצוּשְׁטֶעלְן, וְוי עֶרְשְׁטוֹינְט עֶר אִיז גֶעוָוארְן דֶערְווּסְנְדִיג זִיךְ אִין צֶענְזוּר, אַז נִישְׁט נָאר וָואס מֶען הַאלְט בַּיים קָאנְפִיסְקִירְן דִי גַאנְצֶע אוֹיפְלַאגֶע פוּן "תִּקּוּן שָׁבוּעוֹת", אִיז נָאךְ אוֹיךְ אַ סִבָּה, מֶען זָאל דִי זַאךְ אִיבֶּערְגֶעבְּן דֶער זְשַׁאנְדַארְמֶערִיֶע...

דֶער דְרוּקֶער אִיז תֵּיכֶף אַרִיבֶּערְגֶעלָאפְן צוּם יוּנְגֶערְמַאנְטְשִׁיק אַהֵיים, אָבֶער יֶענֶער הָאט זִיךְ

שוין נישט געלאזט רעדן: פארשפעטיגט! איצט וועגדעט זיך שוין דאס אין איהם, אין דעם צענזאר אליין.

דער צענזאר, האט דעם דרוקער אויפגענומען מיט גרויס רוגזה, און נישט לאזנדיג איהם עפענען א מויל, האט ער זיך אויף איהם ארויפגעווארפן מיט טענות: סטייטש, ווי האט ער גענומען דאס רעכט אפצודרוקן און צו וועלן פארשפרייטן אזא ספר, אזא ספר?!

וואס דער דרוקער האט זיך נישט געמאטערט אויפצוווייזן דעם צענזאר באותות ובמופתים, אז דאס איז א העכסט לעגאלער ספר ווי אלע אנדערע רעליגיעזע ביכער, וואס דרוקן זיך אין רוסלאנד פון קדמונים און ווערן ערלויבט צום פארשפרייטן אין דער גאנצער מדינה אן קיין שום שוועריגקייטן — קיין זאך האט איהם נישט געהאלפן.

— יענע האבן טאקע נישט געכאפט אבער איך האב יא געכאפט! — האט דער צענזאר אויסגערופן ווי א זיגער.

— וואס האט איהר געכאפט? — האט איהם

גֶעפְרֶעגְט דֶער דְרוּקֶער.

— אַז דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין גְלַאטֶער סֵפֶר; עֶפֶּעס אִיז עֶר דוּרְכְאוֹיס פוּן שְׁטִיקְלַאךְ אוּן בְּרֶעקְלַאךְ, פוּן בְּלוֹיזֶע אָנְהוֹיבְּן אוּן סוֹפ׳ן, אַ לֶעק פוּן דָארְטְן אוּן אַ שְׁמֶעק פוּן דַאנֶען, אוּן אוֹיף אַלֶע פֶּערְצַייטִיגֶע אִידִישֶׁע לְשׁוֹנוֹת. בַּיי וֶועלְכְן פָּאלְק אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעפִינְט אִיהר נָאךְ אַזַא פַארְדֶעכְטִיגְן וֶוערְק?

דָא הָאט דֶער דְרוּקֶער גֶעפְּרוּבְט צוּ עֶרְקְלֶערְן דֶעם צֶענְזָאר דֶעם כַארַאקְטֶער פוּן דֶעם סֵפֶר אוּן זַיין בְּעדַייטוּנְג פַאר דֶעם שָׁבוּעוֹת־יוֹם־טוֹב, דֶער יוֹם־טוֹב פוּן קַבָּלַת־הַתּוֹרָה. זַיינֶע עֶרְקְלֶערוּנְגֶען הָאבְּן אָבֶּער נִישְׁט גֶעבְּרַאכְט צוּ קֵיין רֶעזוּלְטַאט. דֶער צֶענְזָאר אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי דָאס זַיינִיגֶע אוּן הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ קָאכְן.

— דֶער חֲשַׁד אוֹיפְן סֵפֶר וֶוערְט נָאךְ בַּיי מִיר פִיהל גְרֶעסֶער — הָאט עֶר מִיט אַמָאל אַ זָאג גֶעטְהוּן אוּן אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין אַ פַּאפִּיר — גֶעמֶענְדִיג אִין אַכְט דֶעם פַאקְט, אַז דִי אִידְן לֵיינֶען אִיהם פָאר בְּעהַאלְטֶענֶערְהֵייט, אִין פַארְבָּארְגֶענִישׁ, בְּעֵת דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁלָאפְט. מֶען אִיז פָארְזִיכְטִיג

אין דעם, מען זאָגט עס בײַ נאַכט, כּדי קײנער זאָל עס נישט אָנקוקן. און נאָכדעם קומט איהר צו גײן און ווילט מיר אײַנרעדן, אַז דאָס איז אַ כּשר׳ער ספר?

— און טאָמער איז דאָס נאָך פּאַר אײך װײניג — האָט דער צענזאָר נישט אַרויסנעמענדיג די אויגן פון פּאַפּיר, אַ געשרײ געטהון אויפן דרוקער, אַז יענער איז פערציטערט געוואָרן — זאָגט דאָך שוין די הקדמה אויס דעם גאַנצן סוד. עפּעס ווערט דאָרט געזאָגט, אַז דער שוואַכער דאַרף ווערן אַ גבור, און אַז אַלע דאַרפן ווערן סאָלדאַטן (אין דער הקדמה צום "תּקון שבועות" געפינען זיך די פראַזן: "החלש יאמר גבור אני", "והייתם לבני-חיל"). און בײַם אָנפאַנג הקדמה זאָגט מען "אתּה בחרתּנו מכּל העמים". וואָס, דאָס האָט, אפשר, אויך אַ שייכות צו שבועות? איז דאָס נישט גיכער אַ פאַרשטעלטער אויסרוף צו אַ בונד? און איך זאָל גײן דורכלאָזן אַזאַ ספר, דורך וועלכן אידן ווילן אַרויפּברײנגען רוסלאַנד אויפן פײַער? איהר וועט אָבשפּילן מיט גליק, ווען איך וועל מעהר נישט ווי קאָנפיסקירן די אויפלאַגע און וועל די זאַך ווײטער נישט דערלאַנגען...

אַזאַ קַבָּלַת פָּנִים הָאט דֶער זִיטָאמִירֶער מַדְפִּיס, דֶער אַרוֹיסְגֶעבֶּער פוּן דֶעם גַאנְץ אוּנְשׁוּלְדִיגְן "תִּקּוּן־שָׁבוּעוֹת", גֶעהַאט בַּיים גֶע'שְׁמַד'טְן צֶענְזָאר.

אִינְגַאנְצְן אַ פַארְצִיטֶערְטֶער אִיז עֶר גְלַייךְ אַוֶועקְגֶעלָאפְן צוּם רָב אוּן הָאט אִיהם דֶערְצֵיילְט דִי זַאךְ. נָאךְ דֶעם זֶעלְבְּן אָוֶונְד הָאט דֶער רָב צוּנוֹיפְגֶערוּפְן צוּ זִיךְ דִי פַּרְנָסִים פוּן שְׁטָאט, אוּן עֶרְקְלֶערְנְדִיג זֵיי, אַז דֶער דָאזִיגֶער עִנְיָן אִיז עָלוּל אַוֶועקְצוּשְׁטֶעלְן אִין סַכָּנָה נִישְׁט בְּלוֹיז דֶעם מַדְפִּיס, נָאר אוֹיךְ דֶעם גַאנְצְן אִידִישְׁן כְּלַל, הָאט עֶר זִיךְ מִיט זֵיי מְיַישֵׁב גֶעוֶוען וָואס צוּ טְהוּן. נָאךְ לַאנְגֶע וִיכּוּחִים אִיז בַּאשְׁלָאסְן גֶעוָוארְן אוֹיסְצוּרִיכְטְן תֵּיכֶף צְוֵויי סְפֶּעצְיֶעלֶע שְׁלוּחִים: אֵיינֶעם אִין דֶעם קִיעֶווער הוֹיפְּט־צֶענְזָאר אוּן דֶעם צְווייטְן קַיין פֶּעטֶערְבּוּרְג מִיט אַ בַּקָשָׁה צוּ דִי דָארְטִיגֶע אִידִישֶׁע עַסְקָנִים, אַז טָאמֶער וֶועט מֶען אִין קִיעֶוו גָארְנִישְׁט קֶענֶען פּוֹעלְן, זָאלְן זֵיי זֶעהְן אָנְוֶוענְדְן אַלֶע מִיטְלֶען צוּ בְּרֵיינְגֶען דִי זַאךְ אִין דִי הֶעכֶערֶע סְפֶערְן.

דֶער סוֹף אִיז גֶעוֶוען, אַז דִי יְשׁוּעָה אִיז גֶעקוּמֶען פוּן קִיעֶוו. דָארְטְן הָאט שׁוֹין אִין יֶענֶער

צייט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ היבשע ראָליע אין דער ביאַקראַטישער וועלט אַ באַוואוסטער משומד גרינבוים-פּיאַדראַוו, וועלכער איז פֿערבליבן כּל ימיו אַ אוהב-ישׂראל. דערוויסנדיג זיך פון דער זיטאָמירער שליחות, האָט ער תּיכף דערלאַנגט אין דער קיעווער הויפּט צענזור אַ בריוו, אין וועלכן ער האָט אויפגעוויזן די גראָבע עם-האָרצישע בעציהונג פון דעם זיטאָמירער צענזאָר צום "תּיקון-שבועות" און האָט אויסגעפּועלט, אַז מען זאָל איהם באַלד אַריינשיקן אַ טעלעגראַפישן באַפעל דורכצולאָזן דעם "תּיקון שבועות" פראַנק און פרייַ צום אַלגעמיינער פאַרקויף. די געפּלאַנטע נסיעה קיין פּעטערבורג, איז שוין ממילא געפונען געוואָרן פאַר איבעריג.

פִינְפְטֶער קַאפִּיטְל: וּבָאוּ כוּלָם

דֶער לֶעצְטֶער טָאג פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ

דֶער שָׁבוּעוֹת אִין זִידִיטְשׁוֹב

דֶער הֵיילִיגֶער מַארְטִירֶער

דֶער לֶעצְטֶער טָאג פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ

דֶער עֶרְשְׁטֶער טָאג שָׁבוּעוֹת, וֶוערְט פַארְרֶעכְנְט אַלְס דֶער יָאהרְצַייט פוּן דֶעם אִידִישְׁן קֶענִיג — דָוִד הַמֶלֶךְ עָלָיו־הַשָׁלוֹם.

לוֹיט דֶער גְמָרָא (מַסֶכֶת שַׁבָּת, דַף ל׳) אוּן דִי מֶדְרָשִׁים, אִיז דֶער דָאזִיגֶער טָאג דַאמָאלְס אוֹיסְגֶעקוּמֶען אִין אַ שַׁבָּת.

מִיר ווילְן דָא בֶּעשְׁרַייבְּן דִי פְּטִירָה פוּן דֶעם דָאזִיגְן אִידִישְׁן גְרוֹיסְן קֶענִיג אוּן וָואס עֶס הָאט פַּאסִירְט אִין דֶעם טָאג פוּן זַיין שְׁטַארְבְּן — לוֹיט ווִי דָאס וֶוערְט בַּאשְׁרִיבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע חַזַ״ל.

*

וֶוען דָוִד הַמֶלֶךְ ע״ה אִיז שׁוֹין אַלְט אוּן שְׁוַואךְ גֶעוָוארְן, הָאט זִיךְ אִיהם פֶערְוָואלְט צוּ ווִיסְן וֶוען

זײַן ענדע װעט קומען און אין װעלכן טאג ער װעט דאַרפן אַװעקגײן פון דער װעלט.

ער האָט װעגן דעם זײַער פיהל תּפלה געטהון און צו ג־ט געבעטן:

— "הודיעני, ה׳ קצי ומדת ימי מה היא? אדעה מה חדל אני?" (תּהילים קאַפּיטל ל״ט, פּסוק ה׳).

— אָט ג־ט! מאַך מיר װיסן מײַן ענד און די צאָל פון מײַנע טעג, לאָמיר װיסן װי פערגענצליך איך בין!...

אָבער השם־יתברך האָט איהם געענטפערט:

— נײן! עס איז נישט מעגליך, אַז איך זאָל דיר דעם װאונטש ערפיהלן, װײַל איך װיל נישט, דאָס אַ מענטש זאָל פריהער װיסן דעם טאג פון זײַן טױט...

— איז אפשר מעגליך — האָט זיך דוד המלך װײַטער געבעטן — אַז איך זאָל כאָטש װיסן אין װעלכן טאג פון װאָך עס װעט מיר אױסקומען זיך צו געזעגענען מיט דער װעלט?

— יָא, דֶער טָאג פוּן דַיין שְׁטַארְבְּן — הָאט אִיהם דֶער רִבּוֹנוֹ־שֶׁל־עוֹלָם גֶעעֶנְטְפֶערְט — וֶועט אוֹיסְקוּמֶען אוּם שַׁבָּת.

— עֶס וָואלְט מִיר אָבֶער לִיבֶּערְשְׁט גֶעוֶועןְ צוּ שְׁטַארְבְּן אֵיין טָאג שְׁפֶּעטֶער, אוּם זוּנְטָאג.

— דָאס קֶען נִישְׁט גֶעשֶׁעהן — הָאט אִיהם קוּדְשָׁא־בְּרִיךְ־הוּא גֶעעֶנְטְפֶערְט — וַוייל אִיךְ הָאבּ בַּאשְׁטִימְט אוֹיף דֶעם טָאג דִי הֶערְשַׁאפְט פוּן דַיין זוּהן אוּן נָאכְפָאלְגֶער, שְׁלֹמֹה, זָאל זִיךְ אָנְהוֹיבְּן אִין אַ זוּנְטָאג.

— אוֹיבּ אַזוֹי — הָאט זִיךְ דָוִד וַוייטֶער גֶעטַעֲנֶה׳ט — וִויל אִיךְ אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּם עֶרֶב שַׁבָּת.

— נֵיין! דָאס וִויל אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט — אִיז גֶעוֶוען דִי לֶעצְטֶע תְּשׁוּבָה — פַאר וָואס זָאל אִיךְ אָפְּקִירְצְן דַיין וֶוערְטְפוּלְן לֶעבְּן מִיט אַ טָאג? עֶס אִיז מִיר דָאךְ לִיבֶּערְשְׁט אוּן אַנְגֶענֶעהמֶער אֵיין אֵיינְצִיגֶער טָאג אוּן אֵיין אֵיינְצִיגֶע תְּפִילָה וָואס דוּ בִּיסְט צוּ מִיר מִתְפַּלֵל, מֶעהר וִוי טוֹיזְנְט קָרְבָּנוֹת, וָואס דַיין זוּהן שְׁלֹמֹה וֶועט פַאר מַיין כָּבוֹד׳ס וֶועגְן

מַקְרִיב זַיין אִין דֶעם נַייעֶם בֵּית הַמִקְדָשׁ...

דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט שׁוֹין אִיצְט גֶעשְׁוִויגְן אוּן מֶעהר נִישְׁט גֶעבֶּעטְן בַּיי גָ־ט. עֶר הָאט שׁוֹין גֶעוואוּסְט דָאס זַיין בֶּעשְׁטִימְטֶער טָאג וֶועט זַיין אוּם שַׁבָּת אוּן דֶערְפַאר הָאט עֶר יֶעדְן שַׁבָּת גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה, כְּדֵי זַיין נְשָׁמָה זָאל קוּמֶען אַ רֵיינֶע אוּן אַ קְלָאהֶרֶע אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט.

אוּן וֶוען עֶס אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען אַ שַׁבָּת אוּן דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט נָאךְ אִיהם אִיבֶּערְגֶעלֶעבְּט, הָאט עֶר אִין אָווְנְד גֶעמַאכְט אַ גָאר גְרוֹיסֶע סְעוּדָה. דָאס אִיז נָאךְ פַארְבְּלִיבְּן בִּיז צוּם הַיינְטִיגְן טָאג, אַלְס אַ אָנְדֵיינְקֶען אִין דֶעם גְרוֹיסְן אִידִישְׁן מֶלֶךְ אוּן מֶען מַאכְט נָאךְ הַיינְט אַזֶעלְכֶע סְעוּדוֹת. זֵיי זַיינֶען בֶּעקַאנְט אוּן בַּאוואוּסְט מִיטְן נָאמֶען ״מְלַוֶה מַלְכָּה״, אָדֶער סְעוּדַת דָוִד הַמֶלֶךְ אוּן דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי טַעֲמִים פוּן דִי דָאזִיגֶע סְעוּדָה, אוֹיסֶער דֶערְפַאר וָואס מֶען בַּאגְלֵייט דֶעם שַׁבָּת.

אַ צַייט שְׁפֶּעטֶער, וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין גֶעקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע צַייט, וָואס דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט גֶעזָאלְט שְׁטַארְבְּן, אִיז דָאס טַאקֶע גֶעוֶוען אוּם אַ שַׁבָּת אוּן

דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת הָאט בַּאקוּמֶען אַ בַּאפֶעהל, דָאס עֶר זָאל אִיצְטֶער דָוִד׳ס נְשָׁמָה בְּרֵיינְגֶען אִין הִימְל.

לַייכְט אִיז אִיהם — כָאטְשׁ עֶר אִיז שׁוֹין זַייט טוֹיזְנְטֶער יָאהרְן זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶענִיט אִין אַזֶעלְכֶע זַאכְן, — אָבֶּער דָאךְ נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען, וַוייל וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם קֶענִיג אִין פַּאלַאץ אַרַיין, הָאט עֶר אִיהם אָנְגֶעטְרָאפְן עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה. זַיינֶע לִיפְּן הָאבְּן אֲפִילוּ אוֹיף אֵיין מִינוּט נִישְׁט גֶערוּהט אוּן זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען זַיינֶען גֶעוֶוען פֶּערְטְרַאכְט אִין גָ־ט׳ס תּוֹרָה. דֶערְפַאר הָאט דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אוֹיף אִיהם קֵיין שְׁלִיטָה נִישְׁט גֶעהַאט אוּן אִיהם גָאר נִישְׁט גֶעקֶענְט טְהוּן...

עֶס זַיינֶען אַוֶועק אַ שְׁטוּנְדֶע אוּן צְוֵויי אוּן דֶער מַלְאָךְ הַמָּוֶת אִיז שׁוֹין מִיד גֶעוָוארְן וַוארְטְנְדִיג אוּן דֶערְצוּ הָאט עֶר אוֹיךְ זֵייעֶר קֵיין צַייט נִישְׁט גֶעהַאט, וַוייל עֶר אִיז שְׁטֶענְדִיג זֵייעֶר פַּארְנוּמֶען, אוֹיסְפִיהרְנְדִיג גָ־ט׳ס שְׁלִיחוּת, צוּ בְּרֵיינְגֶען דִי מֶענְטְשְׁלִיכֶע נְשָׁמוֹת אִין גַן־עֵדֶן אָדֶער אִין גֵיהִנוֹם אַרַיין — לוֹיט ווִי זֵיי הָאבְּן זִיךְ אַלֵיין פַארְדִינְט. — עֶר הָאט זִיךְ דֶערְפַאר אַ עֵצָה גֶעגֶעבְּן (עֶר הָאט שׁוֹין גֶענוּג עֶרְפַאהרוּנְג אִין אַזֶעלְכֶע זַאכְן).

ער איז אַרויף אויף אײנע פון די בוימער פון דעם גאָרטן, און דאָרטן, צווישן די צווייגן, האָט ער אָנגעמאַכט אַזאַ גרויסן רעש, דאָס דער קעניג האָט דאָס געמוזט דערהערן, און ער איז נײַגעריג געוואָרן זיך צו דערוויסן וואָס דאָרטן אין דרויסן טהוט זיך. ער האָט דערפאַר באַשלאָסן אַלײן אַרונטער צו גײן אין גאָרטן, כּדי צו זעהן וואָס דאָרטן טהוט זיך.

דאָס איז געווען וואָס דער מַלְאָךְ הַמָּוֶת האָט געוואָלט אויספיהרן. מעהר האָט ער שוין נישט געדאַרפט. קוים איז דער קעניג אַרונטערגעגאַנגען אײן אײנציגן טרעפּל פון זײַן פּאַלאַץ, איז דאָס געווען אַ סיגנאַל פאַרן מַלְאַךְ הַמָּוֶת, אַז ער האָט שוין די גאַנצע שְׁלִיטָה איבער איהם.

אַ טרעפּל האָט זיך איצט איבערגעבראָכן און דָוִד הַמֶּלֶךְ האָט אין דער סעקונדע מַפְסִיק געווען פון לערנען. דאַן איז ער אַראָפּגעפאַלן און איז שוין געבליבן ליגן אַ טויטער אויפן אָרט...

דער מַלְאַךְ הַמָּוֶת איז מיט דער רײנער נְשָׁמָה גלײַך אַוועק אין הימל אַרײַן...

עֶס אִיז בַּאלְד אִין קֶענִיגְלִיכְן פַּאלַאץ גֶעוָוארְן אַ גְרוֹיסֶער רַעַשׁ אוּן גֶעלוֹיפֶערַיי, וֶוען דָאס אוּמְגְלִיק אִיז גֶעשֶׁעהן מִיט דָוִד הַמֶלֶךְ. אַ פָּאר מִינוּט שְׁפֶּעטֶער אִיז דָארְטְן גֶעוֶוען דֶער יוּנְגֶער זוּהן שְׁלֹמֹה (דֶער שְׁפֶּעטֶערֶער קֶענִיג), אוּן אוֹיךְ אַלֶע זִיבֶּעצִיג סַנְהֶדְרִין אוּן דִי רַאטְס־אוּן־הוֹיפְס־הֶערְן פוּן דֶעם קֶענִיגְלִיכְן פַּאלַאץ.

אִין אָנְפַאנְג הָאט שְׁלֹמֹה גֶעוָואלְט גֶעבְּן אַ בַּאפֶעהל צוּ דִי בֶּעדִינְטֶע, אַז זֵיי זָאלְן דֶעם פַארְשְׁטָארְבֶּענֶעם קֶענִיג אַרַיינְנֶעמֶען אִין פַּאלַאץ, כְּדֵי עֶר זָאל נִישְׁט לִיגְן אִין דְרוֹיסְן, אוּן פֶערְדָארְבְּן וֶוערְן פוּן דֶער זֵייעֶר שְׁטַארְקֶער בְּרֶענֶענְדֶער זוּן...

אָבֶער דָא הָאבְּן זִיךְ תֵּיכֶף אַרַיינְגֶעמִישְׁט דִי סַנְהֶדְרִין, אוּן זֵיי הָאבְּן אִיהם נִישְׁט גֶעלָאזְט אוֹיסְפִיהרְן זַיין ווּאוּנְטְשׁ.

— נֵיין, — הָאבְּן זֵיי גֶעזָאגְט — עֶס אִיז גֶעגְן דֶעם דִין, אַ טוֹיטְן קֶערְפֶּער צוּ רִיהרְן פוּן זַיין אָרְט, אִין דֶעם טָאג פוּן שַׁבָּת. אֲפִילוּ קֵיין אֵיינְצִיגְן אֵבֶר פוּן טוֹיטְן, טָאר מֶען נִישְׁט רִיהרְן פוּן זַיין אָרְט.

— װאָס דען זאָל איך טהון? — האָט שלמה איצט געפרעגט, מיט אַ שטימע װעלכע איז געװען דורכגעװײקט מיט טרעהרן און געװײן — מען קען דאָך דעם קערפּער פון מײן טײערן פּאַטער נישט לאָזן אַזױ ליגן דורכן גאַנצן טאָג!...

— עס איז פאַרהאַנען אַ עצה — האָט דער ראש הסנהדרין געענטפערט — הײס דײנע בעדינטע, דאַס זײ זאָלן אױף דעם קערפּער אַװעקלײגן אַ ברױט, אָדער נאָך אַ לעבעדיג קינד, איצט װעט שױן דערלױבט זײן דעם טױטן קערפּער אַרײנצוטראָגן אין פּאַלאַץ, װײל נישט דעם מת װעלן זײ טראָגן, נאָר דאַס ברױט, אָדער דאַס קינד...

אין דער זעלבער צײט װאָס שלמה האָט געהײסן אױספיהרן דעם באַפעהל פון די סנהדרין, האָט זיך פּלוצים, דערהערט דאַס זײער שטאַרקע געבילערײ פון די יאַגד־הינד, װעלכע זײנען געװען אין דער קעניגליכער שטאַל. זײ האָבן זיך אַזױ שטאַרק געלאָזט הערן, װײל זײ זײנען פּשוט געװען זײער הונגעריג.

— מען האָט נעכטן געמוזט פאַרגעסן —

הָאט זִיךְ שְׁלֹמֹה גֶעוֶוענְדֶעט צוּם עֶלְטְסְטְן פוּן דִי סַנְהֶדְרִין — צוּ צוּשְׁנַיידְן דָאס פְלֵייש פַאר דִי הִינְד, פַאר זֵייעֶרֶע טֶעגְלִיכֶע פָארְצִיֶעס. מֶעג מֶען אִיצְט צוּשְׁנַיידְן אַ גֶעפֵייגֶערְטְן אָקְס, כְּדֵי מִיט זַיין פְלֵייש צוּ פִיטֶערְן דִי הִינְד?

— וָואס פַאר אַ פְרַאגֶע אִיז דָאס? — הָאט דֶער רֹאשׁ הַסַנְהֶדְרִין גֶעעֶנְטְפֶערְט — עֶס אִיז זֶעלְבְּסְט פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ אַז מֶען מֶעג. דִי הִינְד זַיינֶען דָאךְ אַייעֶרֶע בַּאשֶׁעפֶענִישְׁן.

— אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין? — הָאט אֵיינֶער גֶעפְרֶעגְט — בַּארֶעכְנְט זִיךְ נָאר גוּט; אָט לִיגְט דָא פַאר אוּנְז אוּנְזֶער גֶעלִיבְּטֶער קֵייסֶער וָועלְכֶער אִיז, עֶרְשְׁט מִיט אַזַא קוּרְצֶער צַייט צוּרִיק גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער אוּן מֶעכְטִיגֶער קֶענִיג. קוֹים אִיז נָאר זַיין נְשָׁמָה פוּן אִיהם אַרוֹיס אוּן עֶר קֶען זִיךְ מֶעהר נִישְׁט בַּאוֶועגְן, טָאר מֶען אִיצְט זַיין קֶערְפֶּער נִישְׁט אַוֶועקְרִיהְרְן פוּן אָרְט, אוּן אִיהם אַרֵיינְטְרָאגְן אִין פַאלַאץ, כְּדֵי דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן דֶעם שַׁבָּת זָאל, חָלִילָה, נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט וֶוערְן. אָבֶּער פוּן פַאסְקוּדְנֶע הִינְד'ס וֶועגְן, אַז זֵיי זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ פְרֶעסְן, מֶעג מֶען יָא הַאקְן פְלֵייש, אוּן פוּן

זײערטװעגן מטלטל זײן אַ נבֿלה?...

— אַזױ איז עס! — האָבן די סנהדרין איהם געענטפערט — אַזױ איז דאָס געזעץ, און קײן שום מענטש האָט נישט קײן רעכט, עס צו מאַכן אַנדערש.

און שלמה המלך האָט דערױף אָנגעשריבן אין קהלת:

— "כי לכלב חי הוא טוב מן האריה המת" (קהלת, קאַפּיטל ט׳, ד׳).

— פאַר אַ לעבעדיגער הונד, איז בעסער װי פאַר אַ טױטער לײב!...

*

אָט דאָס איז געװען די ענדע פון אײנעם װאָס איז געװען פון די גרעסטע און װיכטיגסטע פון אַלע אידישע קעניגן... און עס איז זיכער כּדאַי, דאָס יעדער מענטש זאָל זיך דערפון אַראָפּנעמען אַ מוסר־השׂכּל...

דֶער שָׁבוּעוֹת אִין זִידִיטְשׁוֹיב

די גֶעהוֹיבֶּענֶע חֲסִידִים פוּן דֶעם זִידִיטְשׁוֹיבֶער צַדִיק רַבִּי אַייזִיקְל זצ"ל פְלֶעגְן זִיךְ תָּמִיד מִשְׁתַּדֵל זַיין צוּ זַיין בַּיי זֵייעֶר רֶבִּין אוֹיף שָׁבוּעוֹת. אוּן גֶעטְהוּן הָאבְּן זֵיי עֶס מִכַּמָה טַעֲמִים. עֶרְשְׁטְנְס הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט זַיין בַּיים צַדִיק אִין דֶעם טָאג, וֶוען מֶען פַּייעֶרְט דֶעם זְמַן מַתַּן תּוֹרָתֵנוּ — קַבָּלַת הַתּוֹרָה. וְהַשֵׁנִית הָאבְּן זֵיי גֶעווּאוּסְט. אַז אִין דֶעם דָאזִיגְן טָאג, אִיז אַ שְׁעַת רָצוֹן פַאְרן בּוֹרֵא עוֹלָם אוּן דֶער צַדִיק ז"ל אִיז בְּכֹחַ פּוֹעֵל יְשׁוּעוֹת צוּ זַיין. הַיינְט ווִי גְרוֹיס אִיז דֶער זְכוּת צוּ זָאגְן "תִּקוּן שָׁבוּעוֹת" בַּיים צַדִיק אוּן צוּמָארְגְנְס טַאקֶע הֶערְן דִי הוֹיכֶע עִנְיָנִים פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וֶוען דֶער צַדִיק הָאט פַאְרן עוֹלָם תּוֹרָה גֶעזָאגְט.

אוּן דֶערְפַאר אִיז אִין דֶער שָׁבוּעוֹת־יוֹם־טוֹב תָּמִיד גֶעוֶוען בַּיים צַדִיק אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם.

הונדערטער חסידים פון נאנטע און ווייטע מקומות פלעגן זיך צונויפפארן אהין און זיך משמח זיין, וואס השם יתברך האט זיי מזכה געווען צו קענען פראווען שבועות ביים רבין.

*

און אזוי ווי אלע מאל. איז אויך א גרויסע עדה געקומען צום צדיק אום שבועות אין דעם יאהר תרל"ב. אבער די שטענדיגע שמחה, וואס מען האט אין זידיטשוב תמיד געזעהן אין דעם הייליגן טאג, איז שוין נישט געווען צו זעהן. דער גרויסער צדיק איז דאן שוין קראנק געווען און די מחלה האט זיך אזוי גובר געווען, אז דער צדיק האט געמוזט ליגן צום בעט. מען האט געפיהלט בחוש, אז א גרויסער טרויער טאג רוקט זיך אן פאר די חסידים, אז מען וועט זיך באלד מוזן שיידן מיט דעם מנהיג הדור.

און ביים זאגן תיקון שבועות, ווען תמיד האט דער עולם מיט גרויס התלהבות געקליבן תענוג וויסנדיג אז זיי האבן איימיצן וואס וועט אויף זיי מעורר רחמים זיין און פאר זיי ביי א עת צרה ביישטיין, ווען מען האט געוואוסט, אז דער צדיק

אִיז מְתַקֵּן דִי נְשָׁמוֹת פוּן זַיינֶע חֲסִידִים אוּן בֶּעט פַאר דֶעם כְּלַל יִשְׂרָאֵל, אִיז מֶען גֶעזֶעסְן מִיט דִי קֶעפּ אַרוּנְטֶערְגֶעלָאזְן אוּן קֵיין וָוארְט צְוִוישְׁן זִיךְ נִישְׁט גֶערֶעדְט. דָאס הַארְץ הָאט גֶעקְלַאפְּט, דִי אוֹיגְן הָאבְּן גֶעטְרֶערְט אוּן דִי מַחֲשָׁבָה הָאט גֶענָאגְט. אָט קוּמְט דֶער מָארְגְן, וֶוען דֶער עוֹלָם הָאט גֶעקְלִיבְּן קְדוּשָׁה פוּן צַדִּיק'ס הִתְלַהֲבוּת בַּיים דַאוְונֶען אוּן אִיצְט אִיז עֶר קְרַאנְק, קֶען פוּן בֶּעט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהוֹיבְּן. וָואס וֶועט זַיין? וֶועט זִיךְ דֶער בּוֹרֵא בָּרוּךְ הוּא מְרַחֵם זַיין אוּן נָאךְ זֵיי אִיבֶּערְלָאזְן זֵייעֶר רֹאשׁ אָדֶער חָלִילָה — אוּן וַוייטֶער טְרַאכְטְן הָאט מֶען נִישְׁט גֶעקֶענְט.

*

אוּן דֶער צַדִּיק אַלֵיין אִיז אִין זַיין חֶדֶר מְיוּחָד גֶעלֶעגְן אוּן גָארְנִישְׁט גֶערֶעדְט. וֶוער וֵוייס מִיט וָואס זַיינֶע הֵיילִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת זַיינֶען פַארְנוּמֶען גֶעוֶוען?

אוּן אוֹיף מָארְגְן הָאט דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִין שׁוּהל מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען פַאר זֵייעֶר רֶבִּינְס גֶעזוּנְט. גֶעבֶּעטְן דֶעם אָב הָרַחֲמִים עֶר זָאל זִיךְ אִיבֶּער זֵיי דֶערְבַּארִימֶען אוּן נִישְׁט אָוֶועקְנֶעמֶען פוּן זֵיי זֵייעֶר

מַנְהִיג, זֵייעֶר פַארְזָארְגֶער.

אָבֶער עֶס זֶעהט אוֹיס אַז דֶער צַדִיק אַלֵיין הָאט שׁוֹין גֶעוואוּסְט זַיין צוּשְׁטַאנְד. אַלֶע וַוייטֶע פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְהוֹיבְּן זַיינֶע הֵיילִיגֶע הֶענְט צוּם פֶענְסְטֶער אוּן צוּ דִי מְקוֹרָבִים זָאגְן: "קוּקְט נָאר אָן דִי גְרָאבֶּע וֶועלְט"...

*

גֶעוֶוען אִיז עֶס דֶעם צְוֵוייטְן טָאג שָׁבוּעוֹת. דֶער עוֹלָם הָאט שׁוֹין גֶעוואוּסְט, אַז דֶעם צַדִיק׳ס צוּשְׁטַאנְד אִיז עֶרְגֶער גֶעוָוארְן. אָבֶער דִי הָאפְנוּנְג אוֹיפְגֶעבְּן — חָלִילָה וְחַס. דִי מְקוֹרָבִים אוּן דִי גָאר גֶעהוֹיבֶּענֶע חֲסִידִים זַיינֶען גֶעוֶוען פַארְזַאמֶלְט בַּיים צַדִיק אִין חֶדֶר אוּן שְׁטִיל גֶעקוּקְט אוֹיף זֵייעֶר רֶבִּין.

פְּלוּצְלוּנְג הָאט דֶער צַדִיק זִיךְ אַ הוֹיבּ גֶעגֶעבְּן פוּן אָרְט, ווִי עֶר וָואלְט נַייֶע כּוֹחוֹת בַּאקוּמֶען אוּן הָאט גֶענוּמֶען זָאגְן תּוֹרָה, עֶר הָאט גֶערֶעדְט וֶועגְן דֶעם הוֹיכְן עִנְיָן פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וֶועגְן דֶעם גְרוֹיסְן זְכוּת פוּן דֶעם אִידִישְׁן פָאלְק, וָואס הָאט פוּן רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ דִי תּוֹרָה הַקְדוֹשָׁה בַּאקוּמֶען, וֶועגְן דֶעם עִנְיָן פוּן "נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע",

וָואס דָאס פָּאלְק יִשְׂרָאֵל הָאט אוֹיסְגֶערוּפְן דֶעם נַעֲשֶׂה פַאְרן נִשְׁמַע, וַוייל וֶוען הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא זָאגְט עֶפֶּעס זַיין פָּאלְק יִשְׂרָאֵל, דַארְף מֶען נִישְׁט הֶערְן פַאר דֶעם נָאר גְלַייךְ טְהוּן, וַוייל עֶר אִיז כּוּלוֹ רַחֲמִים און וָואס עֶר הֵייסְט טְהוּן אִיז פַאר דֶער טוֹבָה פוּן זַיין פָּאלְק א.ד.ג. — הוֹיכֶע עִנְיָנִים, וָואס טְרָאגְן אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשְׁן בְּרוּמוֹ שֶׁל עוֹלָם.

און וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעעֶנְדִיגְט זַיין תּוֹרָה זָאגְן, הָאט עֶר פְּלוּצְלוּנְג בַּאפוֹילְן אַ בַּאזוּנְדֶער שְׁטוּל בְּרֵיינְגֶען און גֶעבְּן בֶּעטְל אַוֶועקְשְׁטֶעלְן.

— און יֶעצְט — הָאט דֶער צַדִיק דֶעם עוֹלָם בַּאפוֹילְן — גֵייט אַלֶע אַרוֹיס. מִיר בְּרוֹיכְן אַלֵיין בְּלַייבְּן.

דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם, וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פַארְגַאפְּט און דִי הֵיילִיגֶע דִבּוּרִים פוּן צַדִיק גֶעהֶערְט, אִיז אַרוֹיס. אַ וַויילֶע הָאט גֶעהֶערְשְׁט אַ שְׁטִילְקַייט אִין רֶבִּינְס חֶדֶר.

פְּלוּצְלוּנְג הָאבְּן דִי לַייט, וָואס הָאבְּן זִיךְ גֶעבְּן דֶעם צַדִיק'ס חֶדֶר גֶעפוּנֶען, דֶערְהֶערְט, ווִי מֶען רֶעדְט אִין חֶדֶר פוּן צַדִיק, אָט הֶערְט מֶען דֶעם

צַדִיק׳ס קוֹל און אָט הֶערְט מֶען אַ אַנְדֶער קוֹל. וָואס מֶען רֶעדְט וֵוייס מֶען נִישְׁט, אָבֶער רֶעדְן הֶערְט מֶען. שְׁטֵייעֶן אַלֶע פַארְגַאפְּט. וֵוייס מֶען דָאךְ אַז קֵיין יְלוּד אִשָּׁה אִיז אוֹיסֶערְן צַדִיק אִין חֶדֶר נִישְׁט פַארְבְּלִיבְּן. פַארְשְׁטֵייט מֶען שׁוֹין אַז דָא קוּמְט פָאר אַ שֶׁלֹא בְּדֶרֶךְ הַטֶבַע׳דִיגֶע מַעֲשֶׂה. מֶען לֵייגְט צוּ צוּם טְהִיר אַ אוֹיעֶר, מֶען וויל כַאפְּן אַ וָוארְט — מֶען קֶען אָבֶער דֶעם שְׁמוּעֶס נִישְׁט דֶערְהֶערְן.

אִיבֶער אַ שָׁעָה הָאט מֶען דֶעם שְׁמוּעֶס גֶעהֶערְט, דַאן אִיז אַלְץ שְׁטִיל גֶעוָוארְן, און בַּאלְד הָאט זִיךְ דֶערְהֶערְט דֶער צַדִיק׳ס קוֹל, וְוי עֶר רוּפְט צוּ זִיךְ זַיינֶע מְקוֹרָבִים. זֵיי זַיינֶען אַרַיין.

לַאנְג זַיינֶען דִי מְקוֹרָבִים גֶעשְׁטַאנֶען און גֶעוַוארְט דֶער צַדִיק זָאל זֵיי עֶפֶּעס זָאגְן. זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט וִויסְן, וֶוער אִיז עֶס גֶעוֶוען דֶער גְרוֹיסֶער אוֹרֵחַ, מִיט וֶועמֶען דֶער צַדִיק הָאט גֶערֶעדְט.

עֶרְשְׁט שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט הָאט דֶער צַדִיק זַיינֶע בְּנֵי בַּיִת צוּזַאמֶענְגֶערוּפְּן און בַּאטְרַאכְטְנְדִיג אַלֶעמֶען הָאט עֶר צוּגֶערוּפְן דִי גָאר נָאהֶנְטֶע און שְׁטִיל אוֹיסְגֶערוּפְן:

— הֵייסְט עֶס, אַז מָארְגְן וֶועלְן מִיר וֶוערְן פָּטוּר פוּן מִצְוֹות.

וָואס דִי דִבּוּרִים הָאבְּן גֶעמֵיינְט אִיז זִיךְ לַייכְט פָּארְצוּשְׁטֶעלְן. הֵייסְט עֶס אַז מָארְגְן גֵייט עֶר זֵיי פַּארְלָאזְן.

אוּן וֶוען דֶער צַדִיק הָאט גֶעזֶעהְן וִוי פַּארְשְׁטֵיינֶערְט זַיינֶע גָאר נָאהֶנְטֶע זַיינֶען פוּן דִי וֶוערְטֶער גֶעוָוארְן, הָאט עֶר אַ זָאג גֶעטְהוּן:

— אִיהר דַארְפְט לַחֲלוּטִין זִיךְ נִישְׁט מְצַעֵר זַיין. אוּנְזֶער גְרוֹיסֶער פֶעטֶער רַבִּי הֶערְשֶׁעלֶע ז״ל אִיז דָא פְרִיהֶער גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אוּן הָאט עֶס אוּנְז גֶעזָאגְט.

עֶרְשְׁט יֶעצְט הָאט מֶען פַּארְשְׁטַאנֶען וֶוער עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶער אוֹרֵחַ מִיט וֶועמֶען דֶער צַדִיק הָאט גֶערֶעדְט. דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רַבִּי הֶערְשֶׁעלֶע זִידִיטְשׁוֹיבֶער ז״ל, וֶועלְכֶער אִיז שׁוֹין לַאנְג אוֹיף דֶעם עוֹלָם הָאֱמֶת גֶעוֶוען, אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק אוֹיף אַ בַּאזוּךְ אוּן מִן הַסְתָּם גֶעהָאלְפְן זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ דֶער צַייט, וֶוען עֶר דַארְף דֶעם עוֹלָם הַשָׁפָל פַּארְלָאזְן.

אויף מאָרגן נאָך שָבועות בייִנאַכט, אין יאָהר תרל"ב, האָט דער גרויסער צדיק פאַרלאָזט זייִנע חסידים און איז אַוועק אין יענעם עולם, וואו עס איז כולו טוב.

דֶער הֵיילִיגֶער מַארְטִירֶער

וֶוען מֶען הָאט בֶּעזוּכְט דֶעם אַלְטְן הִיסְטָארִישְׁן בֵּית־עוֹלָם אִין ווילְנָא, הָאט גֶעצוֹיגְן אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט אַ נִידְרִיג גֶעמוֹיעֶרְטֶער אוֹהֶל, אִין וֶועלְכְן עֶס הָאט גֶעפוּנֶען אִיהר אֵייבִּיגֶע רוּהֶ דָאס אַשׁ פוּן דֶעם גְרַאף וַואלֶענְטִין פָּאטָאצְקִי.

פֶערְשִׁידְן זַיינֶען דִי מַעֲשִׂיוֹת וָואס וֶועבְּן זִיךְ אַרוּם דֶער פֶערְהֵיילִיגְטֶער גֶעשְׁטַאלְט פוּן אָט דֶעם מֶערְקְווירְדִיגְן גֵר־צֶדֶק, וֶועלְכֶער הָאט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דֶעם גְרַאף־טִיטוּל, פֶערְלָאזְט דִי רַייכֶע פְרִיצִישֶׁע פַּאלַאצְן אוּן זִיךְ בַּאהֶעפְט מִיט דִי אָרִימֶע, פַארְחוֹשֶׁךְ'טֶע גֶעטָא־אִידְן. נָאךְ בִּיז הַיינְטִיגְן טָאג אִיז זַיין גֶעשְׁטַאלְט אַיינְגֶעהִילְט אִין אַ טִיפְן שְׁלַייעֶר. ווִי עֶס הֵייסְט, זָאל דִי צֶענְזוּר, אוּנְטֶערְן דְרוּק פוּן דִי פָּאטָאצְקִיס, הָאבְּן פֶערְוֶוערְט

צו שרייבן דערוועגן, און ביזן היינטיגן טאג ערלויבן נישט די פאטאצקיס די היסטאריקער צו כאפן א בליק אין זייער פאמיליען־ארכיוו פון יענער צייט, ווען דאס געשעהעניש מיטן אננעמען דעם אידישן גלויבן דורך וואלענטין פאטאצקי, האט זיך אבגעשפילט. א קליינינקייט, א זוהן פון די מעכטיגע פאטאצקיס זאל אוועק צו די, וועלכע מען האט בעטראכט פאר עפעס מינדערוויכטיגע בעשעפענישן, וועלכע זיינען דא אויף דער וועלט נאר צו דינען דעם "יאשניע־פאן" און זיי לעבן אין זייער חסד. איז טאקע די בושה גרויס. דאס פנים פלאמט פאר חרפה. איז דעריבער די איינציגע עצה: פערשוויגן די גאנצע זאך. נישט דערלאזן עס זאל אריין אין די געשיכטע־ביכער און אזוי ארום וועט עס אין לויף פון דורות פערגעסן ווערן.

אבער אומפערגעסליך איז זיין נאמען פערבליבן אין מויל פון אידישן פאלק. פון דור צו דור, פון פאטער צו זוהן, ווערט מיט א הייליגקייט־ציטער איבערגעגעבן די העלדן און מערטירער געשיכטע פון גראף וואלענטין פאטאצקי, וועלכער איז געווארן בעשטראלט פון דעם ליכט פון דער אידישער אמונה און האט פאר זיינע איבערצייגונגען געאפפערט זיין לעבן.

גֶעוֶוען אִז עֶס מִיט אַ צְוֵויי הוּנְדֶערְט יָאהר צוּרִיק. אִין ווִילְנָא הָאט דֶעמָאלְס גֶעוואוֹינְט דֶער גְרַאף סְטַאנִיסְלַאוו פָּאטָאצְקִי, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ גֶערֶעכְנְט פוּן דִי אָנְגֶעזֶעהֶענְסְטֶע אַדֶעל-פַאמִילְיֶעס אִין פּוילְן. ווִי דָאס רוֹב פּוילִישֶׁע פִּירְשְׁטְן, הָאט אוֹיךְ פָּאטָאצְקִי זִיךְ נִישְׁט אוֹיסְגֶעצֵייכְנְט מִיט קֵיין אִיבְּרִיגֶע אִידְן פְרַיינְדְלִיכְקֵייט און זַיין אֵיינְצִיגְן זוּהן וַואלֶענְטִין הָאט עֶר גֶעגֶעבְּן אַ שְׁטְרֵיינְג קַאטוילִישֶׁע עֶרְצִיהוּנְג.

וַואלֶענְטִין אִיז גֶעוֶוען אַ זֵייעֶר גֶערָאטְן קִינְד. עֶר הָאט שְׁטוּדִירְט אִין ווִילְנָא אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט, זַייעֶנְדִיג אֵיינֶער פוּן דִי בֶּעסְטֶע שִׁילֶער, און שׁוֹין דַאן הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעוִויזְן אַ בֶּעזוּנְדֶערֶע פֶערְאִינְטֶערֶעסִירוּנְג מִיט רֶעלִיגְיֶעס-פִילָאזָאפִישֶׁע פְרַאגְן. עֶלְטֶער וֶוערְנְדִיג שִׁיקְט אִיהם זַיין פָּאטֶער קֵיין פַּארִיז, וואוּ עֶס הָאבְּן זִיךְ דַאן גֶעפוּנֶען דִי גְרֶעסְטֶע אוּנִיוֶערְזִיטֶעטְן פָארְצוּזֶעצְן זַיין שְׁטוּדִיוּם.

אִין פַּארִיז הָאט וַואלֶענְטִין פָּאטָאצְקִי שְׁטוּדִירְט טֶעאָלָאגְיֶע, צוּגְרֵייטְנְדִיג זִיךְ אַרַיינְצוּטְרֶעטְן אִין דָארְטִיגְן גַלָחִים-סֶעמִינַאר. און

אָט דָא אִיז פְּלוּצְלוּנְג גֶעקוּמֶען אַ אִיבֶּערְבְּרָאךְ אִין זַיינֶע בִּיז אִיצְטִיגֶע רֶעלִיגִיעֶזֶע אִיבֶּערְצַייגוּנְגֶען, וָואס אִין רֶעזוּלְטַאט דֶערְפוּן, הָאט עֶר אִינְגַאנְצְן פֶערְלָאזְט דֶעם קְרִיסְטְלִיכְן גְלוֹיבְּן.

גֶעשֶׁעהֶן אִיז עֶס אַזוֹי: אֵיינְמָאל אִין אַ זוּמֶערְדִיגְן נָאכְמִיטָאג, שְׁפַּאצִירְנְדִיג אִין אִידְן קְוַוארְטַאל אִין פַּארִיז, אִיז וַואלֶענְטִין צוּפֶעלִיג אַרַיין אִין אַ אִידִישׁ הוֹיז, וואוּ עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אַלְטְן אִיד לֶערְנֶען מִיט אַ אִינְגְל. הָאט דָאס אִיהם שְׁטַארְק פֶערְאִינְטְרֶעסִירְט, און כָאטְשׁ דִי שְׁפְּרַאךְ פוּן דִי לֶערְנֶענְדִיגֶע אִיז אִיהם גֶעוֶוען אוּנְפֶערְשְׁטֶענְדְלִיךְ, אִיז עֶר דָאךְ גֶעשְׁטַאנֶען וִוי צוּגֶעשְׁמִידְט אוֹיף זַיין אָרְט, נִישְׁט אַרָאבְּלָאזְנְדִיג זַיינֶע בְּלִיקְן פוּן אַלְטְן גְרַייז־גְרוֹיעֶן אִיד און זַיינֶע הַאנְד־בֶּעוֶועגוּנְגֶען בַּיים לֶערְנֶען.

וֶוען דֶער אַלְטֶער הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דָאס לֶערְנֶען, הָאט פָּאטָאצְקִי פֶערְפִיהרְט מִיט אִיהם אַ שְׁמוּעֶס, וֶועגְן פֶערְשִׁידֶענֶע רֶעלִיגִיעֶזֶע פְרַאגְן, וֶועלְכֶע הָאבְּן אִיהם לֶעצְטְנְס נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין רוּה. דֶער אַלְטֶער הָאט אִיהם אוֹיפְגֶעקְלֶערְט זַיינֶע סְפֵקוֹת לוֹיט דֶער הַשְׁקָפָה פוּן יַהֲדוּת, בֶּעקֶענֶענְדִיג

אִיהם גְלַייכְצַייטִיג מִיט דִי הוֹיפְּט־יְסוֹדוֹת פוּן דֶער אִידִישֶׁער אֱמוּנָה, וָואס אִיז פַאר פָּאטָאצְקִין, אַ זוּהן פוּן פּוֹילִישְׁן אַדֶעל, עֶרְצוֹיגְן אוֹיף דֶער שׂוֹיס פוּן יֶעזוּאִיטִיזְם, גֶעוֶוען מַמָשׁ אַ עֶנְטְפְּלֶעקוּנְג.

הָאבְּן דָאךְ זַיינֶע יוּגְנְד־עֶרְצִיהֶער אִין אִיהם אַיינְגֶעהַזֶרְט דֶעם גֶעדַאנְק, אַז אַ אִיד אִיז אַ "טַייְוול אִין מֶענְטְשְׁן גֶעשְׁטַאלְט". אוּמְוִויסְנְד. אוּמְגְלוֹיבִּיג. בְּלוּטְזוֹיגֶער, וואוּכֶערְנִיקֶעס, פַּיינְד פוּן אַלְץ אוּן אַלֶעמֶען וָואס אוֹיסֶער זֵיי, אוּן דָא זֶעהט עֶר פַאר זִיךְ אַ אִיד, אַ פְּשׁוּטֶער אִיד, אַ וַויין־הֶענְדְלֶער, אוּן דָאךְ, מִיט ווִיפְל אֵיידְלְקַייט אוּן מֶענְטְשְׁן־לִיבְשַׁאפְט עֶס אָטֶעמְט זַיין גַאנְצְן וֶועזְן. זַיינֶע גוּטְמוּטִיגֶע שְׁמֵייכְלֶענְדֶע אוֹיגְן צֶערְטְלֶען אוּן לַאשְׁטְשֶׁען. קֵיין שְׁפּוּר פוּן הַאס אוּן פַּיינְדְשַׁאפְט צוּם פְרֶעמְדְן וֶועלְכֶער וִויל וִויסְן, לֶערְנֶען, אוּן מִיט וָואס פַאר אַ קְלָארְקַייט עֶר רֶעדְט עֶס וֶועגְן דִי טִיפְסְטֶע רֶעלִיגְיֶעז־פִילָאזָאפִישֶׁע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אוֹיף וֶועלְכֶע דֶער אוּנִיוֶוערְזִיטֶעטְס פְּרָאפֶעסָאר הָאט גֶעגֶעבְּן אַ נִישְׁט קְלָארְן בַּאשֵׁיידוּנְג.

עֶר הָאט אַיינְגֶעזֶעהן, אַז פַאלְשׁ זַיינֶען גֶעוֶוען זַיינֶע בִּיז אִיצְטִיגֶע בֶּעגְרִיפְן וֶועגְן אִידְן אוּן זֵייעֶר

אֱמוּנָה, און סְפֵקוֹת הָאבְּן אָנְגֶעהויבְּן עֶגְבֶּערְן זַיין מֹחַ. סְפֵקוֹת, וֶועלְכֶע הָאבְּן אִיהם נִישְׁט גֶעגֶעבְּן קֵיין רוּהֶ.

עֶר בֶּעזוּכְט שׁוֹין נִישְׁט אַזוֹי אָפְט דִי טֶעאָלָאגִישֶׁע לֶעקְצִיעֶס. וֶועגְן אַריינְטְרֶעטְן אִין גַלָחִים־סֶעמִינַאר טְרַאכְט עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט. עֶר הוֹיבְּט זִיךְ אָן צוּ לֶערְנֶען לָשׁוֹן־הַקוֹדֶשׁ, כְּדֵי צוּ קֶענֶען פֶּערְשְׁטֵיין דֶעם תַּנַ״ךְ אִין אָרִיגִינַאל. עֶר בֶּעזוּכְט פוּן צַייט צוּ צַייט דֶעם אוּמְבֶּעקַאנְטְן אִיד, וֶועלְכֶער לֶערְנְט מִיט אִיהם תּוֹרָה און בֶּעקֶענְט אִיהם מִיטְן רַייכְן אִידִישְׁן גַייסְט־אוֹצָר. זַיין בֶּעגַייסְטֶערוּנְג פַאר אִידִישְׁקַייט שְׁטַייגְט פוּן טָאג צוּ טָאג. עֶר הָאט זִיךְ אִיבֶּערְצַייגְט, אַז נָאר דָאס יַהֲדוּת אִיז דֶער אֵיינְצִיגֶער אוּמְאָבְּפְרֶעגְבַּארֶער רֶעלִיגְיֶעזֶער אֱמֶת. און עֶר בֶּעשְׁלִיסְט עֶנְדְלִיךְ צוּ וֶוערְן אַ אִיד.

הָאבְּן אָבֶּער דַאן אִין פְרַאנְקְרַייךְ גֶעהֶערְשְׁט דִי אִינְקְוִוִיזִיצְיֶע גֶעזֶעצְן, לוֹיט וֶועלְכֶע עֶס אִיז פֶּערְבָּאטְן גֶעוֶוען אִיבֶּערְצוּגֵיין צוּם אִידְנְטוּם. וַואלֶענְטִין פָּאטָאצְקִי פָּאהרְט דֶערִיבֶּער אַוֶועק קֵיין אַמְסְטֶערְדַאם, וואוּ עֶס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אַ גְרוֹיסֶע

קְהִלָּה פוּן דִי אַייְנְגֶעוַואנְדֶערְטֶע שְׁפַּאנִישׁ פָּארְטוּגֶעזִישֶׁע אִידְן, אִיז זִיךְ דָארְט מְגַיֵּיר אוּן וֶוערְט אַ הֵייסֶער אִיד.

עֶר טְרֶעט בַּאלְד אַרַיין אִין דֶער אָרְטִיגֶע יְשִׁיבָה אוּן לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט גְרוֹיס הַתְמָדָה, אַזוֹי אַז אִין אַ קוּרְצֶע צַייט אַרוּם וֶוערְט עֶר שׁוֹין בֶּעטְרַאכְט אַלְס גְרוֹיסֶער לַמְדָן.

אָפְּזַייעֶנְדִיג אִין אַמְסְטֶערְדַאם עֶטְלִיכֶע יָאהר, וואוּ עֶר הָאט אוֹיךְ חַתוּנָה גֶעהַאט, עֶנְטְשְׁלִיסְט עֶר צוּרִיק צוּ פָאהְרְן קַיין פּוֹילְן, כְּדֵי צוּ לֶעבְּן אַלְס אִיד צְוִוישְׁן אֵייגֶענֶע הֵיימִישֶׁע אִידְן. עֶר בֶּזֶעצְט זִיךְ אִין אִילְיָא נֶעבְּן ווִילְנָא. עֶפְנְט זִיךְ אַ גֶעוֶועלְבְּל, פוּן וָואס עֶר אִיז זִיךְ מְפַרְנֵס אוּן אַלֵיין זִיצְט עֶר יוֹמָם וָלַיְלָה אוּן לֶערְנְט.

שְׁטִיל אוּן בֶּעשֵׁיידְן הָאט עֶר זִיךְ גֶעלֶעבְּט אִין אִילְיָא. פוּן אוֹיעֶר צוּ אוֹיעֶר הָאט מֶען זִיךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן וֶועגְן דֶעם אוּמְבֶּעקַאנְטְן יוּנְגֶערְמַאן מִיט דֶער לַאנְגֶער בְּלָאנְדֶער בָּארְד, וָואס אִיז פֶּערְשְׁלָאסְן אִין זִיךְ, רֶעדְט וֵוייִניג אוּן דִי אַלֶע פְרַאגְן: וֶוער עֶר אִיז אוּן פוּנְוַואנֶען קוּמְט עֶר —

בְּלַײבְּן אָן אַ ענטפער.

אָבער װען מען האט איהם אַמאָל שַׁבָּת געװאָלט געבן אַ "עֲלִיָה" און ער האט זיך געהייסן אויפרופן: אַבְרָהָם בֶּן אַבְרָהָם — איז אַ שטיל מורמלערײ אַדורך איבערן בית מדרש. דער שלײער איז געװאָרן אױפגעהויבן. אַ גר — האָבן אַלע פערשטאַנען. האט זיך שוין די שטעטל בעצויגן צו איהם מיט גרויס עהרעפורכט. יעדער האט זיך בעמיהט מיט עפעס װאָס איהם מהנה צו זײן. פּאָטאָצקי האט דעם איהם צוטײלטן כּבוד נישט געשאַנקען די מינדעסטע אויפמערקזאַמקײט. ער האט זיך געלעבּט בעשײדן, עניוות׳דיג, על התּורה ועל העבודה.

איז איהם אָבער, װײזט אויס, נישט בעשערט געװען אויסצולעבן רוהיג זײנע יאָהרן. עס איז געשעהן דאס אומגלױבליכסטע. אַ אידישער אויסװאורף האט איהם אויסגעליפערט אין די הענד פון דער מאַכט. אַ איליער איד, אויף װעמענס אינגל פּאָטאָצקי האט אַמאָל אָנגעשריגן, װײל ער האט איהם געשטערט אין לערנען, האט דערלאַנגט אַ מסירה צום װילנער װאָיעװאָדע, אַז

עֶר, דֶער אוּמְבֶּעקַאנְטֶער גֵר פוּן אִילְיָא אִיז עֶס דֶעם גְרַאף פָּאטָאצְקִיס פֶערְשְׁווּאוּנְדֶענֶער זוּהן וַואלֶענְטִין.

הָאט מֶען אִיהם אַרֶעסְטִירְט אוּן אַיינְגֶעזֶעצְט אִין תְּפִיסָה אִין ווִילְנָא.

אִין דִי עֶרְשְׁטֶע צַייטְן הָאבְּן דִי תְּפִיסָה אוֹיפְזֶעהֶער זִיךְ צוּ אִיהם נִישְׁט-שְׁטְרֵיינְג בֶּעצוֹיגְן. מֶען הָאט אִיהם אַרֵיינְגֶעגֶעבְּן וַוארִימֶע קָאלְדְרֶעס צוּצוּדֶעקְן זִיךְ בַּיינַאכְט בַּיים שְׁלָאפְן. פוּן דִי שְׁוֶוערֶע אַייזֶערְנֶע קֵייטְן אִיז עֶר בַּאלְד גֶעוָוארְן בֶּעפְרַייט. מֶען הָאט אִיהם אַרֵיינְדֶערְלַאנְגְט דִי בֶּעסְטֶע שְׁפַּייזְן, וֶועלְכֶע הָאבְּן פֶערְשְׁפְּרֵייט אִין דֶער אֵיינְגֶער תְּפִיסָה-קַאמֶער אַ אַנְגֶענֶעמֶען רֵיחַ. עֶר הָאט זִיךְ אָבֶער צוּ דִי עֶסְנְס נִישְׁט צוּגֶערִירְט. אַ שְׁטִיקֶל בְּרוֹיט מִיט וַואסֶער אִיז פַאר אִיהם גֶעוֶוען גֶענוּג, אוּן אַמָאל אַבִּיסְל פְּרוּכְט אוֹיךְ...

טָאג טֶעגְלִיךְ פְלֶעגְט אִיהם אִין תְּפִיסָה בֶּעזוּכְן זַיין פָּאטֶערְס הוֹיף גַלָח וֶועלְכֶער הָאט פַאר אִיהם אַרֶועקְגֶעלֵייגְט אַ לַאנְגֶע רֶעדֶע, וֶועגְן דִי בְּלָאנְדְזְשֶׁענְדֶע נְשָׁמוֹת, אוֹיף וֶועלְכֶע דֶער טַייוְול הָאט פֶערְשְׁפְּרֵייט זַיינֶע פִינְסְטֶערֶע פְלִיגֶל אוּן אַז דִי

קִירְכֶע פָּאטֶערְלַאךְ זַיינֶען אִין זֵייעֶר "גְרוֹיסְן חֶסֶד" גְרֵייט אוֹיפְצוּנֶעמֶען דִי צוּרִיקְקֶערְנְדֶע... פָּאטָאצְקִי הָאט אִיהם אָבֶער נִישְׁט גֶעשָׁאנְקֶען דִי מִינְדֶעסְטֶע אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט. עֶר אִיז גֶעוֶוען פֶערְטְהוּן אִין תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן אַ פֶערְשֶׁעמְטֶער פוּן זַיינֶע כְּסֵדֶר׳דִיגֶע דוּרְכְפַאלְן, הָאט זִיךְ דֶער הוֹיף־גַלַח אַרוֹיסְגֶעשַׁארְט פוּן תְּפִיסָה.

אֵיינְמָאל הָאט מֶען פָּאטָאצְקִין אֲפִילוּ גֶעבְּרֵיינְגְט אִין זַיין פָּאטֶערְס שְׁלָאס אוּן פֶערְבַּייגֶעפִירְט פַאר אִיהם דִי גְרוֹיסֶע אוֹצְרוֹת, מִיט וֶועלְכֶע זַיין פָאטֶער אִיז בֶּערַייכֶערְט גֶעוָוארְן זַייט זַיין פֶערְשְׁוואוּנְדוּנְג, דִי רַייכֶע מִיט גָאלְד אוּן בְּרִילַאנְטְן שִׁימֶערִירְנְדֶע פַּאלַאצְן, אוּן דֶערְבַּיי הָאט דֶער הוֹיף־גַלַח צוּ אִיהם זִיךְ נָאכְאַמָאל גֶעוֶוענְדֶעט:

— גְרַאף וַואלֶענְטִין! מִיר הָאבְּן דִיר גֶעבְּרֵיינְגְט אַהֶער אִין דַיין פָאטֶערְלִיכְן שְׁלָאס, כְּדֵי דוּ זָאלְסְט זֶעהן וָואס עֶס שְׁטֵייט דִיר פָאר, וֶוען דוּ וֶועסְט צוּרִיקְקוּמֶען צוּם גְלוֹיבְּן פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן. דָאס אִיז אִינְגַאנְצְן דָאס אֵייגְנְטוּם פוּן דֶער פַאמִילְיֶע פָּאטָאצְקִי אוּן דוּ בִּיסְט דֶער אֵיינְצִיגֶער יוֹרֵשׁ פוּן דֶעם אַלֶעמֶען.

— דו הָאסְט, וַואלֶענְטִין — הָאט עֶר צוּ אִיהם שׁוֹין שְׁטְרָאפְנְדִיג וַוייטֶער גֶעזָאגְט — שְׁוֶוער גֶעזִינְדִיגְט גֶעגְן דֶער קִירְךְ אוּן קֶעגְן דֶעם נָאמֶען פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן, דֶערְמִיט וָואס דוּ הָאסְט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דִי גֶעהֵיילִיגְטֶע קְרִיסְטֶער־קְרוֹין אוּן דֶעם הֶערְבּ פוּן דֶער הוֹיךְ גֶעאַכְטֶעטֶער פַאמִילְיֶע פָּאטָאצְקִי. אָבֶּער דִי קִירְכֶע ווִיל דִיר שֵׁיינְקֶען גְענָאד צוּלִיבּ דַיינֶע זֶעלִיגֶע אוּר־עֶלְטֶערְן אוּן אוֹיבּ דוּ ווֶעסְט זִיךְ עֶפְנְטְלִיךְ מוֹדֶה זַיין: אִיךְ הָאבּ גֶעבְּלָאנְדְזְשֶׁעט, ווֶעסְטוּ דַיין נְשָׁמָה רֵיינְוַואשְׁן פוּן דִי פְלֶעקְן, וָואס הָאבְּן זִיךְ אוֹיף אִיהר בֶּעווִיזְן אוּן צוּרִיק אִיבֶּערְנֶעמֶען דִי אַדֶעל יְרוּשָׁה פוּן דִי פָּאטָאצְקִיס.

— גֶעדֵיינְק וַואלֶענְטִין, — הָאט עֶר פֶערְעֶנְדִיגְט שׁוֹין דְרָאהֶענְדִיג — אַז אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער זַייט וַוארְט אוֹיף דִיר גֶעפֵיינְגֶענִישׁ, לַיידְן אוּן טוֹיט. קְלוֹיבּ אוֹיס!... זָאג נָאר דָאס אֵיינְצִיגֶע וָוארְט: "חֲרָטָה" אוּן דוּ בְּלַייבְּסְט שׁוֹין דָא אִין פַּאלַאץ פוּן דַיינֶע עֶלְטֶערְן...

שְׁטוּם אוּן אוּמְבּוֹיגֶעווּדִיג אִיז וַואלֶענְטִין — אַבְרָהָם פָּאטָאצְקִי גֶעשְׁטַאנֶען, ווִי עֶר וָואלְט נִישְׁט

פֶערְשְׁטַאנֶען וָואס אַרוּם אִיהם קוּמְט פָּאר. וָואס ווילְן פון אִיהם אָט דִי קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלַאךְ? אוֹיף זַיין בְּלַאס דֶערְשְׁרָאקְן פָּנִים הָאט זִיךְ גֶעצֵייכְנְט אַ גְרוֹיסֶער פְרַאגֶע צֵייכְן: זָאל אִיךְ אוֹיסְטוֹישְׁן אֵייבִּיגְקַייטְס וֶוערְטְן, ג-ט׳לִיכֶע אֶמֶת׳ן אוֹיף עֶרְדִישְׁקַייטְן, אוֹיף אַ פֶערְגֶענְגְלִיכֶער וֶועלְט? נֵיין! הָאט מוּטִיג אָבְּגֶעקְלוּנְגֶען זַיין עֶנְטְפֶער, אוּן בַּאלְד הָאט זִיךְ דֶערְהֶערְט אַ מֶעכְטִיגֶער "שְׁמַע יִשְׂרָאֵל" רוּף, וָואס הָאט אַ פַּחַד אוֹיף אַלֶעמֶען אָנְגֶעוָוארְפְן.

הָאט מֶען אִיהם גֶעשְׁמִידְט אִין קֵייטְן אוּן צוּרִיקְגֶעפִירְט אִין תְּפִיסָה, וואוּ מֶען הָאט מִיט פַּיינִיגוּנְגֶען גֶעוָואלְט אִיהם צְווינְגֶען אָנְצוּנֶעמֶען צוּרִיק דֶעם קְרִיסְטְלִיכְן גְלוֹיבְּן. דִי גְרוֹיזַאמְסְטֶע עִינוּיִם הָאט מֶען גֶעגֶן אִיהם אָנְגֶעוֶוענְדֶעט. פָּאטָאצְקִי הָאט מוּטִיג אַרִיבֶּערְגֶעטְרָאגְן זַיינֶע יְסוּרִים, אוּן עֶנְדְלִיךְ וֶוען דָאס גַלָחִים-גֶערִיכְט הָאט אַיינְגֶעזֶען, אַז עֶס וֶועט זֵיי נִישְׁט גֶעלִינְגֶען צוּבְּרֶעכְן דֶעם אַייזֶערְנֶעם ווילְן פון פָּאטָאצְקִין, הָאט מֶען אִיהם פַאר זַיין "אֲפִּיקוֹרְסוּת" פֶערְמִשְׁפָּט צוּם טוֹיט, צוּ פֶערְבְּרֶענֶען לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט. דָאס אוֹיסְפִיהְרְן דֶעם אוּרְטֵייל אִיז בֶּעשְׁטִימְט גֶעוָוארְן אוֹיפְן צְוֵוייטְן טָאג שָׁבוּעוֹת.

דֶער ווילְנֶער גָאוֹן רַבִּי אֵלִיָהוּ אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁפַּאנְט. מֶען הָאט גֶעקֶענְט זֶעהן אוֹיף דִי אוֹיסְדְרוּקְן פוּן זַיין פָּנִים, אַז עֶר אִיז שְׁטַארְק צוּטְרָאגְן. נָאכְמִיטָאג הָאט דֶער ווילְנֶער גָאוֹן גֶעשִׁיקְט שְׁלִיחִים גֶעוואוּיר צוּ וֶוערְן וָואס מֶען ווַייסְט וֶועגְן דֶעם אַרֶעסְטִירְטְן. דִי שְׁלִיחִים זַיינֶען גֶעגַאנְגֶען צוּם מָאנַאסְטִיר אִין דֶער אוּסְטְרָא ווָרֶעמֶע גַאס, דָאס טְרוֹיעֶרִיג בַּאקַאנְטֶע "טוּמְאָה גֶעסְל", אָבֶער זֵיי הָאבְן דָארְט גָארְנִישְׁט אוֹיסְגֶעפוּנֶען. מֶען הָאט זֵיי אֲפִילוּ נִישְׁט צוּגֶעלָאזְט נָאנְט צוּם מָאנַאסְטִיר, אַזוֹי אַז זֵיי הָאבְן נִישְׁט גֶעקֶענְט מִיט קֵיינֶעם קוּמֶען אִין קָאנְטַאקְט.

פַארְנַאכְט־צוּ, וֶוען דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ גֶעאַיילְט אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, הָאבְן דִי אִידְן בַּאמֶערְקְט אַ גְרֶעסֶערֶע בַּאוֶועגוּנְג פוּן סָאלְדַאטְן אוּן פָּאלִיצַיי לַייט, מֶער ווִי אַ אַנְדֶער מָאל. דֶער דָאזִיגֶער פַאקְט הָאט נִישְׁט אָנְגֶעזָאגְט קֵיין גוּטְן סִימָן. דָאךְ הָאבְן דִי אִידְן גֶעהָאפְּט אַז אִין זְכוּת פוּן דִי אִידִישֶׁע תְּפִילוֹת וֶועט פָארְט קוּמֶען אַ יְשׁוּעָה.

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט, דֶער עוֹלָם הָאט גֶעשְׁטְרָאמְט אִין דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, צוּ פַארְבְּרֵיינְגֶען

די גאַנצע נאַכט מיט לימוד התורה, מיט תפלות און שירות ותשבחות, ווי עס איז דער מנהג בכל תפוצות ישראל. אין דער קלויז פון דעם ווילנער גאון איז מען זיך צונויפגעקומען הערן דברי תורה בנגלה און בנסתר פון דעם גאון וחסיד רבי אליהו. דער ווילנער גאון האט דאס מאל געזאגט גאר הויכע ענינים, און זיין פנים האט געפלאמט מיט א אויסערגעווייגליכע הייליגקייט. ער האט געזאגט געציילטע און געמאסטענע ווערטער, און די תלמידים האבן זיך געמיט צו פארשטיין די רמזים און געהויבענע ענינים צו וועלכע דער גאון האט געצילט.

דער ווילנער גאון האט אנגעפאנגען מעניני דיומא, וועגן מעמד הנבחר ביי קבלת התורה, וועגן דעם משמעות פון "עם סגולה", און אריבערגייענדיג צו רות המואביה וועלכע האט זיך מגייר געווען און פון איר איז ארויסגעקומען דער מלכות בית דוד מיט דוד המלך, וואס ער איז נסתלק געווארן אום שבועות, און ער, דוד המלך, דאס אייניקל פון די גיורת, וועט זיין דער מלך המשיח, דער אמת'דיגער גואל ביי דער גאולה העתידה...

דֶער גָאוֹן הָאט אוֹיךְ נִישְׁט פַארְפֶעלְט אָנְצוּוַוייזְן אוֹיף דִי שְׁוֶועְרֶע חֶבְלֵי הַגְאוּלָה וָואס אִידְן וֶועלְן דַארְפְן מִיטְמַאכְן, סַיי בְּגוּף אוּן סַיי בְּנֶפֶשׁ, דִי גְרוֹיסֶע צָרוֹת אוּן יְסוּרִים וָואס מֶען וֶועט דַארְפְן אִיבֶּערְקוּמֶען אוּן אוֹיךְ דִי שְׁוֶועְרֶע נִסְיוֹנוֹת צוּ דֶערְהַאלְטְן זִיךְ בַּיי דֶער אֱמוּנָה אוּן בַּיי רֵיינֶער אִידִישְׁקַייט. דֶערִיבֶּער, אִיז אִין אַזַא שְׁוֶועְרֶע צַייט פוּן עִיקְבְתָא דִמְשִׁיחָא, אוֹיבּ אֵיימִיצֶער פוּן דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוּן אִיז זִיךְ מְדַבֵּק אִין אִידִישְׁן פָאלְק, עֶר אִיז אוֹיף זִיךְ מְקַבֵּל דֶעם עוֹל תּוֹרָה וּמִצְוֹת אִין אַזַא עֵת צָרָה לְיַעֲקֹב, אִיז נִישְׁטָא קֵיין שִׁיעוּר אוּן קֵיין עֶרֶךְ צוּ זַיין שְׂכַר. עֶר וֶוערְט גֶעוִויס פַארְעֶכְנְט בְּמַעֲלוֹת קְדוֹשִׁים וּטְהוֹרִים וָואס אֲפִילוּ מַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת קֶענֶען שְׁוֶוער זוֹכֶה זַיין צוּ שְׁטֵיין אִין זַיין מְחִיצָה...

פוּן צַייט צוּ צַייט הָאט דֶער גָאוֹן מַפְסִיק גֶעוֶוען אַ וַוייְלֶע אוּן דֶערְנָאךְ וַוייטֶער גֶעזָאגְט דִבְרֵי אֱלֹקִים חַיִים.

גְרוֹיס אִיז דֶער שְׂכַר פוּן דִי גֵרֵי הַצֶדֶק וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר פָאלְק אוּן גְלוֹיבְּן, זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן אוּן קְרוֹבִים, אוּן בַּאהֶעפְטְן זִיךְ אִין דֶער

אומָה הַיִשְׂרְאֵלִית. און גָאר גְרוֹיס אִיז דֶער שְׂכַר פון די יֶעניגֶע וָואס זַיינֶען זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ און זַיינֶען מְקַדֵשׁ שֵׁם שָׁמַיִם בָּרַבִּים. אַזֶעלְכֶע דֶערְגְרֵייכְן די הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת וָואס קֶען נָאר גֶעמָאלְט זַיין...

די תַּלְמִידִים הָאבְּן קְלָאר פַארְשְׁטַאנֶען צוּ וָואס רַבִּי אֵלִיָהוּ צִילְט. זֵייעֶרֶע הֶערְצֶער זַיינֶען פוּל גֶעוָוארְן מִיט צִיטֶערְנִישׁ. עֶס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שְׁפֶּעט נָאךְ הַאלְבֶּע נַאכְט. די תַּלְמִידִים פון גָאוֹן הָאבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען בַּתּוֹרָה בְּיִחוּדָא עִילָאָה, זִיךְ מִתְקַדֵשׁ וּמְטַהֵר גֶעוֶוען און זִיךְ גֶעגְרֵייט צוּם גְרוֹיסְן טָאג פון קַבָּלַת הַתּוֹרָה. עֶס הָאט שׁוֹין גֶענוּמֶען שַׁארִיעֶן אוֹיפְן טָאג. דוּרְךְ די פֶּענְסְטֶער הָאבְּן אַרַיינְגֶעשְׁפַּארְט די עֶרְשְׁטֶע שְׁטְרַאלְן פון טָאג־לִיכְטִיגְקַייט. די פִינְסְטֶערְקַייט פון דֶער נַאכְט הָאט אָפְּגֶעטְרָאטְן פַארְן טָאג. פון דֶעם חֶדֶר מְיוּחָד פון גָאוֹן הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט דָאס קוֹל פון רַבִּי אֵלִיָהוּ׳ן וִוי עֶר מַאכְט די בְּרָכָה אַיינְהִילְנְדִיג זִיךְ אִין טַלִית.

וִוי נָאר עֶס אִיז טָאג גֶעוָוארְן הָאבְּן זִיךְ די עֶרְשְׁטֶע הַשְׁכָּמָה מִנְיָנִים גֶעשְׁטֶעלְט דַאוְונֶען די יוֹם טוֹב׳דִיגֶע תְּפִילוֹת.

דִי אִידִישֶׁע ווִילְנֶע אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אוּנְטֶער אַ דֶערְדְרִיקֶנְדִיגֶן רוֹשֶׁם. דִי אִידְן הָאבְּן מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען מִיט הִשְׁתַּפְּכוּת הַנֶּפֶשׁ אוּן מִיט שִׂמְחָה, אָבֶער דִי הֶערְצֶער זַיינֶען גֶעוֶוען אָנְגֶעלָאדְן מִיט אַנְגְסְטִיגֶער זָארְג אוּן אוּמֶענְדְלִיכְן פַּחַד פַאר דֶעם לֶעבְּן פוּן אַבְרָהָם בֶּן אַבְרָהָם.

אִין מֶשֶׁךְ פוּן עֶרְשְׁטְן טָאג שָׁבוּעוֹת הָאט זִיךְ גֶעמֶערְקְט אִין ווִילְנֶע עֶפֶּעס אַ אוּמְגֶעוֶוינְלִיכֶע בַּאוֶועגוּנְג. פִיל גוֹיִם פוּן דִי אַרוּמִיגֶע שְׁטֶעטְלַאךְ אוּן דֶערְפֶער זַיינֶען גֶעקוּמֶען קַיין ווִילְנֶע. אִין אָנְהוֹיבּ הָאבְּן דִי ווִילְנֶער אִידְן גֶעמֵיינְט, אַז דָאס זַאמְלֶען זִיךְ דִי גוֹיִם צוּנוֹיף צוּ זֵייעֶר חָגֶא וָואס פַאלְט אוֹיס צוּ מָארְגְנְס. דִי בַּאוֶועגוּנְג אִיז אָבֶער גֶעוֶוען אַ פִיל גְרֶעסֶערֶע ווִי אִין אַנְדֶערֶע יָארְן.

אוֹיךְ אַרוּם דֶעם "מָאנַאסְטִיר פוּן הֵיילִיגְן יָאהַאן" זַיינֶען אָנְגֶעגַאנְגֶען פִיבֶּערְהַאפְטֶע צוּגְרֵייטוּנְגֶען. אַ גַאנְצֶע מַחֲנֶה גוֹיִם הָאבְּן גֶעאַרְבֶּעט בַּיים אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אַרֶענֶע פַאר דֶעם אַרַיינְגַאנְג צוּם מָאנַאסְטִיר. דֶער גַאנְצֶער גְרָאזִיגֶער גְרִינֶער שֶׁטַח וָואס אִיז גֶעלֶעגְן אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט פַארְן מָאנַאסְטִיר אִיז גֶעוָוארְן אַרוּמְגֶעצוֹימְט. אִין

דערמיט איז אַ קלײנער טײל אָפּגערײניגט געוואָרן פון דעם גראָז. אויפן דאָזיגן אָרט איז געוואָרן אויסגעגראָבן אַ רונדיגער נישט טיפער גרוב, אין וועלכן עס איז אָנגעהויפט געוואָרן בינטלאַך האַלץ און שטרוי אין מערערע שיכטן. דער דאָזיגער גרוב איז געוואָרן אַרומגעצוימט מיט אַ אײזערנעם צוים און דראָטן. אַרום און אַרום זײַנען געוואָרן אויפגעשטעלט הויכע קלעצער, און אויף די זײַנען אײַנגעאָרדנט געוואָרן זיץ־פּלעצער אין דרײַ רײען, אײנע העכער פון דער צװײטע, ווי אין אַ סטאַדיום. אַ באַזונדער בכבוד׳דיג אָרט איז געוואָרן רעזערווירט פאַר די גלחים און הויכע גײַסטליכע.

די ידיעה וועגן די צוגרײטונגען וואָס קומען פאָר אין דער אוסטראָ ווערעמע האָט אָנגעוואָרפן אַ טויט שרעק אויף די אידן אין ווילנע. עס איז געוואָרן קלאָר: די רשעים גרײטן זיך דורכצופירן דעם טויט אורטײל איבער דעם גר צדק אַברהם בן אַברהם. זײ גרײטן פאַר איהם אַ שײטערהויפן! מען וועט איהם פאַרברענען רחמנא ליצלן אַ לעבעדיגן! — דאָס, פאַר וואָס מען האָט זיך אַזוי געשראָקן, ווערט לײַדער אַ ווירקליכקײט!

דֶער צווישֶׁעטֶער גוֹי׳אִישֶׁער הֲמוֹן הָאט מִיט גְרוֹיס דֶערוַוארְטוּנג און נַייגֶערִיגְקַייט אַרוֹיסגֶעקוּקְט בַּייצוּוואוֹינֶען אַזַא בַּארְבַּארִישְׁן סְפֶּעקְטַאל. אָט וֶועלְן זֵיי הָאבְּן דִי גֶעלֶעגְנְהַייט צוּ זֶען מִיט דִי אֵייגֶענֶע אוֹיגְן דָאס, צוּ וָואס זֵיי הָאבְּן שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג גֶעגְלוּסְט — צוּ זֶען ווִי מֶען פַארְבְּרֶענְט אֵיינֶעם וָואס הָאט פַארְרָאטְן דִי קִירְכֶע! מִיט ווִילְד פְרֵיידִיגְן עֶקְסְטַאז הָאט זֵיי גֶעוַוארְט דֶערוֹיף.

פוּן דִי קַאטוֹילִישֶׁע קַאטֶעכִיזְמֶען און פוּן דִי הִיסְטָארְיֶע בִּיכֶער הָאבְּן זֵיי גֶעווּאוּסְט וֶועגְן אוּמְצָאלִיגֶע פַאלְן וָואס אִידְן זַיינֶען פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן לֶעבֶּעדִיגֶערְהֵייט, דֶערְפַאר וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אָנְנֶעמֶען דָאס קַאטוֹילִישֶׁע גְלוֹיבְּן. זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ גֶעהֶערְט דֶערְצֵיילְן וֶועגְן דִי פִיהל פַאלְן וֶוען גַאנְצֶע אִידִישֶׁע קְהִילוֹת זַיינֶען צוּנוֹיפְגֶעטְרִיבְּן גֶעוָוארְן אִין דִי שׁוּהלְן און בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, און דֶערְנָאךְ זַיינֶען דִי בָּתֵּי מִדְרָשִׁים אוּנְטֶערְגֶעצוּנְדְן גֶעוָוארְן. פְרוֹיעֶן און קִינְדֶער, אַלְטֶע לַייט און יוּנְגֶע, זַיינֶען פַארְצוּקְט גֶעוָוארְן אִין דִי פַייעֶר־פְלַאמֶען. יָא, פוּן דֶעם אַלֶעס הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט און גֶעלֵייעֶנְט. אָבֶער אִין דֶער

ווירקליכקײט, מיט די אײגענע אויגן, האבן זײ נאך נישט געהאט "די זכיה" דאס אלײן בײצוואוינען. איצט, װעלן זײ יא האבן "די זכיה" דערצו.

האבן זיך טאקע דעריבער די גוים געגרײט עס צו זעהן מיט די אײגענע אויגן װי א איד װערט פארברענט אין דער עפנטליכקײט. דער ריח פון געבראטן מענטשליך פלײש האט זײ שוין געקיצלט אין די נאזלעכער. די חיה׳שע אינסטינקטן האבן דאס אפן דעמאנסטרירט.

א גאנצן טאג האבן די גלעקער פון אלע תיפלות אין װילנע געקלונגען. דאס איז געװען א צײכן פאר די גוים צונויפצוקומען זיך און צו זײן גרײט צו דער בארבארישער צערעמאניע, װעלכע װעט פארקומען דעם מארגנדיגן טאג, װען די אידן װעלן פײערן זײער יום טוב, דעם צװײטן טאג שבועות.

אינדרויסן האבן די תיפלה-גלעקער געקלונגען — און אין אידישן פערטל האבן אידן נישט אויפגעהערט צו תפלה טהון, זאגן תהלים, אײנגעריסן די שערי שמים, אז דער אויבערשטער

זָאל צוּנִישְׁט מַאכְן אוּן צוּשְׁטֶערְן דִי בַּארְבַּארִישֶׁע פְלֶענֶער פוּן דִי רְשָׁעִים, דִי ווִילְדֶע קַאנִיבַּאלְן. אַלֶע שׁוּהלְן אוּן בָּתֵּי מִדְרָשִׁים זַיינֶען גֶעוֶוען פוּהל מִיט אֲנָשִׁים נָשִׁים וָטַף. דִי תְּפִילוֹת פוּן דִי אִידִישֶׁע הֶערְצֶער הָאבְּן גֶעשְׁטוּרֶעמְט דִי טוֹיעֶרְן פוּן הִימְל אוּן דֶערְגְרֵייכְט צוּם כִּסֵא הַכָּבוֹד.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט אַז פַארְן אוֹיסְפִיהְרֶן דֶעם אוּרְטֵייל הָאט דֶער ווִילְנֶער גָאוֹן ז"ל אִיהם בֶּעזוּכְט אִין תְּפִיסָה. אַרֵיינְקוּמֶענְדִיג אִין דֶער תְּפִיסָה קַאמֶער הָאט דֶער גָאוֹן בֶּעמֶערְקְט, ווִי פָּאטָאצְקִי אִיז שְׁטַארְק פֶערְטְרוֹיעֶרְט. הָאט עֶר אִיהם גֶעפְרֶעגְט פַארְוָואס עֶר אִיז אַזוֹי פֶערְטְרוֹיעֶרְט.

— אִיהר הָאט דָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶער גְרֶעסְטֶער מִצְוָה: קִדּוּשׁ הַשֵּׁם — הָאט דֶער ווִילְנֶער גָאוֹן זִיךְ צוּ אִיהם גֶעוֶוענְדֶעט — דַארְפְט אִיהר דָאךְ דָאס מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ בְּשִׂמְחָה.

— הֵיילִיגֶער גָאוֹן — הָאט זִיךְ דֶער גֵר צֶדֶק צוּוֵויינְט — ווִי וֶועל אִיךְ זִיךְ קֶענֶען ווַייזְן פַארְן כִּסֵא־הַכָּבוֹד אִין דֶער צַייט וֶוען אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין יִחוּס אָבוֹת, מַיינֶע עֶלְטֶערְן בְּלָאנְדְזֶשֶׁען ווַייטֶער אִין פִינְסְטֶערְנִישׁ, אוּן אָט צוּלִיבּ דֶעם בִּין

איך אַזוי פֶערזָארגְט.

זָארג נִישְט — הָאט אִיהם דֶער גָאוֹן פָּאטֶערלִיך גֶעטְרֵײסְט — דֶער אוֹיבֶּערְשְטֶער זָאגְט: אֲנִי רִאשׁוֹן, אִיךְ בִּין דֶער פָּאטֶער פוּן דִי עֶרְשְטֶע, פוּן דִי וֶועלְכֶע הָאבְּן אַלֵיין דֶערזֶעהֶן דָאס גֶ־ט׳לִיכֶע לִיכְט.

הָאט דָאס גֶעזִיכְט פוּן גֵר־צֶדֶק אוֹיפְגֶעלוֹיכְטְן. עֶס הָאט גֶעשַײנְט מִיט אַ הִימְלִישׁ לִיכְטִיגְקַײט.

— אִיצְט — הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּם וִוילְנֶער גָאוֹן — וֶועל אִיךְ קֶענֶען רוּהִיג בֶּעגֶעגֶענֶען דֶעם טוֹיט.

דֶער גָאוֹן הָאט זִיךְ מִיט אִיהם צוּקוּשְׁט אוּן מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן הָאבְּן זֵיי זִיךְ גֶעזֶעגְנְט.

דֶעם צְוֵוײטְן טָאג שָׁבוּעוֹת אִין יָאהר תק״ט הָאט מֶען דֶעם הֵײלִיגְן מַארְטִירֶער וַואלֶענְטִין — אַבְרָהָם פָּאטָאצְקִי גֶעפִירְט צוּם אוֹיטָא־דַא־פֶע. מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער עֲקֵדָה, עֶרקְלֶערֶנְדִיג, אַז עֶר אִיז גְלִיקְלִיךְ צוּ קֶענֶען אָפְּפֶערְן זַײן לֶעבְּן פַאר דֶער תּוֹרָה אִין דֶעם טָאג וֶוען זִי אִיז גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן צוּ אִידְן.

דֶער גְרוֹיסַאמֶער אוּרְטֵייל אִיז גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעפִירְט אוֹיף אֵיינֶעם פוּן דִי עֶפְנְטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער אִין ווִילְנָא, נֶעבְּן רַאטְהוֹיז, אִין דֶער אָנְוֶועזְנְהַייט פוּן רֶעגִירוּנְגְס-פָּארְשְׁטֵייעֶר אוּן זַיינֶע אֵייגֶענֶע עֶלְטֶערְן. בִּיז דֶער לֶעצְטֶער מִינוּט אִיז עֶר נִישְׁט גֶעוָוארְן צוּזַאמֶענְגֶעבְּרָאכְן. הֶעלְדִישׁ אִיז גֶעוֶוען זַיין הַאלְטוּנְג אִין אָנְבְּלִיק פוּן צוּפְלַאטֶערְטְן שַׁייטֶער-הוֹיפְן, אוּן וֶוען דִי פַּייעֶר-צִינְגֶער הָאבְּן שׁוֹין גֶעלֶעקְט זַיין קֶערְפֶּער, הָאבְּן נָאךְ זַיינֶע אוֹיף קוֹיל פֶּערְבְּרֶענְטֶע לִיפְּן גֶעשֶׁעפְּטְשֶׁעט: "ה' הוּא הָאֱלֹקִים"! אוּן מִיט דִי וֶוערְטֶער: "בָּרוּךְ הַמְקַדֵּשׁ שְׁמוֹ בָּרַבִּים!" הָאט עֶר אוֹיסְגֶעהוֹיכְט זַיין הֵיילִיגֶע נְשָׁמָה — — —

צוּמָארְגְנְס הָאט אַ ווִילְנֶער אִיד, רַבִּי מֵאִיר סִירְקִיס, אַיינְשְׁטֶעלְנְדִיג זִיךְ דָאס לֶעבְּן, צוּנוֹיפְגֶענוּמֶען אַ בִּיסְל אַשׁ פוּן דֶעם פַארְבְּרֶענְטְן קֶערְפֶּער, אוֹיךְ אַ פִינְגֶער וָואס דֶער פַּייעֶר הָאט נִישְׁט בֶּעווִיזְן צוּ פֶערְבְּרֶענֶען אוּן עֶס מְקַבֵּר גֶעוֶוען אוֹיפְן אַלְטְן בֵּית-עוֹלָם אִין ווִילְנָא.

אוֹיפְן קֶבֶר פוּן גֵר-צֶדֶק אִיז מִיט דֶער צַייט אוֹיפְגֶעוָואקְסְן אַ וואוּנְדֶערְבַּארֶער בּוֹים אִין דֶער

פּאַרעם פון אַ מענטשן־געשטאַלט: אַ קאָפּ, הענד מיט פינגער־צווייגן און פיס. אין דער צייט פון דער מלחמה האָבן כאַליגאַנעס פערניכטעט דעם מערקווירדיגן בוים. איבערים ווייז האָבן זיי פון איהם געשניטן, געבליבן גאַנץ איז בלויז דער שטאַם, דער "גוף" און אויך אַ טייל פון אַ "האַנד" האָט מען בעוויזן אָבצוראַטעווען, וואָס האָט זיך געפונען פערשלאָסן אין דעם אוהל, וואָס איז אין די לעצטע יאָהרן אויף זיין קבר געוואָרן אויפגעשטעלט.

ביים אַריינגאַנג אין דעם אוהל, אויף דער טהיר, האָט זיך געפונען אַ אויפשריפט:

ציון לנפש יקרה זכה וטהורה רבי אברהם ב"ר אברהם. אינעווייניג, אויף דער וואַנד פון אוהל איז געווען אויפגעשריבן:

הקדוש אברהם ב"ר אברהם הנלוה אל בית־ישראל ועלה כליל ביום שני לחג מתן־תורה תק"ט.

זֶעקְסטֶער קַאפִּיטְל: מַתַּן תּוֹרָתֵינוּ

אַ שָׁבוּעוֹת אִין צַאנְז

שָׁבוּעוֹת בַּיים "חָפֵץ חַיִּים" זצ"ל

מַעֲמַד הַר סִינַי

דֶער גֶעדַאנְק פוּן דִי גְרָאז

די שָׁבוּעוֹת'דיגֶע קְרֶעפְּלַאךְ...

עֶלְיוֹנִים שָׂשׂוּ וְתַחְתּוֹנִים עָלְזוּ

דֶערְצֵיילְן פַאר די קִינְדֶער

אַ סִיוּם הַשַּׁ"ס



קברי מלכות בית דוד



מצודת דוד

אַ שָׁבוּעוֹת אִין צַאנְז

עֶס אִיז גֶעוֶועְן אִין יָאהר תרמ"ז, פַאר דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, אִיז מִיר אוֹיסְגֶעקוּמֶען זִיךְ צוּ בַּאגֶעגֶענֶען אוֹיף דֶער בַּאן מִיט צְוֵויי עֶלְטֶערֶע חֲסִידִים, וָואס בֵּיידֶע זַיינֶען גֶעפָארְן אוֹיף שָׁבוּעוֹת צוּ זֵייעֶר רֶבִּין, דֶער צַדִּיק רַבִּי יְחֶזְקֵאל הַאלְבֶּערְשְׁטַאם זצ"ל, קֵיין שִׁינֶעוֶוע.

ווִי עֶס הָאט מִיר דַאן אוֹיסְגֶעוִויזְן, זַיינֶען בֵּיידֶע גֶעוֶועְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּענֶע חֲסִידִים פוּן דֶעם אַלְטְן צַאנְזֶער צַדִּיק, הַגָאוֹן הַצַדִּיק רַבִּי חַיִּים הַאלְבֶּערְשְׁטַאם זצ"ל. אוּן פָאהרֶנְדִיג אוֹיף דֶער בַּאן, הָאט זִיךְ אֵיינֶער פוּן דִי צְוֵויי חֲסִידִים, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶועְן זֵייעֶר אַ רֶעדְנֶער, נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶענוּג אָנְדֶערְצֵיילְן וֶועגְן דֶעם, וָואס מֶען פְלֶעגְט אִין שָׁבוּעוֹת זֶעהן אִין צַאנְז.

— שָׁבוּעוֹת — הָאט דֶער חָסִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן

— פאַרעֶנדיגט געוויינליך די אומעטיגע טעג פון דער ספירה, דערוועקט זיך דאן אין יעדן אידן עפּעס אַ מין בעזונדערע התעוררות צו נגינה. די גאַנצע צייט פון דער ספירה, בּיינקט די אידישע נשמה צו אַ שטיקל פריילכן זמר. טאר מען זיך אָבער דאס נישט פאַרגינען אין די ספירה טעג. איז דערפאַר דער יום טוב׳פון שבועות עפּעס אַ מין גייסטיגע דערהויבּונג, וואס יעדער פיהלט זיך ווי אַ נייער מענטש מיטן שטאלץ פון ״אַתָּה בְּחַרְתָּנוּ״, וואס מיר זיינען פון אַ שקלאפן פאלק געוואָרן אַ אומה מיט אַ תורה און מיט תרי״ג מצות. קען אַזאַ טייערער געפיהל נישט אַנדערש אויסגעדריקט ווערן, ווי נאָר דורך געזאַנג און דוקא אין פריילכע נגונים.

פיהלן מיר אום שבועות, ווי עס זינגט די גאַנצע אידישע גאַס, אַפילו די ווענט פון דער קלויז זינגען מיט און עס זינגען אויך דער פּרוכת מיט דעם אָרון הקודש, צוזאַמען מיט אַלעמען וואס קומען זיך צונויף צום דאַוונען. פון דער ערשטער בּרכו ערב שבועות צו מעריב אָנגעהויבּן, נעמט יעדערן אַרום אַ פייערדיג געפיהל און עס האַלט בּיז אסרו חג, ווי לאַנג מען זאָגט נישט קיין

תַּחֲנוּן און מֶען קְרִיכְט נִישְׁט אַרַיין אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע גֶעפִיהלְן.

— אִין פַארְשִׁידֶענֶע חֲסִידִישֶׁע הוֹיפְן — הָאט דֶער חָסִיד וַוייטֶער גֶעצוֹיגְן זַיין שְׁמוּעֶס — פְלֶעגְט מֶען הָאבְּן אוֹיף שָׁבוּעוֹת בֶּעזוּנְדֶערֶע נִגוּנִים, יֶעדֶער רֶבִּישֶׁער הוֹיף הָאט זִיךְ גֶעהַאט זַיין מְנַגֵן, וָואס זַיינֶע נִגוּנִים זַיינֶען גֶעוֶוען צוּגֶעפַּאסְט צוּ דִי גֶעפִיהלְן פוּן יֶענֶעם הוֹיף, און דֶער קְנֵייטְשׁ וָואס הָאט אִין יֶענֶע נִגוּנִים גֶעשְׁטֶעקְט, הָאט אַיינְגֶעטַייטְשְׁט דִי שָׁבוּעוֹת׳דִיגֶע פִּיוּטִים פַאר אַלֶעמֶען, אֲפִילוּ פַאר דֶעם וָואס הָאט נִישְׁט אַזוֹי גוּט פַארְשְׁטַאנֶען קֵיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער רָב זי״ע, וֵוייסְט אִיהר דָאךְ ווי שְׁטַארְק לִיבּ עֶר הָאט גֶעהַאט רַבִּי אַבִּישׁ מֵאִיר חַזָן׳ס נִגוּנִים. הָאט עֶר אַמָאל אוּם שָׁבוּעוֹת אַ זָאג גֶעטְהוּן פַארְן דַאוְונֶען צוּם חַזָן עֶר זָאל עֶפֶּעס זִינְגֶען. הָאט דַאן רַבִּי אַבִּישׁ מֵאִיר אַ זִינְג גֶעטְהוּן אַ זֶמֶר פוּן רַבֵּינוּ שְׁלֹמֹה בֶּן גַבִּירוֹל, וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ דִי וֶוערְטֶער: ״קְרוֹבַי אִם אָפְסוּ, הֵן אַתָּה נוֹתַרְתָּ, גוֹאֲלַי אִם פַּסוּ, הֵן אַתָּה נִשְׁאַרְתָּ, וּמִי יַחְמוֹל אִם אַתָּה לֹא חָמַלְתָּ?״.

האבן די דאזיגע ווערטער אריינגעבראכט דעם הייליגן צדיק אין א אומבעשרייבליכער התלהבות, האט ער דאן א קלאפ געטהון אין דעם טיש, און דער גאנצער עולם איז שטיל געבליבן. דער רבי האט זיך דאן צוזונגען אין אידיש:

„מיינע קרובים ווען זיי זיינען נישטא,

ביסטו דאך, רבונו של עולם, ביי מיר געבליבן.

מיינע פריינד ווען זיי האבן זיך אויסגעלאזט,

ביסטו דאך, רבונו של עולם, איינער געבליבן,

און ווער קען זיך איבער אונז דערבארעמען,

ווען דו זאלסט זיך חלילה נישט וועלן דערבארעמען".

— דוכט זיך גאנץ גוט פערטייטשט — האט דער חסיד ווייטער געזאגט — וואלט מען עס אבער געדארפט הערן, ווען דער הייליגער צדיק האט עס געזאגט, כדי צו פיהלן דעם אמתן טייטש פון די ווערטער.

דֶער שָׁבוּעוֹת'דִיגֶער "אַקְדָמוּת" אִיז בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק גֶעוֶוען אַ בֶּעזוּנְדֶערֶער גְרוֹיסֶער עִנְיָן. בַּאלְד נָאךְ ל"ג בָּעוֹמֶר, הָאט מֶען זִיךְ שׁוֹין אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּגְרֵייטְן צוּם "אַקְדָמוּת". אַ סְפֶּעצְיֶעלֶע לִיבֶּע הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַאנְזֶער צַדִיק אַרוֹיסְגֶעווִיזְן צוּ דִי נִגוּנִים פוּן רַבִּי אַייזִיקְל קַאלֶעוֶוער זצ"ל, וֶועלְכֶער פְלֶעגְט אַרוּמְפָאהרְן צְווִישְׁן דִי פַּאסְטוּכֶער אוּן אַיינְגֶעטַייטְשְׁט זֵייעֶרֶע נִיגוּנִים אִין קְדוּשָׁה.

פְלֶעגְט מֶען יֶעדְן שָׁבוּעוֹת פַּארְנַאכְט, נָאךְ מִנְחָה זִינְגֶען בַּיים הֵיילִיגְן צַדִיק אִין אִידִישׁ אוּן אִין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ דֶעם נִגוּן פוּן פַּאסְטַאךְ, וָואס דֶער קַאלֶעוֶוער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, הָאט עֶס צוּגֶעפַּאסְט צוּ דֶער בֵּיינְקֶענִישׁ פוּן דֶער כְּנֶסֶת יִשְׂרָאֵל צוּ דֶער שְׁכִינָה!

דָאס זָאגְנְדִיג הָאט דֶער חָסִיד גֶענוּמֶען זִיךְ אוּנְטֶערְזִינְגֶען:

"גָלוּת, גָלוּת, ווִי גְרוֹיס בִּיסְטוּ!

שְׁכִינָה, שְׁכִינָה, ווִי וַוייט בִּיסְטוּ!

וָואלְט דֶער גָלוּת קְלֶענֶער גֶעוֶוען,

וָואלְט דִי שְׁכִינָה נֶעהנְטֶער גֶעוֶוען,

וָואלְט מֶען מִיר פוּן גָלוּת אַרוֹיסְגֶענוּמֶען,

וָואלְטְן מִיר זִיךְ גִיכֶער צוּנוֹיפְגֶעקוּמֶען!"

— אֵיינְמָאל שָׁבוּעוֹת, וֶוען דֶער צְוֵייטֶער טָאג אִיז אוֹיסְגֶעקוּמֶען שַׁבָּת — הָאט דֶער חָסִיד וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט — הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען דִי שַׁבָּת'דִיגֶע זְמִירוֹת, אוּן וֶוען מֶען אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם חָרוּז "וּבָאוּ כּוּלָם בִּבְרִית יַחַד, נַעֲשֶׂה וְנִשְׁמַע אָמְרוּ כְּאֶחָד, וּפָתְחוּ וְעָנוּ ה' אֶחָד". הָאט דָאס רַבִּי אַבִּישׁ מֵאִיר חַזָן גֶעזוּנְגֶען מִיט אַ בֶּעזוּנְדֶערְן נִיגוּן אוּן דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק הָאט דַאן אַ זָאג גֶעטְהוּן:

— בַּיי מַתַּן תּוֹרָה הָאבְּן דִי אִידְן אָפְּגֶעעֶנְטְפֶערְט אוֹיף יֶעדֶער מִצְוַת עֲשֵׂה מִיט אַ "יָא" אוּן אוֹיף יֶעדֶער לֹא תַעֲשֶׂה הָאבְּן זֵיי גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ "נֵיין", אָבֶּער אַזוֹי וִוי דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִי צְוֵויי דִבְּרוֹת "אָנֹכִי" אוּן "לֹא יִהְיֶה לְךָ" גֶעזָאגְט צוּזַאמֶען, הָאבְּן דִי אִידְן נִישְׁט גֶעוואוּסְט וִוי אַזוֹי צוּ עֶנְטְפֶערְן. זָאלְן זֵיי זָאגְן "נֵיין", הָאבְּן זֵיי מוֹרָא גֶעהַאט אַז דָאס קֶען שְׁלֶעכְט אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט וֶוערְן בַּיי "אָנֹכִי ה'

אֱלֹקֶיךָ", זָאלְן זֵיי זָאגְן "יָא", קֶען דָאךְ עֶס שְׁלֶעכְט אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט וֶוערְן בַּיי "לֹא יִהְיֶה לְךָ", הָאבְּן זֵיי דֶערְפַאר בְּלוֹיז גֶעזָאגְט "ה׳ אֶחָד".

— אַמָאל — הָאט דֶער חָסִיד וַוייטֶער דֶערְצֵיילְט — אִיז דֶער רַאדָאמְסְקֶער צַדִיק, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, גֶעקוּמֶען אוֹיף שָׁבוּעוֹת קֵיין צַאנְז, צוּם הֵיילִיגְן צַדִיק. דֶער רַאדָאמְסְקֶער אִיז אַלֵיין גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי גְרֶעסְטֶע רֶבִּיִים אִין פּוֹילְן אוּן עֶר הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אַ פָּארַאכְטְן פוּן טוֹיזְנְטֶער חֲסִידִים. וֶוען עֶר פְלֶעגְט דַאוְונֶען בַּיים עָמוּד, פְלֶעגְט עֶר בַּיי יֶעדֶער גֶעלֶעגְנְהַייט זִינְגֶען אַ אַנְדֶערְן נִיגוּן אוּן עֶס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען, וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט "וְכָל הָעָם רוֹאִים אֶת הַקּוֹלוֹת". חֲסִידִים פְלֶעגְן דֶערְפַאר זָאגְן, אַז וֶוער עֶס הָאט אַמָאל גֶעהֶערְט דֶעם רַאדָאמְסְקֶער דַאוְונֶען, אִיז דָאס גֶעוֶוען גְלַייךְ וִוי עֶר וָואלְט גֶעהֶערְט דִי מַלְאָכִים זִינְגֶען שִׁירָה צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן. דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק פְלֶעגְט אוֹיךְ זָאגְן, אַז אִין דֶעם רַאדָאמְסְקֶער׳ס דַאוְונֶען זַיינֶען פֶערְהַאנֶען אַלֶע נִיגוּנִים וָואס דִי לְוִיִים פְלֶעגְן זִינְגֶען בַּיי דֶער עֲבוֹדָה אִין בֵּית הַמִקְדָשׁ.

יעדעס יאהר פאר שבועות, פלעגט דער ראדאמסקער צדיק פארבעטן צו זיך א חברה חסידים וועלכע פארמאגן א קול נגינה און ער האט זיי צוגעגרייט צו קבלת התורה מיט נייע ניגונים.

איז איהם אמאל איינגעפאלן צו פארלאזן זיינע חסידים און אוועקפאהרן אויף שבועות צום הייליגן צאנזער צדיק. עס פארשטייט זיך, אז אט דער פאהרן האט געמאכט א גרויסן רעש צווישן די ראדאמסקער חסידים. אבער ווער קען דען זאגן א דעה דעם צדיק?

דער עלטסטער זון פון דעם ראדאמסקער רבין, דער שפעטערדיגער ממלא מקום זיינער, רבי אברהמ׳על זצ״ל, איז אוועק צום פאטער און איהם געפרעגט, היתכן, ווי אזוי איז ער עס מצער די טויזנטער אידן וואס קומען צו איהם אויפן הייליגן יום טוב?

— הער צו מיין קינד — האט דער ראדאמסקער רבי געענטפערט — מען ווערט עלטער און איך וואלט נאך געוואלט פיהלן דעם טעם פון קבלת התורה און דאס קען מען נאר

פִיהלְן אִין צַאנְז.

און אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶועןָ. קֵיין רַאדָאמְסְק זַיינֶען גֶעקוּמֶען וִוי שְׁטֶענְדִיג טוֹיזֶנְטֶער אִידְן, אָבֶער דֶער רֶבִּי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען אִין דֶערְהֵיים, עֶר אִיז גֶעוֶוען אִין צַאנְז.

קוּמֶענְדִיג קֵיין צַאנְז אִיז דֶער צַאנְזֶער רֶבִּי גֶעלָאפְן מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה מְקַבֵּל פָּנִים זַיין דֶעם גְרוֹיסְן גַאסְט. בֵּיידֶע צַדִיקִים הָאבְן פֶערְבְּרַאכְט אַ לַאנְגֶע צַייט און צוּרִיק קוּמֶענְדִיג אַהֵיים, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק אוֹיסְגֶערוּפְן צוּ זַיינֶע חֲסִידִים:

— נִישְׁקָשֶׁה, דֶער הֵיילִיגֶער רַאדָאמְסְקֶער אִיז שׁוֹין גְרֵייט צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה און מִיר הַאלְטְן נָאךְ נִישְׁט דֶערְבַּיי.

בַּאלְד ווִי דֶער רַאדָאמְסְקֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין צַאנְז, הָאט אִיהם דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק מְכַבֵּד גֶעוֶוען צוּ דַאוְונֶען דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג שָׁבוּעוֹת פַּארְן עָמוּד. הָאט זִיךְ דֶער רַאדָאמְסְקֶער רֶבִּי אִין אָנְהוֹיבּ אַ בִּיסְל גֶעקְוֶוינְקְלְט, וַוייל עֶר פְלֶעגְט נִישְׁט זָאגְן קֵיין שׁוּם פִּיוּט און אִין צַאנְז הָאט מֶען גֶעמוּזְט אַלְצְדִינְג זָאגְן און מֶען הָאט נִישְׁט גֶעטָארְט

אויסלאָזן דאָס מינדעסטע שטיקל. האָט דאַן דער הייליגער צדיק אַ זאָג געטהון:

— אַז רבי שלמה ראַדאָמסקער דאַוונט פאַרן עמוד דאַרף מען נישט זאָגן קיין פיוטים. זיין דאַוונען אַליין וועט אונז צובריינגען צום מעמד הר סיני.

און וואָס איז דאָ צו מגזם זיין? איך בין זיכער אַז די גאַנצע צאַנזער קלויז מיט אַלע חסידים אין איינעם האָבן דעמאָלט געפיהלט, גלייך ווי זיי וואָלטן שטיין ביים באַרג סיני צו "קבלת התורה", יעדערער האָט דאַן בפירוש געהערט די "קולות וברקים" און עס האָט אַלעמען אַרומגענומען אַ ציטער, נישט צו באַשרייבן!

דער ראַדאָמסקער צדיק, זכותו יגן עלינו, איז געווען אַ כהן. האָט איהם דער הייליגער צדיק געהייסן אויפרופן צו דער ערשטער עליה, און ווען ער האָט זיך גענומען זאָגן "אקדמות" מיט זיין אייגענעם ניגון, האָט אַלעמען אַרומגענומען אַ הייליגע התלהבות און אין זיין גרויסער עקסטאַז האָט דער ראַדאָמסקער גענומען טאַנצן. האָט איהם דער הייליגער צדיק אַרומגענומען און

מִיטְגֶעטַאנְצְט מִיט אִיהם צוּזַאמֶען, בִּיז עֶר אִיז אַוֶועק גֶעפַאלְן אַ פֶערְמַאטֶערְטֶער אוּן דֶער קְרַאנְקֶער פוּס הָאט בַּיי אִיהם אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ צִיטֶערְן. וֶוער עֶס הָאט דָאס גֶעזֶעהן, הָאט עֶרְשְׁט רֶעכְט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין דֶעם טַייטְשׁ פוּן דֶעם פָּסוּק "וַיֶּחֱרַד כָּל הָעָם אֲשֶׁר בַּמַּחֲנֶה".

מֶעהר הָאבּ אִיךְ פוּן אָט דֶעם שְׁמוּעֶס נִישְׁט גֶעהֶערְט, וַוייל אִיךְ הָאבּ גֶעמוּזְט אַרָאפְּשְׁטַייגְן פוּן דֶער בַּאן אוּן עֶס אִיז גֶעוֶוען פָּשׁוּט אַ שָׁאד.

שָׁבוּעוֹת בַּיים "חָפֵץ חַיִים" זצ"ל

בַּיים חָפֵץ חַיִים זצ"ל הָאט מֶען שָׁבוּעוֹת גֶעפִיהלְט דִי יוֹם־טוֹב'דִיגְקַייט מֶעהר וִוי אִין אַנְדֶערֶע יָמִים טוֹבִים. קַבָּלַת הַתּוֹרָה הָאט דָאךְ גֶעבְּרַאכְט דִי וֶועלְט אִיהר תִּקוּן. דִי גַאנְצֶע בְּרִיאָה הָאט דַאן דֶערְגְרֵייכְט אִיהר שְׁלֵימוּת.

בַּיי אִיהם אִיז גֶעוֶועט קְלָאר מֶעהר וִוי צְוֵויי מָאל צְוֵויי אִיז פִיהר, אַז "אִם לֹא בְרִיתִי יוֹמָם וָלַיְלָה חוּקוֹת שָׁמַיִם וָאָרֶץ לֹא שָׂמְתִּי", אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז בַּאשַׁאפְן גֶעוָוארְן אוּן עֶקְזִיסְטִירְט נָאר בִּזְכוּת דֶער תּוֹרָה. אֵייגְנְטְלִיךְ גְלוֹיבְּן אַלֶע פְרוּמֶע אִידְן אַזוֹי — עֶס אִיז אָבֶּער אַ גְרוֹיסֶער חִילוּק. בַּיי פִיהל אִיז אָט דֶער גְלוֹיבְּן נִישְׁט אַיינְגֶעוָוארְצְלְט אַזוֹי טִיף אִין הַארְצְן אַזוֹי וִוי עֶס אִיז גֶעוֶועט בַּיי אִיהם. סְפֵיקוֹת'דִיגֶע מַחֲשָׁבוֹת כַּאפְּן זִיךְ אַמָאל נִישְׁט ווִילְנְדִיג אַרַיין אִין דִי גֶעדַאנְקֶען. זֶעהֶענְדִיג

ווי אַלֶע וָואכֶעדִיגֶע חָכְמוֹת פַארְנֶעמֶען דֶעם אוֹיבְן אָן אוּן דִי תּוֹרָה אִיז עֶלֶנְד אוּן דֶערְנִידֶערִיגְט. אָבֶער בַּיים חָפֵץ חַיִּים זַיינֶען גָאר אַזֶעלְכֶע סְפֵיקוֹת נִישְׁט מֶעגְלִיךְ גֶעוֶוען. מִיט זַיין קְלָארְן קָאפּ, טִיפְן אוּן שַׁארְפְן מֹחַ אִיז עֶר גֶעוֶוען מֶעהר מַאֲמִין ווי דִי יֶעניגֶע וָועלְכֶע הָאבְּן אַזוֹי גַאֲוָה'דִיג דִי חָכְמָה אִין זֵייעֶר מָאנָאפָּאל גֶענוּמֶען. וְעַל כּוּלָם אִיז דֶער חָפֵץ חַיִּים גֶעוֶוען בַּאפַאנְצֶערְט מִיט אֱמוּנָה אוּן צִדְקוּת וָועמֶענְס גְלַייכְן מֶען וָואלְט בַּאדַארְפְט זוּכְן אִין דִי גָאר אַלְטֶע צַייטְן. דֶערִיבֶּער הָאבְּן אוֹיף אִיהם דִי צְוֵוייפְל פַיילְן פוּן דִי אֶפִּיקוֹרְסִים קֵיין שְׁלִיטָה נִישְׁט גֶעקֶענְט הָאבְּן.

דֶער חָפֵץ חַיִּים פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג בַּאטָאנֶען, אַז דִי תּוֹרָה אִיז דֶער קְוַואל פוּן אֱמֶת. לוֹיט זַיין אוֹיפְפַאסוּנְג דַארְף דִי תּוֹרָה נִישְׁט זוּכְן בַּאשְׁטֶעטִיגוּנְגֶען אוֹיף אִיהר אֱמֶת פוּן דִי וֶועלְטְלִיכֶע ווִיסְנְשַׁאפְטְן. פַארְקֶעהְרְט, דִי ווִיסְנְשַׁאפְטְס לַייט דַארְפְן זוּכְן צוּ בַּאשְׁטֶעטִיגְן זֵייעֶרֶע בַּאהוֹיפְּטוּנְגֶען פוּן דֶער תּוֹרָה. עֶר אִיז אַזוֹי ווַייט גֶעגַאנְגֶען אִין זַיין גְלוֹיבְּן, אַז עֶר הָאט זִיךְ אֵיינְמָאל אוֹיסְגֶעדְרִיקְט:

— פון וואַנען ווייסן מיר, אַז מאָרגן וועט די זון אויפגיין? ווייל עס שטייט אַזוי אין דער תּורה — יום ולילה לא ישבותו.

עס איז אַ דבר ידוע אַז דער חפץ חיים איז געווען קלאָר אין די ספרי קבלה. ער איז געווען ווי אין דער היים אין תּורת הנסתר. ער פלעגט אָפּט־מאָל ציטירן גאַנצע מאַמרים פון קבלה. דאָך האָט ער פאַר זיינע געדאַנקען אין אידישקייט זייער זעלטן געזוכט אַ שטיץ־פונקט אין די סודות׳דיגע אויסטייטשונגען פון דער תּורה. אין די רמזים וועלכע ליגן איינגעוויקלט אין איהרע אותיות, נקודות און תּגים. פאַר איהם זיינען גענוג געווען די קלאָרע און דייטליכע פּסוקים פון תּנ״ך און די אונצייליגע מאַמרי חז״ל אין וועלכע ער איז געווען קלאָר אויף אויסנווייניג. אויף זייערע יסודות האָט ער געבויט דעם בנין פון זיינע איבערצייגונגען.

ער פלעגט אָבער שטענדיג אויך באַטאָנען אַז יעדער אות אין דער תּורה האָט אַ טיפע באַדייטונג. די תּורה איז דער פּלאַן פון דער וועלט. אַזוי ווי אַ אַרכיטעקט בויט אויף אַ בנין

לויט אַ פְּרִיעֶר גֶעמַאכְטְן פְּלַאן, אַזוֹי הָאט אוֹיךְ דֶער רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט גֶעבַּיידֶע לויט אַ פָּארְאוֹיס צוּגֶעגְרֵייטְן פְּלַאן. "כִּבְיָכוֹל הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעקוּקְט אִין דֶער תּוֹרָה אוּן הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט" (בְּרֵאשִׁית רַבָּה א'), אוֹיבּ מֶען פֶּערְפֶעהלְט עֶפֶּעס פוּן דֶעם פְּלַאן קוּמְט דַאן דֶער בִּנְיָן אַרוֹיס אַ צוּשֶׁעדִיגְטֶער אוּן אַמָאל פֶעהלְן אִין אִיהם דִי ווִיכְטִיגְסְטֶע פוּנְדַאמֶענְטַאלֶע טֵיילְן. כָאטְשׁ אוֹיפְן פַּאפִּיר זַיינֶען זֵיי פַארְצֵייכְנְט בְּלוֹיז דוּרְךְ קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלַאךְ וֶועלְכֶע דֶער אַיינְפַאכֶער מֶענְטְשׁ בַּאמֶערְקְט קוֹים. אַזוֹי אוֹיךְ יֶעדֶער אוֹת פוּן דֶער תּוֹרָה בַּאוַוייזְט אוֹיף אַ טֵייל פוּן דֶער וֶועלְט. דֶערִיבֶּער אוֹיבּ עֶס פֶעהלְט אִין סֵפֶר תּוֹרָה אֲפִילוּ אֵיין אוֹת אִיז דֶער סֵפֶר פָּסוּל. אַזוֹי ווִי דֶער תַּנָא רַבִּי יִשְׁמָעֵאל הָאט אוֹיפְמֶערְקְזַאם גֶעמַאכְט רַבִּי מֵאִיר'ן וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ סוֹפֵר: דַיין אַרְבֶּעט אִיז אַ הֵיילִיגֶע. זַיי פָארְזִיכְטִיג, מַיין זוּהן, נִישְׁט צוּ פַארְפֶעלְן, אָדֶער צוּגֶעבְּן אֵיין אוֹת, וַוייל דוּרְכְדֶעם קֶענְסְטוּ חָרוּב מַאכְן דִי וֶועלְט (עֵרוּבִין י"ג ע"א).

מִיט אַ בַּאזוּנְדֶער פַארְגֶענִיגְן פְּלֶעגְט דֶער חָפֵץ חַיִים תָּמִיד רֶעדְן וֶועגְן דֶער אוּנְשֶׁעצְבַּארֶער וֶוערְד פוּן דֶער תּוֹרָה. עֶר פְּלֶעגְט בַּאדוֹיעֶרְן דִי קְלֵיינֶע

צָאל מְבִינִים אויף דֶער תּוֹרָה. עֶר פְלֶעגְט זִיךְ אָבֶער טְרֵייסְטְן מִיט דֶעם גֶעדַאנְק אַז וָואס אַ זַאךְ אִיז זֶעלְטֶענֶער און טַייעֶרֶער אַלְץ ווינְצִיגֶער מְבִינִים זַיינֶען פַארְהַאן אויף דֶעם. און די תּוֹרָה אִיז דָאךְ "יְקָרָה מִפְּנִינִים", זֶעלְטֶענֶער ווי דֶער שֶׁעהנְסְטֶער בְּרִילְיַאנְט.

וֶועגְן דֶער קְלֵיינֶער צָאל יְשִׁיבָה בַּחוּרִים וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ הַיינְט פְּרָאפָּארְצְיָאנֶעל אִין דֶער וֶועלְט, פְלֶעגְט עֶר נֶעמֶען אַלְס מוּסְטֶער זַיין אֵייגֶענֶע יְשִׁיבָה מִיט אִיהרֶע תַּלְמִידִים וֶועלְכֶע לֶערְנֶען הַיינְט מִיט פִיהל מֶער מְסִירוּת נֶפֶשׁ ווִי די אַמָאלִיגֶע. אויסְשְׁטֵייעֶנְדִיג נִסְיוֹנוֹת און שְׁטֶערוּנְגֶען פון די פְרַייעֶ וֶועלְכֶע אַרְבֶּעטְן מַעֲשִׂים זֵיי אָוֶועקְצוּרַייסְן פון דֶער תּוֹרָה. "וָואס אִיז די נַפְקָא מִינָה, צוּ אֵיינֶער הָאט אַ גַאנְצְן שְׁרַאנְק מִיט זִילְבֶּער, צוּ אֵיינֶער הָאט אִין אֵיין קֶעסְטֶעלֶע אַ בְּרִילְיַאנְט? עֶס אִיז אַלְס אֵיינְס. בַּיים אוֹיבֶּערְשְׁטְן זַיינֶען דָאס בִּיסְל בְּנֵי תּוֹרָה חָשׁוּב אַזוֹי ווִי אַ סַאךְ".

עֶס פְלֶעגְט זַיין מַרְגְלָא בְּפוּמֵיהּ:

— "מָה אָהַבְתִּי תוֹרָתֶךָ, כָּל הַיּוֹם הִיא שִׂיחָתִי". — "אַ זַאךְ וָואס מֶען הָאט שְׁטַארְק לִיבּ,

גְלַייכְט מֶען צוּ רֶעדְן וֶועגְן דֶעם כְּסֵדֶר״. אוֹיךְ וָואס מֶעהר מֶען רֶעדְט אִין תּוֹרָה אַלְץ גְרֶעסֶער אוּן שְׁטַארְקֶער וֶוערְט דִי אַהֲבַת הַשֵּׁם. אַזוֹי וֶוערְט טַאקֶע עֶרְקְלֶעהְרְט אִין ״סִפְרִי״ : — אֵייגְנְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי זָאגְט אָן דִי תּוֹרָה ״וְאָהַבְתָּ אֶת ה׳״, לִיבֶּע אִיז דָאךְ אַ גֶעפִיהל זַאךְ. אוֹיבּ עֶס פֶעהלְט בַּיים מֶענְטְשְׁן אַזַא רֶגֶשׁ קֶען דָאךְ עֶס נִישְׁט גֶעשַׁאפְן וֶוערְן דוּרְךְ אַ בַּאפֶעהל ? דֶער עֶנְטְפֶער וֶוערְט אָבֶּער גְלַייךְ גֶעגֶעבְּן אִין דֶעם קוֹמֶענְדִיגְן פָּסוּק — ״וְהָיוּ הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה... עַל לְבָבֶךָ, וְשִׁנַּנְתָּם לְבָנֶיךָ וְדִבַּרְתָּ בָּם״. ד. ה. דוּרְךְ רֶעדְן אוּן לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה קוּמְט מֶען מְמֵילָא צוּ אַהֲבַת הַשֵּׁם, דֶער גֶעפִיהל וֶוערְט דַאן פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט עֶנְטְוִויקֶלְט.

עֶס אִיז קֵיין ווּאוּנְדֶער נִישְׁט וָואס זַייעֶנְדִיג בַּיים חָפֵץ חַיִּים פְלֶעגְט מֶען פַייעֶרְן דֶעם יוֹם טוֹב פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה מִיט אַ אוּנְגֶעהוֹיעֶרֶע חֶדְוָה וְשִׂמְחָה. שָׁבוּעוֹת, דֶער מֹחַ אוּן נְשָׁמָה פוּן אַלֶע אִידִישֶׁע יָמִים טוֹבִים, אִיז בַּאטְרַאכְט גֶעוָוארְן אַלְס דֶער פַּאסִיגְסְטֶער יְשִׁיבָה־יוֹם־טוֹב.

עֶרֶב שָׁבוּעוֹת פְלֶעגְט מֶען צוּרוּקְן אַלֶע בֵּיינְק צוּ דִי וֶוענְט אֵיינֶע אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶע מִיט דִי

שְׁטֶענְדֶערְס אוֹיף זַיי, אוּן דֶער צֶענְטֶער פוּן דֶעם גְרוֹיסְן יְשִׁיבָה זַאל אִיז גֶעבְּלִיבְּן לֵיידִיג כְּדֵי אַלֶע זָאלְן קֶענֶען זִינְגֶען אוּן טַאנְצְן אוּנְגֶעשְׁטֶערְט. דִי לוּפְט אִיז גֶעוֶוען אָנְגֶעפִילְט מִיט דִי פַארְשִׁידֶענֶע טֶענֶער אוּן קְלַאנְגֶען פוּן נְגִינָה. דִי נִגוּנִים אַזוֹי וְוִי זֵייעֶרֶע זִינְגֶער הָאבְּן דוּרְכְגֶעמַאכְט אַ סָארְט קִיבּוּץ גָלוּיוֹת. עֶס הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמֶענְגֶעגָאסְן גָלוּת אוּן שְׁמֶערְץ מִיט גְאוּלָה שְׁטְרֶעבּוּנְגֶען, מָשִׁיחַ בֵּיינְקֶעניש אוּן בִּטָחוֹן, פַארְצְוֵוייפְלוּנְג אוּן הָאפְנוּנְג, עַצְבוּת אוּן שִׂמְחָה, א. א. וו. דֶער קַאוְוקַאזֶער פָּרוּשׁ מִיט זַיין אָרְיֶענְטַאלִישֶׁע דְבֵקוּת'דִיגְקַייט, דֶער אוּקְרַאִינֶער מִיט זַיין צַעַר אוּן בְּרֵייטְהַארְצִיגְקַייט, דֶער בֶּעסַארַאבְּיֶער מִיט זַיין וָואלַאכִישֶׁע גֶעשְׁלֵיינְגֶלְטֶע הִימְל-קְלֶעטֶערוּנְג, דֶער רוּסִישֶׁער מִיט זַיין וָואלְגַא אָפְנְהַארְצִיגְקַייט אוּן עַקְשָׁנוּת'דִיגֶע אוֹיסְגֶעהַאלְטְנְקַייט, דֶער דַייטְשֶׁער מִיט זַיין עֶרְנְסְט אוּן פּוּנְקְטְלִיכְקַייט, דֶער פּוֹילִישֶׁער מִיט זַיין חֲסִידִישֶׁע שִׂמְחָה אוּן הִתְפַּשְׁטוּת הַגַשְׁמִיוּת. דֶער חַבַּ"ד'נִיק מִיט זַיין פְּנִימִית-שֶׁבִּפְנִימִיוּת'דִיגְקַייט אוּן עוֹלָמוֹת עֶלְיוֹנִים'דִיגְן עֶקְסְטַאז. דֶער לִיטְוַואק מִיט זַיין אוֹמֶעט, פַּשְׁטוּת אוּן קַאלְטְקַייט. אַלֶע קוֹלוֹת הָאבְּן גֶעפוּנֶען זֵייעֶר רִיטְמִישְׁן אוֹיסְדְרִיק אִין אֵיין הַארְצִיגֶע אוּן זִיסֶע

האַרְמָאנְיֶע, וָועלְכֶעס הָאט אַלֶעמֶען טִיף בַּאגַייסְטֶערְט און דֶערְהוֹיבְּן אִין אַנְדֶערֶע וָועלְטְן.

דִי פְרֵיילִיכְקַייט אִיז גֶעוֶוען אָין לְשַׁעַר. דֶער חָפֵץ חַיִּים פְלֶעגְט פוּן דֶערְוַוייטְנְס שְׁטֵיין, זִיךְ צוּהֶערְן און צוּקוּקְן און זַיין פָנִים פְלֶעגְט שְׁטְרַאלְן פַאר שִׂמְחָה. אַלֶעס און אַלֶע הָאבְּן גֶעטַאנְצְט. עֶס הָאבְּן גֶעטַאנְצְט דִי תַּלְמִידִים מִיט דִי רָאשֵׁי הַיְשִׁיבָה און הָאבְּן זִיךְ צוּזַאמֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מְשַׂמֵחַ גֶעוֶוען — אַלֶע אוֹיסֶערְן חָפֵץ חַיִּים.

אוֹיף דֶער פְרַאגֶע פוּן זַיינֶע מְקוֹרָבִים אֶפְשֶׁר וֶועט עֶר אוֹיךְ מִיטְטַאנְצְן. הָאט דֶער חָפֵץ חַיִּים גֶעעֶנְטְפֶערְט:

— נֵיין, ווי קוּם אִיךְ? אוֹיף צוּ טַאנְצְן אִין דֶער יְשִׁיבָה בִּין אִיךְ נִישְׁט רָאוּי...

*

אֵיינְמָאל אַ יוֹם טוֹב וֶוען דֶער עוֹלָם אִיז גֶעוָוארְן שְׁטַארְק בְּגִילוּפִינְדִיג, הָאבְּן דִי בַּחוּרִים אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן דִי רָאשֵׁי הַיְשִׁיבָה אִין דֶער הוֹיךְ. קֵיינֶער הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוַואגְט אַזוֹי צוּ טְהוּן

אויף מיטן חפץ חיים אויסער איין בחור, וועלכער האט איהם א כאפ געטהון און אויפגעהויבן אין דער הויך. דער צדיק האט עס אבער נישט געוואלט ליידן און האט שטארק מקפיד געווען אויף דעם און האט זיך כמעט אנגעבייזערט אויפן בחור. א ווייל שפעטער איז ער צוגעגאנגען צום בחור און איבערבעטנדיג איהם האט ער באמערקט:

— פארשטייט איהר מיר. א מענטש דארף זיך נישט לאזן הויבן העכער ווי ער איז באמת...

דער שארפזיניגער הומאר און געבוירענער טאלענט, וועלכע פיהל בני הישיבה האבן פארמאגט, האט א סאך צוגעגעבן צו דער פארביגקייט פון דער אייגנארטיגער שבועות־פייערונג. עס האט זיך למשל איינמאל אוועקגעשטעלט אויף דער בימה א בחור, א פייערדיגער רעדנער, באקאנט אלס מענדל בריסקער און האט פראטעסטירט קעגן דעם מנהל הישיבה, דער גאון וצדיק, רבי צבי הירש לעווינסאן. אז דער לעצטער איז נישט ווייטזיכטיג גענוג און אלס מנהל וואלט ער זיך אויף

בַּאדַארְפְט רֶעכֶענֶען מֶעהר מִיט אֵיכוּת (קְוַואלִיטֶעט) ווי מִיט כַּמוּת (קְוַואנְטִיטֶעט)...

— אַזוֹי ווי עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ צְווִישְׁן דִי אַמָאלִיגֶע תַּלְמִידִים פוּן דֶער רַאדִינֶער יְשִׁיבָה אַזֶעלְכֶע בַּארִיהמְטֶע רָאשֵׁי יְשִׁיבָה ווִי דִי גְאוֹנִים רַבִּי אִיסֶר זַלְמָן מֶלְצֶר (סְלוּצְק - יְרוּשָׁלַיִם) רַבִּי אֶלְחָנָן וַואסֶערְמַאן (בְּרַאנָאווִיץ) רַבִּי אֱלִיעֶזֶר יְהוּדָה פִינְקֶל (מִיר). רַבִּי יוֹסֵף כַּהֲנְמַאן (פָּאנָאוֶועז), רַבִּי פֶּסַח פְּרוּסְקִין (קָאבְּרִין) א.א.וו. זֵיי אַלֶע גִיבְּן אַרוֹיס יֶעדְן יָאהר צֶענְדְלִיגֶער תַּלְמִידִים, אוּן שִׁיקְן זֵיי אִין רַאדִין לֶערְנֶען. זֵייעֶרֶע תַּלְמִידִים וֶועלְן דָאךְ שְׁפֶּעטֶער אוֹיךְ אַרוֹיסְגֶעבְּן תַּלְמִידִים, אוּן דִי תַּלְמִידִים וַוייטֶער תַּלְמִידִים.

— אוּן וָואס מֵיינְט אִיהר רֶבִּי — הָאט עֶר זִיךְ דִירֶעקְט גֶעוֶועְנְדֶעט צוּ רַבִּי הִירְשׁ'ן — אִיךְ מֶענְדְל ווֶעל זַיין אַ קֶטְלָא קַנְיָא חָלִילָה? אִיךְ וֶועל אוֹיךְ שַׁאפְן פַאר אַייךְ תַּלְמִידִים! נִמְצָא, אַז דָא טַאנְצְן נִישְׁט קַיין הוּנְדֶערְטֶער, נָאר פִיהלֶע טוֹיזְנְטֶער תַּלְמִידִים, אוֹיב נִישְׁט בְּפוֹעַל, בְּכֹחַ גֶעווִיס. פְרֶעג אִיךְ אַייךְ רֶבִּי, פַאר אַזוֹי פִיהל טוֹיזְנְטֶער תַּלְמִידִים אִיז גֶענוּג דָאס בִּיסְל מַשְׁקֶה אוּן פַארְבַּייסֶעכְטְס?

אַלֶע הָאבּן גֶעלַאכְט און דֶעם דַרְשָׁן שְׁטַארְק אַפְּלָאדִירְט, און רַבּי צְבִי הִירְשׁ הָאט מִיט אַ גוּטְמוּטִיגְן שְׁמֵייכְל אִיהם גְלַייךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט:

— גְרֵייט אִיהר נָאר מֶענְדְל פְּרִיעֶר צוּ דִי תַּלְמִידִים, און אִיךְ פוּן מַיין זַייט וֶועל זִיךְ שׁוֹין סְטַארֶען צוּצוּגְרֵייטְן דִי מַשְׁקֶה — און מֶען הָאט וַוייטֶער גֶעטַאנְצְט.

*

אֵיינְמָאל דֶעם צְוֵויטְן טָאג שָׁבוּעוֹת אִינְמִיטְן אַ הִתְלַהֲבוּת'דִיגְן טַאנְץ, הָאט זִיךְ רַבּי הִירְשׁ אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט און אָנְגֶעפַאנְגֶען רֶעדְן מִכֹּחַ דֶעם הֵיילִיגְן פַייעֶר פוּן רֵיינֶער אֱמוּנָה וָואס הָאט זִיךְ אָנְגֶעצוּנְדְן אִין הַארֶץ פוּן גֵר צֶדֶק, דֶער גֶעוֶועזֶענֶער גְרַאף פָּאטָאצְקִי, וֶועלְכֶער אִיז צוּלִיב זַיין אִידִישְׁקַייט פַארְבְּרֶענְט גֶעוָוארְן פוּן דֶער קַאטוֹילִישֶׁער קִירְכֶע אִין ווילְנָא דֶעם צְוֵייטְן טָאג שָׁבוּעוֹת פוּן יָאהר תק"ט. און דֶערְצֵיילְט הָאט עֶר אַזוֹי:

— דִי בְּרוּטַאלֶע אִינְקְוִיזִיטָארְן שְׁפָּאטְנְדִיג פוּן זֵייעֶר קָרְבָּן, וֶועלְכֶער הָאט זִיךְ אַיינְגֶע'עַקְשְׁנְט

און נִישְׁט גֶעוָואלְט וֶוערְן צוּרִיק אַ קְרִיסְט טְרָאץ אַלֶע סְטְרַאשׁוּנְגֶען, הָאבְּן פַאר דֶער עֶקְזֶעקוּצְיֶע גֶעזָאגְט צוּ אִיהם:

— דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט וֶועלְט זַיינֶען מִיר זִיךְ נוֹקֵם אִין דִיר, מִיר בְּרֶענֶען אוּן בְּרָאטְן דִיר. דֶערְפַאר דָארְטְן אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט וֶועסְטוּ זִיךְ שׁוֹין אָפְּרֶעכֶענֶען מִיט אוּנְז.

הָאט דֶער גֵר צֶדֶק מִיט אַ רוּהִיגְן אוּן עֶרְנְסְטְן שְׁמֵייכְל, פְרֵיי פוּן כַּעַס אוּן נְקָמָה, גֶעעֶנְטְפֶערְט זַיינֶע בְּלוּט דָארְשְׁטִיגֶע פֵיינְיגֶער אַזוֹי:

— אַלְס יוּנְגֶער בָּחוּר פְלֶעג אִיךְ אוֹיף מַיין פָאטֶערְס גוּט, נִישְׁט הָאבְּנְדִיג קֵיין אַנְדֶערֶע, זִיךְ שְׁפִּילְן מִיט דִי פוֹיעֶרִישֶׁע קִינְדֶער. אֵיינְמָאל אַרְבֶּעטְנְדִיג אַ לַאנְגֶע צַייט אִיז מִיר גֶעלוּנְגֶען אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן פוּן לֵיים שֵׁיינֶע צוּרוֹת פוּן סָאלְדַאטְן אוּן אִיךְ הָאבּ זֵיי אִין אַ שׁוּרָה אַלֶע אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אִין גָארְטְן. זַיינֶען גֶעקוּמֶען דִי פוֹיעֶרִישֶׁע קִינְדֶער אוּן הָאבְּן מִיט זֵייעֶרֶע שְׁטִיוול אַלֶעס צוּבְּרָאכְן אוּן צוּבְּרֶעקֶלְט אוֹיף שְׁטוֹיבּ. וֶוען אִיךְ הָאבּ דָאס אוֹיסְגֶעפוּנֶען, בִּין אִיךְ אַ פַארְבִּיטֶערְטֶער אַרַיינְגֶעלָאפְן צוּ מַיין פָאטֶער און

מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן דֶערְצֵיילְט אִיהם פוּן מַיין כְּלוֹמֶר׳שְׁטְן אוּמְגְלִיק, פָּאדֶערְנְדִיג אַז עֶר זָאל דִי צוּשְׁטֶעֶרְס שְׁטְרֵיינְג בַּאשְׁטְרָאפְן. אָבֶער מַיין פָּאטֶער הָאט אַנְשְׁטָאט דֶעם, מִיר גָאר גֶע׳מוּסָר׳ט. אַזוֹי ווִי אִיךְ בִּין מֶער גֶעלֶערְנְט ווִי דִי פוֹיעֶרִישֶׁע קִינְדֶער, דַארְף אִיךְ נִישְׁט פָּאדֶערְן קֵיין שְׁטְרָאף פַאר זֵיי. הָאבּ אִיךְ זִיךְ גֶעטְרַאכְט, יֶעצְט בִּין אִיךְ טַאקֶע מַאכְטְלָאז, דֶערְפַאר ווֶען אִיךְ וֶועל עֶלְטֶער ווֶערְן ווֶעל אִיךְ זִיךְ שׁוֹין נוֹקֵם זַיין אִין דִי צוּשְׁטֶעֶרֶס. ווִי פַארְשְׁטֵייט אִיהר, ווֶען אִיךְ בִּין עֶלְטֶער גֶעוָוארְן אִיז מִיר ווֶען אוֹיפְן גֶעדַאנְק גֶעקוּמֶען צוּ נֶעמֶען נְקָמָה פוּן זֵיי? ווָאס הָאבְּן זֵיי אַלְס אוּמְווִיסְנְדֶע קִינְדֶער דַאן גֶעטְהוּן צוּ מִיר, זֵיי הָאבְּן צוּבְּרָאכְן לֵיימֶענֶע ווֶעזְנֶס, צוּטְרָאטְן בְּלָאטֶע!!

— דָאס זֶעלְבֶּע — הָאט זִיךְ דֶער גֵר גֶעוֶוענְדֶעט צוּ זַיינֶע בַּאדְרִיקֶער — דֵיינְקְט אִיהר אַז אוֹיפְן עוֹלָם הָאֱמֶת ווֶען אִיךְ וֶועל זֶעהְן אַלֶעס קְלָאר מִיט מַיין שֵׂכֶל, ווֶעט מִיר דַאמָאלְס לִיגְן אִין זִינֶען זִיךְ אָפְּצוּרֶעכֶענֶען מִיט אַייךְ, ווַייל אִיהר הָאט אִין אַייעֶר אוּמְווִיסְנְהַייט גֶעבְּרֶענְט מַיין פְלֵייש, גֶעבְּרָאטְן מַיינֶע בֵּיינֶער, ווֶעלְכֶע זַיינֶען לֵיים אוּן

עֶרְד ? !...

— אָט דָאס מֵיינְט שְׁטַארְקַייט אִין אֱמוּנָה !

— הָאט רַבִּי הִירְשׁ מִיט טְרֶערְן אויסְגֶעפִּיהרְט.

מַעֲמַד הַר סִינַי

וֶועגְן דֶעם בַּארִימְטְן צַדִיק דֶער רֶבִּי רַבִּי הֶערְשֶׁעלֶע זִידִיטְשׁוֹיבֶער זצ״ל, פְלֶעגְן חֲסִידִים דֶערְצֵיילְן, אַז דַיין הִתְלַהֲבוּת וָואס עֶר הָאט אַרוֹיס גֶעוִויזְן שָׁבוּעוֹת בַּיים דַאוְונֶען און בֶּעזוּנְדֶערְס בַּיי קְרִיאַת הַתּוֹרָה, אִיז גֶעוֶוען חוּץ מִדֶרֶךְ הַטֶבַע. מֶען הָאט גֶעקֶענְט פִיהלְן בְּחוּשׁ, אַז עֶר אִיז מַמֶשׁ מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה, וִוי אִידְן הָאבְּן עֶס גֶעטְהוּן דָארְטְן בַּיים בַּארְג סִינַי.

עֶס אִיז דֶערִיבֶּער נִישְׁט קֵיין חִידוּשׁ וָואס גֶעהוֹיבֶּענֶע חֲסִידִים הָאבְּן עֶס גֶעהַאלְטְן פַאר אַ גְרוֹיסֶע זְכִיָה קוּמֶען צוּם צַדִיק אוֹיף דֶעם יוֹם טוֹב פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה. אַזוֹי וִוי אוֹיף יָמִים נוֹרָאִים פְלֶעגְט זִיךְ בַּיים צַדִיק צוּנוֹיפְקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם וָואס הָאט גֶעוָואלְט הָאבְּן דִי זְכִיָה צוּ דַאוְונֶען צוּזַאמֶען מִיטְן רֶבִּין — אַזוֹי אִיז אוֹיף

שָׁבוּעוֹת אוֹיף גֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם, וַוייל דִי חֲסִידִים הָאבְּן פָּשׁוּט גֶעשֶׁעפְּט נַחַת פוּן דֶער גְרוֹיסֶער הִתְלַהֲבוּת, וָואס זֵיי הָאבְּן דַאן גֶעזֶעהן בַּיים צַדִיק.

צְווִישְׁן דִי חֲסִידִים הָאט זִיךְ אַרוּמְגֶעטְרָאגְן מִפֶּה אֶל פֶּה, אַז וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוּן מֶען קוּקְט זִיךְ צוּ ווִי אַזוֹי דֶער צַדִיק זָאגְט אַקְדָמוּת, אוּן וֶוען עֶר לֵייעֶנְט נָאכְדֶעם דִי עֲשֶׂרֶת הַדִבְּרוֹת, הֶערְט מֶען מַמָשׁ דִי קוֹלוֹת וּבְרָקִים, וָואס דִי אִידְן הָאבְּן גֶעהֶערְט אוֹיפְן בַּארְג סִינַי. אַ סַאךְ חֲסִידִים הָאבְּן שׁוֹין דְרַיי טֶעג פְרִיעֶר, דוּרְךְ דִי גַאנְצֶע שְׁלשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה, זִיךְ צוּגֶעגְרֵייט צוּ קוּמֶען אוֹיף שָׁבוּעוֹת אִין דֶער מְחִיצָה פוּן צַדִיק בִּקְדוּשָּׁה וּבְטָהֳרָה.

דֶערְצֵיילְן זִידִיטְשׁוֹיבֶער חֲסִידִים אַזַא מַעֲשֶׂה:

צוּ אֵיינֶעם אַ אַלְטְן חָסִיד וָואס הָאט נָאךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אִין דֶער מְחִיצָה פוּן דֶעם בֶּערִימְטְן חוֹזֶה פוּן לוּבְּלִין, זַיינֶען דֶערְגַאנְגֶען דִי רֵייד מִכֹּחַ דֶער זִידִיטְשׁוֹיבֶער צַדִיק. חִדוּשְׁט עֶס אִיהם זֵייעֶר שְׁטַארְק. עֶר אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען שָׁבוּעוֹת בַּיים לוּבְּלִינֶער זצ"ל, עֶר הָאט שׁוֹין גֶעזֶעהן מִיט וָואס פַּאר אַ הִתְלַהֲבוּת אוּן קְדוּשָּׁה דֶער יוֹם טוֹב אִיז

דאָרט געפּראַוועט געוואָרן, אָבער קײנער האָט איהם אַזעלכעס וועגן זײַן רבין נישט דערצײלט. אמת, אויך דאָרטן האָט מען געזעהן אַזוינס וואָס מען קען נישט פּשוט אַרויסברײנגען מיטן מויל, פונדעסטוועגן נישט דאָס וואָס ער הערט יעצט וועגן דעם זידיטשויבער צדיק.

טראַכט נישט לאַנג דער אַלטער חסיד און באַשליסט בײַ זיך, אַז דעם קומענדיגן שבועות וועט ער פאַרברײנגען אין זידיטשויב. ער מוז אַלײן זעהן און הערן.

אַזוי איז טאַקע געווען. נאָך אַ וואָך פאַר שבועות איז שוין דער חסיד געווען אין זידיטשויב. מען האָט איהם דאָרט אויפגענומען מיט גרויס ליבשאַפט. עפּעס אַ קלײניגקײט, אַ חסיד פון לובלינער צדיק. דער רבי איז דאָך אויך געווען דעם לובלינער'ס אַ תלמיד מובהק. דער חסיד האָט אויך הנאה געהאַט צו זײַן אין אַזאַ מסיבה, און זיך משתעשע זײַן מיט דעם גרויסן צדיק אין נגלה און בעזונדערס אין נסתר. ער זאָגט אָבער גאָרנישט וואָס עס האָט איהם געבראַכט צום רבין, און דער צדיק אַלײן פרעגט איהם אויך

גָארְנִישְׁט וֶועגְן דֶעם, אַזוֹי וִוי עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעווּאוּסְט בִּכְלָל פוּן דֶעם חָסִיד׳ס קוּמֶען. עֶס קוּמֶען דָאךְ אַזוֹי פִיהל חֲסִידִים אוֹיף יוֹם טוֹב, אִיז גֶעקוּמֶען נָאךְ אַ חָסִיד.

פִיהר טֶעג פַאר שָׁבוּעוֹת, וֶוען דֶער אַלְטֶער חָסִיד אִיז אַרַיין צוּם צַדִיק אִין זַיין חֶדֶר מְיוּחָד, הָאט דֶער זִידִיטְשׁוֹיבֶער זַצַ״ל כִּלְאַחַר יַד אִיהם אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן, אוֹיבּ עֶר טְרַאכְט צוּ פֶערְבְּלַייבְּן אוֹיךְ אוֹיף יוֹם טוֹב בַּיי אִיהם, אוּן אַז דֶער חָסִיד הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז יָא, פְרֶעגְט אִיהם דֶער רֶבִּי, צוּ עֶר, דֶער חָסִיד, אִיז זִיךְ שׁוֹין מֵכִין צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, וַוייל עֶר אַלֵיין, דֶער צַדִיק הֵייסְט עֶס, מַאכְט שׁוֹין הֲכָנוֹת פַאר דֶער הֵיילִיגֶער שָׁעָה פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה. דֶער צַדִיק גִיט אִיהם אוֹיךְ צוּ פַארְשְׁטֵייןְ אַז עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קֵיין פַארְאִיבְּל אוֹיף אִיהם וָואס דוּרְךְ דִי שְׁלשֶׁת יְמֵי הַגְבָּלָה נֶעמְט עֶר נִישְׁט אוֹיף קֵיין חֲסִידִים בִּיְחִידוּת, וַוייל עֶר וִויל זַיין אַלֵיין כְּדֵי זִיךְ קֶענֶען צוּגְרֵייטְן צוּם יוֹם טוֹב.

דֶער אַלְטֶער חָסִיד הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען דָאס עֶר וֶועט זִיךְ צוּגְרֵייטְן צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה וִוי עֶס בֶּעדַארְף צוּ זַיין.

עס איז געקומען שבועות צום דאַװנען, װײזט איהם אָן דער שמש אַ אָרט צו דאַװנען, ממש אַנטקעגן דעם צדיק. טהוט עס איהם זײער הנאה, יעצט װעט ער קענען זעהן דעם צדיק אין זײן התלהבות.

און באמת איז דער חסיד געװאָרן אױסער זיך װען מען האט זיך געשטעלט דאַװנען, און ער האָט דערזעהן מיט װאָס פאַר אַ התלהבות דער צדיק דאַװנט. עס האָט זיך איהם געדוכט דאָס ער צוגײט פון מתיקות. אַזאַ מין דאַװנען האָט ער שוין אַ לאַנגע צײט נישט געהערט. עס האָט זיך געפיהלט אַ אױסערגעװײנליכע קדושה.

אָפּגעדאַװנט שחרית, מען נעמט זיך צו קריאַת התורה, מען הױבט אָן צו זאָגן אַקדמות. שטעלט אָן דער חסיד מױל און אױערן. יעצט װעט ער זעהן צו עס האָט אַ ממשות, װאָס חסידים רעדן. האַלט ער די אױגן כסדר געװענדעט צום צדיק.

און אַזױ באַלד װי ער האָט דערהערט פון צדיק׳ס מױל דעם ערשטן חרוז פון אַקדמות, האט דעם חסיד גענומען דוכטן אַז ער הערט נישט קײן

וֶוערְטֶער, נָאר עֶפֶּעס רוֹישְׁט אִיהם אִין דִי אוֹיעֶרְן, אַזוֹי ווִי פוּן וַוייטְן וָואלְט עֶס גֶעדוּנֶערְט. אוּן מִיט יֶעדְן חֲרוּז וַוייטֶער וֶוערְט אַלְץ דֶער גֶערוֹישׁ שְׁטַארְקֶער אוּן שְׁטַארְקֶער. דִי אוֹיעֶרְן קֶענֶען עֶס נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן אוּן בַּאלְד דוּכְט זִיךְ אִיהם אוֹיךְ ווִי עֶר זֶעהט פְלַאמֶען פַייעֶר שְׁפְּרִיצְן פַאר זַיינֶע אוֹיגְן, מַמָּשׁ עֶס בְּלִיצְט.

פַאלְט דֶעם חָסִיד אַיין דָאס הַארְץ, אַ אוֹיסֶערְגֶעוֶוינְלִיכֶע צִיטֶערְנִישׁ בַּאפַאלְט אִיהם, עֶר כַאפְּט זִיךְ אָן פַארְן שְׁטֶענְדֶער מִיט דִי בֵּיידֶע הֶענְד, מוֹרָא הָאבְּנְדִיג עֶר זָאל נִישְׁט אוּמְפַאלְן. אוּן וָואס וַוייטֶער אוּן וַוייטֶער וֶוערְט דִי קוֹלוֹת אַלְץ שְׁטַארְקֶער אוּן שְׁטַארְקֶער, דִי בְּלִיצְן אַלְץ גְרֶעסֶער אוּן עֶר הֶערְט ווִי עֶס טְרָאגְן זִיךְ קוֹלוֹת פוּן אַ שׁוֹפָר, וָואס בְּלָאזְט אַזוֹי שְׁטַארְק, אַזוֹי אַיינְדְרוּקְס־פוּהל, דִי קוֹלוֹת פוּן שׁוֹפָר דְרִינְגֶען אִיהם אַרַיין טִיף אִין זַיין נְשָׁמָה אוּן זַיין הַארְץ נֶעמְט קְלַאפְּן אַזוֹי גִיךְ, אַז אָט אָט אוּן דָאס הַארְץ וֶועט מֶער נִישְׁט קֶענֶען אוֹיסְהַאלְטְן. דֶער שׁוֹפָר רוּפְט, וֶועקְט, מוּסָר׳ט, אוּן בַּאפֶעהלְט צוּ זַיין גְרֵייט צוּ הֶערְן בַּאלְד דִי הֵיילִיגֶע גֶ־טְלִיכֶע וֶוערְטֶער.

װערט דער חסיד זײער צוטומלט. ער פּיהלט אַז ער קען דאס מער נישט אױסהאַלטן. בעשליסט ער בײ זיך, אַז ער װעט אַװעקרײסן די אױגן פון רבין, און װעט בעסער אַרײנקוקן אין סדור און נאכזאָגן די אַקדמות. נעמט ער דעם סדור און װענדעט זײן בליק צו די אַקדמות — אָבער װי דערשראָקן איז ער געװאָרן, װען ער האט מיט אַמאל דערפּיהלט, אַז ער זעהט נישט מעהר. עפּעס זעהט ער פאר זיך אַ שרעקליכן געדיכטן פינסטערן װאָלקן און מעהר גאָרנישט.

דער חסיד פארגעסט שױן אין אַלעס. נעמט זיך שטאַרק רײבן די אױגן, אָבער אומזיסט, ער זעהט שױן נישט אין סדור, ער זעהט נישט דעם צדיק, ער זעהט נישט די מתפּללים, ער זעהט אַפילו נישט די שוהל, אַזױ װי עס װאָלט געװען נישט אין מיטן אַ שײנער זומער טאָג, נאָר אין אַ פינסטערע נאַכט. טראַכט ער בײ זיך אַז דאס איז מסתמא פאר איהם אַ שטראָף װאָס ער איז געקומען אױספּרובירן דעם צדיק׳ס גרױסקײט. עס טהוט איהם שױן באַנק אױף דעם גאַנצן געשעפט, און ער קלערט אַז באַלד נאָכן דאװנען װעט ער צוגײן צום צדיק און מיט גרױס געװײן איהם

אַיינְבֶּעטְן עֶר זָאל אִיהם מוחֵל זַיין און צוּרִיק קֶעהרְן זַיין רְאִיָה.

אָבֶער עֶס הָאט נִישְׁט לַאנְג גֶענומֶען און דֶער חָסִיד הָאט גֶענומֶען פִיהלֶן, ווִי עֶפֶּעס וֶוערְט דִי פִּינְסְטֶערְנִישׁ צוּרוּנֶען. דֶער גֶעדִיכְטֶער וָואלְקְן אַרוּם זַיינֶע אוֹיגְן נֶעמְט זִיךְ פְּלוּצְלוּנְג פוּנַאנְדֶערְגֵיין. עֶס הוֹיבְּט אָן צוּ וֶוערְן אַלְץ לִיכְטִיגֶער און לִיכְטִיגֶער, און בַּאלְד הָאט דֶער חָסִיד דֶערְפִּיהלְט, אַז עֶר זֶעהט וַוייטֶער ווִי פְרִיהֶער, מַמָשׁ ווִי קֵיין זַאךְ וָואלְט נִישְׁט גֶעוֶוען. ווִידֶער זֶעהט עֶר דִי שׁוּהל, דִי מִתְפַּלְלִים, דֶעם צַדִיק.

דֶער חָסִיד הָאט לַייכְט אָפְּגֶעזִיפְצֶעט, און גֶענוּמֶען זִיךְ צוּם סִידוּר און אוֹיפְגֶעהֶערְט קוּקְן אוֹיפְן צַדִיק. ווייל עֶר הָאט מוֹרָא גֶעהַאט טָאמֶער וֶועט עֶר ווִידֶער פֶערְלִירְן דִי רְאִיָה, און אַזוֹי גְלַייךְ ווִי עֶר הָאט אַריינְגֶעקוּקְט אִין סִידוּר, הָאט עֶר מֶער קֵיין חוּץ מִדֶרֶךְ הַטֶבַע׳דִיג שׁוֹין נִישְׁט גֶעזֶעהן.

נָאכְן דַאוְונֶען, וֶוען דֶער חָסִיד אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּין זָאגְן גוּט יוֹם טוֹב, הָאט דֶער צַדִיק אַ שְׁמֵייכְל גֶעטְהוּן:

— לובּלינער חסיד — האט ער געזאגט — וואס האט איהר זיך אזוי דערשראקן ווען עס איז פינסטער געווארן, ווייסט איהר דען נישט אז דער וואלקן וואס האט זיך דורכגעטראגן פאר קבלת התורה איז געווען הוילע פינסטערניש. ווען איהר טהוט זיך נישט אויס פון דער מחשבה, וואלט איהר דאס ווייטערדיגע אויך געזעהן. איהר וואלט געזעהן די אמתע קבלת התורה. איהר זייט דאך דעם לובלינער׳ס א חסיד, איהר קענט יא זעהן.

דער חסיד האט זיך שוין מער נישט געחידושט, וואס די חסידים דערציילן פון זייער רבין וועגן דעם קבלת התורה. ביים זידיטשובער צדיק האט מען שבועות ביים דאוונען טאקע געזעהן און געפיהלט דעם קבלת התורה, דעם אמתן מעמד הר סיני.

דֶער גֶעדַאנְק פוּן דִי גְרָאז

אִין דֶער שְׁטָאט אוֹסְטְרָאָה הָאט גֶעוואוֹינְט אַ אִיד אַ אָרִימַאן, זֵייעֶר אַ פְרוּמֶער. זַיין נָאמֶען אִיז גֶעוֶועזן רַבִּי הִירְשׁ שְׁמוּאֵל׳קֶעס. גֶעוואוֹינְט הָאט עֶר הִינְטֶער דֶער שְׁטָאט אִין אַ אַיינְגֶעפַאלֶענֶע הַייזְקֶע, אִין וֶועלְכֶער דֶער דַאךְ הָאט זִיךְ נָאר גֶעהַאלְטְן אִין דֶעם זְכוּת פוּן אַ הִילְצֶערְנֶע זַייל וָואס הָאט אִיהם אוּנְטֶערְגֶעשְׁפַּארְט עֶר זָאל נִישְׁט צוּזַאמֶענְפַאלְן. קֵיין מֶעבְּל אִיז דָארְט נִישְׁט גֶעוֶועזְן, אוֹיסֶער אַ צוּבְּרָאכְן בֵּיינְקְל וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעשְׁפַּארְט אוֹיף דֶער וַואנְד כְּדֵי עֶס זָאל נִישְׁט אוּמְפַאלְן. דָאס בֵּיינְקְל אִיז גֶעוֶועזן נָאר פַאר אוֹרְחִים וָואס זַיינֶען אִיהם גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן. וַוייל עֶר אַלֵיין פְלֶעגְט תָּמִיד זִיצְן אוֹיף דֶעם אֵיינְצִיגְן בֶּעט וָואס הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען אִין דֶעם דָאזִיגְן חֶדֶר׳ל אוּן הָאט גֶעלֶערְנְט תּוֹרָה יוֹמָם וָלַיְלָה.

דִי שְׁטָאט-לַייט פוּן אוֹסְטְרָאָה הָאבְּן לְגַמְרֵי

גָאר נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט. זֵיי הָאבְּן גֶעוואוּסְט אַז דֶער אִידֶל אִיז פְרוּם. נוּ, מַאי כּוֹלֵי הַאי? אֵיין פְרוּם־אָרִים אִידְל גֶעפִינְט זִיךְ אִין שְׁטָאט? הָאבְּן זֵיי דֶערִיבֶּער אִיהם נִישְׁט גֶעשֵׁיינְקְט קֵיין פִיהל אוֹיפְמֶערְקְזַאמְקַייט.

דַאמָאלְס הָאבְּן אִין אוֹסְטְרָאה גֶעוואוֹינְט דְרַיי בֶּערִיהמְטֶע צַדִיקִים, אַלֶע דְרַיי זַיינֶען גֶעוֶועזְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב׳ס תַּלְמִידִים: דֶער שְׁטָאט־רָב דֶער גָאוֹן רַבִּי מֵאִיר מַרְגָלִיוֹת, דֶער שְׁטָאט מַגִיד רַבִּי יַעֲקֹב יוֹסֵף (רַבִּי יֵיבָ״א) אוּן דֶער בֶּעקַאנְטֶער צַדִיק רַבִּי פִּנְחָס׳ל פוּן קָארִיץ.

דֶער פְרוּמֶער צַדִיק רַבִּי הִירְשׁ שְׁמוּאֵל׳קֶעס, הָאט זִיךְ אַזוֹי אוֹיסְבֶּעהַאלְטְן פַאר דֶער וֶועלְט, אַז אֲפִילוּ דֶער שְׁטָאט־רָב אוּן דֶער שְׁטָאט מַגִיד הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּן זַיין גְרוֹיסְקַייט אִין תּוֹרָה אוּן אִין עֲבוֹדָה. נָאר רַבִּי פִּנְחָס׳ל הָאט יָא דֶערְפוּן גֶעוואוּסְט. עֶס הֵייסְט אַז עֶר הָאט עֶס גֶעהֶערְט פוּן דֶעם בַּעַל־שֵׁם־טוֹב גוּפָא זָאגְן, אַז הֶערְשֶׁעלֶעס זְכוּת אִיז מֵגִין אוֹיף אוֹסְטְרָאה פוּן כָּל עֶרְלֵיי פְּגָעִים רָעִים וּמַרְעִין בִּישִׁין. עֶר הָאט דָאס אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט מְגַלֶה זַיין פַאר זַיינֶע חֲבֵרִים.

אַמָאל אוּם שָׁבוּעוֹת זַיינֶען דִי דְרַיי צַדִיקִים גֶעזֶעסְן צוּזַאמֶען אוּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין דִבְרֵי תוֹרָה מֵעִנְיָנֵי דְיוֹמָא. גֶעשְׁמוּעֶסְט הָאט מֶען דַאמָאלְס מִכֹּחַ דֶעם עִנְיָן פוּן אוֹיסְשְׁפְּרֵייטְן גְרָאז אוֹיף דֶער עֶרְד אוּם שָׁבוּעוֹת. יֶעדֶער אֵיינֶער הָאט דֶערוֹיף גֶעזָאגְט אַ בֶּעזוּנְדֶערְן רֶמֶז. אָבֶּער קֵיינֶער פוּן זֵיי הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיסְגֶעפִינֶען צוּ זֵייעֶרֶע רְמָזִים עֶפֶּעס אַ סֶמֶךְ פוּן דֶער גְמָרָא עֶס זָאל זִיךְ גוּט צוּפַּאסְן צוּם עִנְיָן.

— וֵוייסְט אִיהר וָואס, חֲבֵרִים? — הָאט פְּלוּצִים צוּ זֵיי רַבִּי פִּנְחָס'ל גֶעזָאגְט — לָאמִיר גֵייען גוּט־יוֹם־טוֹב זָאגְן צוּם צַדִיק רַבִּי הֶערְשֶׁעלֶע, מֶעגְלִיךְ אַז עֶר וֶועט אוּנְז זָאגְן עֶפֶּעס אַ גוּטְן רֶמֶז דֶערְצוּ טַאקֶע פוּן דֶער גְמָרָא גוּפָא.

דִי צְוֵויי חֲבֵרִים אִיז דֶער עִנְיָן גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער חִדוּשׁ. זֵיי זָאלְן אוּם יוֹם טוֹב גֵיין צוּ עֶפֶּעס אַ אִיד נִישְׁט קֵיין מְפוּרְסָם, בֶּעזוּכְן אִיהם אַלְס גֶעסְט אוּן פְרֶעגְן אִיהם דִבְרֵי תוֹרָה?

אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט "עוֹבֵר זַיין עַל דַעַת חֲבֵרָם" (אִיהם נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּזָאגְן), זַיינֶען זֵיי גֶעגַאנְגֶען אַלֶע דְרַיי בִּיז הִינְטֶער דֶער שְׁטָאט צוּ

דער חורבה׳דיגן הײזל פון רבי הירשעלען.

אַרײנקומענדיג אין דעם חדר, האָבן זײ געטראָפן דעם פאַרבאָרגענעם צדיק רבי הירש זיצן אויפן בעט און לערנען שולחן ערוך.

צוליב זײער כבוד האָט ער מפסיק געווען פון לערנען און זײ אָנגעוויזן זיך אַנידערצוזעצן אויף דעם צובראָכענעם באַנק.

— זאָגט אונז, רבי הירש, פאַרוואָס פאַרשפּרייט מען אויס גראָז אום שבועות. וואָס מײנט מען צו ווײזן, אָדער צו זאָגן דערמיט? — האָט צו איהם געזאָגט דער צדיק רבי פּנחס׳ל קאָריצער.

— די גמרא אין עירובין דערצײלט אַזאַ מעשה — האָט צו זײ רבי הירש געזאָגט: — רבי אַדאַ דער זוהן פון רבי מתנה האָט אַמאָל באַשלאָסן איבערצולאָזן זײן הײם און זײן בני־בית און זיך אַוועקצולאָזן ערגעץ אין אַ ישיבה אַרײן דאָרטן לערנען.

האָט איהם זײן װײב געפרעגט:

— וָואס זָאל אִיךְ טְהוּן מִיט דִי קִינְדֶערְלַאךְ? פוּן וַואנֶען וֶועל אִיךְ זֵיי מְפַרְנֵס זַיין?

הָאט אִיהר רַבִּי אַדָא גֶעעֶנְטְפֶערְט:

— "מִי שְׁלִימוּ קוּרְמֵי בְּאַגְמָא?" — הָאט זִיךְ דֶען אוֹיסְגֶעלָאזְט דָאס גְרָאז אוֹיף דֶעם פֶעלְד?

— מוּז מֶען דָאךְ דֶעם עִנְיָן פַארְשְׁטֵיין. וָואס אִיז דָאס עֶפֶּעס פַאר אַ תֵּירוּץ וֶועלְכֶער, ווי עֶס שַׁיינְט, הָאט אִיהר פַארְעֶנְטְפֶערְט דִי קוּשְׁיָא אוּן זִי הָאט זִיךְ מִיט דֶער תְּשׁוּבָה צוּפְרִידְן גֶעשְׁטֶעלְט. אִיז דֶען אַ סְבָרָא אַז וֶוען דִי קִינְדֶער וֶועלְן פֶערְלַאנְגֶען עֶסְן, זָאל זִי זֵיי שִׁיקְן אוֹיף דֶעם פֶעלְד צוּ עֶסְן גְרָאז מִיט דִי בְּהֵמוֹת צוּגְלַייךְ?

נָאר דֶער מֵיינוּנְג דֶערְפוּן אִיז אַזוֹי: פַאר בְּהֵמוֹת, וֶועלְכֶע הָאבְּן נִישְׁט צוּ פִיהל שֵׂכֶל צוּ פַארְשַׁאפְן פַאר זִיךְ פַּרְנָסָה מִיטְן אֵייגֶענֶעם כֹּחַ, הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גֶעזָארְגְט זֵיי מַמְצִיא צוּ זַיין דִי פַּרְנָסָה אָן מִיה אוּן מַאטֶערְנִישׁ פוּן דֶער עֶרְד.

וָואלְט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט גֶעוָואלְט זַיין אַ אוֹיבֶּער־חָכָם אוּן עֶסְן פוּן עֵץ הַדַעַת, וָואלְט עֶר אוֹיךְ זַיין פַּרְנָסָה גֶעוֶוען בֶּעקוּמֶען בְּשֶׁפַע פוּן

כִּבְיָכוֹל'ס הֶענְט, גְרִינְג אָן קָאפּ־דְרֵייעֶנִישְׁן. הָאט עֶר אָבֶער גֶעוָואלְט קְלוּג זַיין און זַיין אַ אֵייגֶענֶער בַּעַל הַבַּיִת, טָא מוּז עֶר שְׁוֶוער הָארְוֶוען אוֹיף זַיין פַּרְנָסָה.

דִי מֶענְטְשְׁן אָבֶער, וָואס מַאכְן זִיךְ מִיט בְּהֵמוֹת צוּגְלַייךְ, צוּ הָאבְּן אֱמֶת'ן בִּטָחוֹן אוֹיף זַיין לִיבְּן נָאהמֶען אַז עֶר אִיז אַ "נוֹתֵן לֶחֶם לְכָל בָּשָׂר", בַּאשֶׁערְט עֶר אִיהם פַּרְנָסָה אָן טִרְחָה פּוּנְקְט וִוי עֶר לָאזְט וַואקְסְן גְרָאז פַאר אַ בְּהֵמָה וָואס פַארְטְרוֹיט זִיךְ אוֹיף זַיין חֶסֶד.

דָאס הָאט רַבִּי אַדָא גֶעמֵיינְט בְּשָׁעַת עֶר הָאט אָנְגֶעוִויזְן זַיין וַוייבּ אַז עֶס אִיז פַארְהַאנֶען גְרָאז אוֹיף דֶעם פֶעלְד. דָאס הֵייסְט: הָאבּ אֱמֶת'ן בִּטָחוֹן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וֶועט עֶר דִיר מִיט אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער זִיכֶער נִישְׁט לָאזְן הוּנְגֶערְן. וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ הָאט גֶעזָאגְט: "לֹא רָאִיתִי צַדִּיק נֶעֱזָב וְזַרְעוֹ מְבַקֶּשׁ לָחֶם".

בְּשָׁעַת קַבָּלַת הַתּוֹרָה, הָאבְּן דִי אִידְן גֶעפְרֶעגְט דִי זֶעלְבֶּע שְׁאֵלָה: "וִויבַּאלְד מִיר וֶועלְן מְקַיֵים זַיין "וְהָגִיתָ בּוֹ יוֹמָם וָלַיְלָה", כְּסֵדֶר עוֹסֵק זַיין אִין לִמּוּד הַתּוֹרָה, טָא פוּן וַואנֶען וֶועלְן מִיר צִיהֶען אוּנְזֶער

פַּרְנָסָה? הָאט זַיי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ גֶעהֵייסְן אָנְוַוייזְן אוֹיפְן בַּארְג סִינַי, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען בֶּעדֶעקְט מִיט גְרָאז, פְּרֶעגֶנְדִיג זַיי: "מִי שְׁלִימוּ קוּרְמֵי בְּאַגְמָא?" הָאט בִּטָחוֹן וֶועט אִיהר הָאבְּן פַּרְנָסָה אָן וֶועלְכֶע טִרְחָא, פּוּנְקְט וִוי דָאס גְרָאז אִיז מְפַרְנֵס דִי בְּהֵמוֹת.

דֶערִיבֶּער פַּארְשְׁפְּרֵייטְן מִיר אוֹיךְ גְרָאז אִין דֶעם זְמַן פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה, דִי הַיינְטִיגֶע פְּרַאגֶעס זָאלְן גֶעפִינֶען דֶערְמִיט דֶעם זֶעלְבְּן תֵּירוּץ.

הָאט דֶער צַדִיק רַבִּי יֵיבָּ"א אָנְגֶעכַאפְּט דֶעם הִילְצֶערְנֶעם זַייל פוּן מִיטְן חֶדֶר אוּן אוֹיסְגֶערוּפְן:

— "הַלְוַואי וָואלְט מֶען מִיר אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט צוּגֶעטֵיילְט מַיין גַן עֵדֶן נֶעבְּן דֶעם זַייל אוּן אוּנְטֶער דֶעם דַאךְ, צוּזַאמֶען מִיט דֶעם דָאזִיגְן גְרוֹיסְן צַדִיק רַבִּי הֶערְשֶׁעלֶע!".

דֶער גְרוֹיסֶער צַדִיק רַבִּי הֶערְשֶׁעלֶע הָאט דַאן פוּן דֶער שְׁטָאט בֶּעקוּמֶען גְרוֹיס כָּבוֹד. מֶען הָאט אִיהם גֶעוָואלְט אוֹיסְהַאלְטְן בְּהַרְחָבָה, עֶר הָאט אָבֶּער נִישְׁט גֶעוָואלְט נֶהֱנֶה זַיין פוּן קֵיין בָּשָׂר־וָדָם.

די שָׁבוּעוֹת'דִיגֶע קְרֶעפְּלַאךְ...

דֶער שָׁבוּעוֹת'דִיגֶער "טִישׁ" בַּיים רָאפְּשִׁיצֶער רֶבִּין רַבִּי נַפְתָּלִי הוֹרְוִויץ פְלֶעגְט זַיין מַמֶשׁ אַ פְּחָדִים שֶׁבַּפְּחָדִים. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן "תּוֹרָה" דוּרְכְגֶעפְלָאכְטְן מִיט גִימַטְרִיוֹת און סוֹדוֹת. עֶר הָאט אוֹיךְ נִישְׁט פֶערְפֶעהלְט תּוֹרָה צוּ זָאגְן אוֹיף דִי שָׁבוּעוֹת'דִיגֶע קְרֶעפְּלַאךְ, אוֹיף וָואס זֵיי זַיינֶען מְרַמֵז.

עֶס הָאט זִיךְ מַמֶשׁ גֶעפִיהלְט בַּיים טִישׁ אַ מֵעֵין "מַעֲמַד הַר סִינַי", אַ מִין זְעֵיר־אַנְפִּין'דִיגֶע בְּחִינָה פוּן קַבָּלַת הַתּוֹרָה. פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן, ווִי עֶרְנְסְט דֶער "טִישׁ" זָאל נִישְׁט גֶעוֶועזְן זַיין, הָאט זִיךְ אוֹיךְ אָפְּטְמָאל בַּיי אִיהם גֶעהֶערְט וֶוערְטְלַאךְ פוּן דֶעם בַּדְחָן רַבִּי זַיינְוִויל רָאפְּשִׁיצֶער, פוּן וֶועמֶען דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר גֶעהַאלְטְן און הֲנָאָה גֶעהַאט צוּ הֶערְן זַיינֶע חָכְמָה'לַאךְ. אַז דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל

בַּיים שָׁבוּעוֹת׳דִיגְן ״טִישׁ״ גֶעגֶעסְן דִי קֶעז־קְרֶעפְּלַאךְ, הָאט עֶר זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרֵייט מִיטְן פָּנִים הִינְטֶער דֶער שְׁטוּל, וואוּ עֶס פְלֶעגְן שְׁטֵיין דִי הַיימִישֶׁע חֲסִידִים, צְווִישְׁן זֵיי אוֹיךְ רַבִּי זַיינְוִויל בַּדְחָן, אוּן אַ פְרֶעג גֶעטְהוּן:

— אֶפְשֶׁר קֶענְסְטוּ, זַיינְוִויל, מִיר זָאגְן דֶעם טַעַם פוּן דִי שָׁבוּעוֹת׳דִיגֶע קְרֶעפְּלַאךְ? (פַארְוָואס מֶען עֶסְט אוּם שָׁבוּעוֹת קְרֶעפְּלַאךְ).

— דֶער רֶבִּי עֶסְט דִי קְרֶעפְּלַאךְ אוּן אִיךְ זָאל ווִיסְן וָואס פַאר אַ טַעַם זֵיי הָאבְּן?... — הָאט זִיךְ רַבִּי זַיינְוִויל אָנְגֶערוּפְן אַלְס אַ תְּשׁוּבָה.

דֶער רָאפְּשִׁיצֶער הָאט זִיךְ צוּלַאכְט, אוּנְטֶערְגֶעבְרָאכְן דָאס עֶסְן אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן:

— אַז דוּ זַיינְוִויל ווִילְסְט נִישְׁט זָאגְן, מוּז אִיךְ אַלֵיין זָאגְן דֶעם טַעַם פוּן דִי קְרֶעפְּלַאךְ: שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער זְמַן פוּן מַתַּן תּוֹרָה. דִי קְרֶעפְּלַאךְ זַיינֶען מְרַמֵז אוֹיף דֶער תּוֹרָה. אִינֶעווֵיינִיג אִיז ״גְבִינָה״ (קֶעז). דֶער וָוארְט ״גְבִינָה״ בַּאטְרֶעפְט זִיבֶּעצִיג (ג׳ אִיז 3, ב׳ אִיז 2, י׳ 10, נ׳ 50, ה׳ 5), דָאס מֵיינְט מֶען דִי ע׳ פָּנִים לַתּוֹרָה (דִי זִיבֶּעצִיג עֶרְלֵיי אוֹפַנִים

ווי אַזוי מֶען קֶען אַלְס אויסְטַייטְשְׁן די תּוֹרָה).
אַרום דֶעם קֶעז אִיז דָאס טֵייג, וֶועלְכֶעס וֶוערְט גֶעמַאכְט פון מֶעהל, דָאס אִיז אַ רֶמֶז אַז "אִם אֵין קֶמַח אֵין תּוֹרָה", אָן פַּרְנָסָה קֶען מֶען נִישְׁט מְקַיֵים זַיין די תּוֹרָה: דָאס מֶעהל, די פַּרְנָסָה, אִיז דֶער שׁוֹמֵר, דֶער לְבוּשׁ צוּם "גְבִינָה", צוּ דֶער תּוֹרָה, הָא בְּהָא תַּלְיָא, אֵיינְס קֶען נִישְׁט זַיין אָן דֶעם אַנְדֶערְן.
דֶערִיבֶּער אִיז "לֹא נִתְּנָה תּוֹרָה לְמַלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת", הָאט הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט גֶעבְּן צוּ די מַלְאָכִים די תּוֹרָה, וַוייל בַּיי זֵיי אִיז "אֵין קֶמַח", זֵיי דַארְפְן נִישְׁט קֵיין פַּרְנָסָה און נִישְׁט די אִיבְּרִיגֶע מֶענְטְשְׁלִיכֶע צְרָכִים.

— אִיצְט, זַיינְוִויל — הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי אויסְגֶעדְרֵייט צוּ זַיינְוִויל בַּדְחָן, דֶערְלַאנְגֶענְדִיג אִיהם אַ קְרֶעפְּל — אִיצְט, אַז דוּ וֵוייסְט שׁוֹין וָואס אַ קְרֶעפְּל מֵיינְט, זַיי אויךְ טוֹעֵם פון דֶער תּוֹרָה.

רַבִּי זַיינְוִויל הָאט גֶעגֶעסְן דֶעם קְרֶעפְּל בַּאמֶערְקֶנְדִיג בַּיים קַייעֶן: אַ טַייעֶרֶע, זִיסֶע, גֶעשְׁמַאקֶע תּוֹרָה!

— הַפָּנִים אַז די "תּוֹרָה" גֶעפֶעלְט דִיר,

זַיינֶװִויל? — הָאט אִיהם דֶער רֶבִּי מִיט אַ שְׁמֵייכְל גֶעפְרֶעגְט.

— מִיר הָאבְּן דָאךְ אָבֶּער צְוֵוייא תּוֹרוֹת, רֶבִּי, תּוֹרָה שֶׁבִּכְתָב און תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה! — הָאט רַבִּי זַיינֶװִויל בַּאמֶערְקְט אַנְשְׁטָאט אַ תְּשׁוּבָה.

דֶער רֶבִּי הָאט אִיהם דֶערלַאנְגְט נָאךְ אַ קְרֶעפְּל.

עֶלְיוֹנִים שָׂשׂוּ וְתַחְתּוֹנִים עָלְזוּ

בַּיים דְזְשִׁיקֶעוֶוער רֶבִּין רַבִּי מֵאִיר׳ל זצ״ל פְלֶעגְט דִי שִׂמְחָה בַּיים שָׁבוּעוֹת׳דִיגְן טִישׁ זַיין אֵיין לְשַׁעַר. מֶען פְלֶעגְט אוֹיסְטְרִינְקֶען אַ סַאךְ וַויין, און אַזוֹי ווי דִי חֲסִידִים זַיינֶען גֶעוָוארְן אָנְגֶעוַוארִימְט, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ רְקִידָה׳לֶע. מִיטְן רֶבִּינְס פְּקוּדָה, הָאט דֶער בֶּערִימְטֶער בַּעַל־מְנַגֵן שִׂמְחָה־טוֹבִיָה אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זִינְגֶען דֶעם שָׁבוּעוֹת׳דִיגְן זֶמֶר: ״עֶלְיוֹנִים שָׂשׂוּ וְתַחְתּוֹנִים עָלְזוּ״. דִי אוֹיבֶּערְשְׁטֶע (מַלְאָכִים) הָאבְּן זִיךְ גֶעפְרֵייט און דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע (מֶענְטְשְׁן) זַיינֶען גֶעוֶועזן לוּסְטִיג (בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה). אֵיינֶער פוּן דִי חֲסִידִים וֶועלְכֶע זִיצְן אוּנְטְן בַּיים רֶבִּינְס טִישׁ, גִיט אַ שְׁפְּרוּנְג פוּן אוּנְטֶערְן טִישׁ, כַאפְּט אַרוּם זַיינְס אַ חָבֵר בַּיים הַאלְז, און הוֹיבְּט אָן צוּ טַאנְצְן. בַּאלְד שְׁלִיסְן זִיךְ אָן דֶער צְוֵוייטֶער, דֶער דְרִיטֶער און אַזוֹי דִי גַאנְצֶע חַבְרַיָא. דֶער רֶעדְל וֶוערְט גְרֶעסֶער, דָאס זִינְגֶען

רַעַשׁ׳דִיגֶער, דִי מוֹחוֹת וַוארִימֶער. דַאן עֶרְשְׁט הוֹיבְּן זִיךְ אוֹיף דִי מְיוּחָסִים, דָאס אוֹיבֶּערְשְׁטֶע פוּן טִישׁ וֶועלְכֶע זִיצְן אוֹיבְן אָן נֶעבְּן דֶעם רֶבִּין, שְׁטֵייעֶן צוּ צוּ דֶער טַאנְצְנְדִיגֶער חֶבְרָה, טַאנְצְן מִיט אִין אֵיין קְנוֹיל, וְוי אַ בֶּעוֶועגְלִיכֶע מַאסֶע מַמָשׁ זֵייעֶנְדִיג אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים. אָט דַאמָאלְס פִיהלְן דִי חֶבְרָה דֶעם אֶמֶתְן סוֹד פוּן עוֹנֶג יוֹם טוֹב, זֵייעֶנְדִיג אִין דֶער בְּחִינָה פוּן בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה, ״פָּסְקָה זוּהֲמָתָן״. דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט דַאמָאלְס לְחַלוּטִין אִיבֶּער זֵיי מֶעהר קֵיין שְׁלִיטָה נִישְׁט.

אַזוֹי וְוי דִי הַתְחָלָה פוּן דֶער שִׂמְחָה מוּז קוּמֶען תָּמִיד פוּן דִי ״אוּנְטֶערְשְׁטֶע״, דָאס הֵייסְט פוּן דִי וָואס זִיצְן בַּיי טִישׁ אוּנְטְן, וֶוען פַאר דִי ״אוֹיבֶּערְשְׁטֶע״, דִי מְיוּחָסִים וָואס זִיצְן אוֹיבְן אָן, הֵייסְט דָאס אַ פְּחִיתוּת הַכָּבוֹד צוּ זַיין דִי מַתְחִילִים צוּ עֶפֶענֶען דֶעם טַאנְץ, הָאט דֶער בַּעַל־מְנַגֵן שִׂמְחָה טוֹבִיָה תָּמִיד אִין זִין גֶעהַאט דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע חֶבְרָה, זֵיי גוּט אוּנְטֶערְצוּוַוארִימֶען מִיט מַשְׁקֶה. עֶר פְלֶעגְט אַרָאפּ נֶעמֶען פוּן דֶעם רֶבִּינְס טִישׁ, אוֹיבְּן־אָן, וואוּ דִי מַשְׁקֶה שְׁטֵייט גֶעוֵויינְלִיךְ, עֶטְלִיכֶע פְלֶעשֶׁער וַויין, אוּן זֵיי אַנִידֶער גֶעשְׁטֶעלְט אוּנְטְן וואוּ דִי פְּשׁוּטֶע זִיצְן, כְּדֵי זֵיי זָאלְן הָאבְּן צוּ

טְרינְקֶען בְּהַרְחָבָה און זַיין בִּיכוֹלֶת מְעוֹרֵר צוּ זַיין די גְרוֹיסֶע שְׂמְחַת יום טוֹב וֶוען עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן צוּ זינְגֶען.

פְּלוּצִים הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶערוּפְן:

— נוּ, שְׂמְחָה טוּבְיָה, זינְג עֶפֶּעס אַ לֶעבֶּעדִיגְס און מַאךְ לוּסְטִיג דֶעם עוֹלָם. לָאזְן די חֶבְרָה מְקַיֵים זַיין "וְשָׂמַחְתָּ בְּחַגֶיךָ".

— וָואס זָאל אִיךְ זינְגֶען, רֶבִּי? — הָאט שְׂמְחָה טוּבְיָה גֶעפְרֶעגְט.

— וָואס הֵייסְט וָואס? דֶעם שָׁבוּעוֹת'דִיגְן זֶמֶר: "עֶלְיוֹנִים שָׂשׂוּ וְתַחְתּוֹנִים עָלְזוּ".

— "עֶלְיוֹנִים שָׁתוּ (עֶנְלִיךְ צוּ שָׂשׂוּ) וְתַחְתּוֹנִים עָלְזוּ?" (די "אוֹיבֶּערְשְׁטֶע" הָאבְּן גֶעטְרוּנְקֶען און די "אוּנְטֶערְשְׁטֶע" זָאלְן לוּסְטִיג זַיין?) — הָאט שְׂמְחָה טוּבְיָה אוֹיסְגֶערוּפְן מִיט אַ תְּמִיהָה'דִיגְן קוֹל.

— דוּ בִּיסְט גֶערֶעכְט, שְׂמְחָה טוּבְיָה. אִיךְ דַארְף צָאהלְן דֶערְפַאר וָואס אִיךְ הָאבּ אִין מַיין חֶבְרֶה פֶערְגֶעסְן. שִׁיק נָאךְ פִינְף פְלֶעשֶׁער וַויין אוֹיף מַיין קָאנְטֶע.

אַזַא לוּסְטִיגְן שָׁבוּעוֹת ווִי דֶעמָאלְט, הָאבְּן דזְשִׁיקָאוֶוער חֲסִידִים לַאנְגֶע יָאהרְן נִישְׁט מִיטְגֶעמַאכְט.

שָׁבוּעוֹת אוֹיךְ פַארְן שוּסְטֶער!

יַעֲנְקֶל דֶער שוּסְטֶער אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען צוּפְרִידְן מִיטְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. יֶעדְן יָאהר פַאר שָׁבוּעוֹת אִיז עֶר גֶעוֶוען עֶפֶּעס אַזוֹי ווִי מָרָה־שְׁחוֹרָה׳דִיג. עֶר הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט זֵייעֶר קְלֵיין אַנְטְקֶעגְן דֶעם גְרוֹיסְן יוֹם טוֹב פוּן מַתַּן תּוֹרָה.

— מַתַּן תּוֹרָה — פְלֶעגְט עֶר טַעֲנֶהן מִיט פַארְדְרוּס צוּ זִיךְ אַלֵיין — גֶעוִויס אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב, אָבֶער אִיז דֶען דִי תּוֹרָה גֶעגֶעבְּן גֶעוָוארְן פַאר מִיר? פַארְשְׁטֵיי אִיךְ דֶען וָואס עֶס טְהוּט זִיךְ דָארְט אִין דֶער תּוֹרָה? פַאר רַבִּי רְאוּבֶ׳עלֶע טִימְקֶעוִויטְשֶׁער, אוּן נָאךְ אַזֶעלְכֶע אִידְן לַמְדָנִים וָואס זִיצְן שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּער דִי גְרוֹיסֶע סְפָרִים אוּן לֶערְנֶען, פַאר זֵיי אִיז שָׁבוּעוֹת טַאקֶע אַ גְרוֹיסֶער יוֹם טוֹב, אָבֶער אַזַא פְּרָאסְטֶער שוּסְטֶער ווִי אִיךְ, וָואס הָאבּ אִיךְ זִיךְ דָא אַזוֹי צוּ פְרֵייעֶן?

פֶּסַח, בִּין אִיך גְלַייך מִיט אַלֶעמֶען, מַצָה, וַויין, קְנֵיידְלַאךְ ווי בַּיי אַלֶע אידן. וָואס הֵייסְט? מַיינֶע אוּר־אוּר־עֶלְטֶערְן זַיינֶען דֶען נִישְׁט אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם? דָאס גְלַייכְן אִיז אוֹיך מִיט סוּכּוֹת, אוּן מַיין סוּכָּה אִיז טַאקֶע כִּמְעַט דִי שֶׁענְסְטֶע אִין שְׁטֶעטְל. אָבֶער פוּן שָׁבוּעוֹת הָאבּ אִיךְ עֶפֶּעס קֵיין הֲנָאָה נִישְׁט. עֶס אִיז אַ יוֹם טוֹב דַאכְט זִיךְ מִיר פַאר דִי "פְנֵי", אוּן נִישְׁט פַאר אוּנְז פְרָאסְטַאקֶעס...

יַעֲנְקְל דֶער שׁוּסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ פְרוּמֶער אָבֶער אַ פְרָאסְטֶער אִיד, אַ עַם הָאָרֶץ. קְלֵיינֶערְהֵייט אִיז עֶר גֶעבְּלִיבְּן אַ יָתוֹם, אוּן אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה הָאט עֶר כִּמְעַט נִישְׁט גֶעלֶערְנְט. וֶוען עֶר אִיז פוּן דָארְט אַרוֹיס אוּן אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער אַלְס אַרוֹיסְהֶעלְפֶער, הָאט עֶר גֶעקֶענְט בְּלוֹיז לֵייגְן תְּפִילִין אוּן אַ הַאלְבְּן דַאוְונֶען, אוּן עֶטְלִיכֶע בְּרָכוֹת. שְׁפֶּעטֶער־צוּ הָאט עֶר דָאס כִּמְעַט אוֹיך פַארְגֶעסְן, אוּן פוּן הַאלְבְּן דַאוְונֶען הָאט זִיךְ בַּיי אִיהם אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אֶפְשֶׁר אַ פֶערְטְל. עֶר פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג מְקַנֵא זַיין דִי וֶועלְכֶע קֶענֶען לֶערְנֶען, אָדֶער לְכָל הַפָּחוֹת — דַאוְונֶען...

אָט, לְמָשָׁל, אַבְרָהָם'ל דֶער שְׁמִיד, — פְלֶעגְט

ער טראכטן מיט קנאה, — דאכט זיך אויך א בעל מלאכה, א פּראָסטער שמיד, און די שווערסטע עבֿרי, אפילו יוצרות, גייט בײַ איהם ווי א וואַסער. פון צייט צו צייט וואַרפט דער אברהם׳ל אַרײַן אַ פּסוק, אַ תּורה ווערטל, און איך? ווי אַ שטומער...

עטליכע מאל האט ער שוין געהאט בעשלאָסן צו נעמען אַ רבין און "לערנען זיך". נאָר עס האט זיך איהם אַלץ נישט אײַנגעגעבן, עפּעס יעדעס מאל האט זיך געמאכט א אַנדער שטערונג.

אַזוי איז אַריבער אַ יאָהר נאָך אַ יאָהר, יענקל האט חתונה געהאט, געוואָרן אַ בעל הבית פאר זיך, געניית שטיוול און שיך פאר די שענסטע בעלי בתים, אויסגעבויט א אייגענע הויז בײַם ברעג פון שטעטל, געהאט אויך אַ היבשן גאָרטן, נאָר ער איז נאָך אַלץ נישט געווען צופרידן מיט זײַן לעבן. בײַ זיך אין שטוב פלעגט ער זיך פיהלן מעשה מענטש, אָבער אין בית המדרש איז ער געווען זייער געפאלן. אָט זיצן אַלע אַרום דעם גרויסן טיש נעבן אויוון און רבי ראובע׳לע טימקעוויטשער זאָגט פאר זיי עין יעקב. אַלע קוקן אַרײַן אין די שײנע עין יעקב׳ס, מישן די בלעטער,

פְרֶעגְן עֶפֶּעס אַ "קוּשְׁיָא", און עֶר, יַעְנְקֶל, זִיצְט פֶּערְרוּקְט אִין אַ ווִינְקֶל און קוּקְט ווִי אַ הָאן אִין בְּנֵי אָדָם... אַבְרָהָם'ל דֶעם שְׁמִיד'ס קוֹל הֶערְט זִיךְ אִיבֶּערְן גַאנְצְן בֵּית הַמִדְרָשׁ; עֶר דֶערְמַאנְט גְרוֹיסֶע תַּנָאִים און אִיז זִיךְ "מִתְוַכֵּחַ" מִיט רַבִּי רְאוּבֶ'עלֶען עֶפֶּעס אַזוֹי ווִי מִיט זַיינְס אַ גְלַייכְן. אַפִילוּ זֶעלִיג דֶער בַּעַל עֲגָלָה און לֵייזֶער דֶער בֶּעדֶער רֵיידְן אוֹיךְ אַרַיין אַ פָּאר וֶוערְטֶער, בְּלוֹיז עֶר, יַעְנְקֶל, זִיצְט ווִי אַ גוֹלֶם, גְלַאנְצְט מִיט דִי אוֹיגְן, און פֶערְשְׁטֵייט נִישְׁט אַ וָוארְט...

פְרַייטָאג צוּ נַאכְט זָאגְט רַבִּי רְאוּבֶ'עלֶע חוּמָשׁ מִיט רַשִׁ"י. אַלֶע זִיצְן אַרוּם טִישׁ, מֶען וַוארְפְט אַרַיין אַ וָוארְט, אַ פָּסוּק, מֶען לֶערְנְט. נָאר עֶר, יַעְנְקֶל, זִיצְט אָן אַ חוּמָשׁ, זִיצְט און הָארְכְט בִּיז וַוואנֶען עֶר הוֹיבְּט אָן צוּ כְרָאפֶּען...

— רַבִּי יַעְנְקֶל — זָאגְט צוּ אִיהם אַבְרָהָם'ל דֶער שְׁמִיד — גֵייט אַהֵיים, לֵייעֶנְט קְרִיאַת־שְׁמַע און לֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפְן.

און דֶערִיבֶּער אִיז יַעְנְקֶל אַלֶע מָאל גֶעוֶועזְן אַזוֹי נִישְׁט צוּפְרִידְן מִיטְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, מִיטְן מַתַּן־תּוֹרָה. וֶוען נִישְׁט דִי תּוֹרָה וָואלְט עֶר דָאךְ

אויך גערוען מיט מענטשן גלײך... װען ג־ט װאלט נישט געגעבן די תורה װאלט ער אויך געװען אַ איד װי אַלע אידן, איצט מאכן זײ חוזק פון איהם... זאלן זײ זיך פרײען מיטן מתּן תורה, אָבער ער?... װאס ער?...

*

—װאס ביסטו אַזוי פאַרשמײעט מיטן שבועות? — בײזערט ער זיך אויף זײן װײב װאס בעט איהם געלד אויף יום־טוב — אַ גאַנצע װאך "שבועות׳ט" זי מיר! — פלײש אויף שבועות, פיש אויף שבועות, מילכיגס אויף שבועות! זאלן "זײ" זיך פרײען מיט איהם, מיטן יום טוב שבועות, זײ, די "פּני", די שײנע אידן... עס איז זײער מתּן־תּורה... אָבער װאס ביסטו דאַ אַזוי פאַרהאַרעװעט מיטן שבועות? הלװאי װאלט ג־ט די תּורה נישט...

אָבער גלײך האט ער חרטה און האקט אָפּ אין מיטן. ער װײס אַז מען טאר דאס נישט זאגן, אַז ער זינדיגט מיט די רײד... ג־ט האט געגעבן די תּורה פאַר אַלעמען. קען "ער" נישט לערנען, װעלן זײנע קינדער אפשר קענען... מען טאר אַזוי

נִישְׁט רֵיידְן...

דִי הָאפְנוּנְג וֶועגְן זַיינֶע קִינְדֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער אֵיינְצִיגֶער לִיכְטִיגֶער פּוּנְקְט אִין זַיין פַארְכְמוּרֶעטְן לֶעבְן. פַאר זַיינֶע אוֹיגְן הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי זַיינֶע קִינְדֶער זִיצְן אוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, טַאקֶע דִי "אֱמֶת'ע" תּוֹרָה, דִי גְרוֹיסֶע לַאנְגֶע גְמָרוֹת... אוּן זַיין הַארְץ הָאט שׂוֹין פָארְאוֹיס אָנְגֶעקְוָואלְן פוּן נַחַת. עֶר וֶועט דִי לֶעצְטֶע הֶעמְד פַארְקוֹיפְן אָבֶער מַאכְן זֵיי פַאר לַמְדָנִים.

אָבֶער גְרַאדֶע הָאט זַיין וַוייבּ אִיהם גֶעהַאט צְוֵויי מֵיידְלַאךְ אוּן אוֹיפְגֶעהֶערְט. גֵיי לֶערְן מִיט זֵיי תּוֹרָה, דִי גְרוֹיסֶע גְמָרוֹת!...

גַאנְצֶע טֶעג פְלֶעגְט יַעֲנְקְל דֶער שׂוּסְטֶער אַרוּמְגֵיין מִיט אַ וֵוייטָאג אִין הַארְצְן. אַלֵיין אִיז עֶר אַ פְּרָאסְטַאק, קֵיין זוּהן וָואס זָאל לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה הָאט עֶר אוֹיךְ נִישְׁט. וָואס אִיז זַיין לֶעבְּן??!

*

אִיז זִיךְ יַעֲנְקְל אַמָאל מְיַשֵׁב אוּן פָארְט גָאר אַוֶועק צוּם אָשְׁמִינֶער צַדִיק.

— שְׁרַייבְּט אַ סֵפֶר תּוֹרָה — זָאגְט אִיהם דֶער צַדִיק — עֶס וֶועט זַיין אָנְגֶענוּמֶען בַּיי גָ־ט וִוי אִיהר וָואלְט אַלֵיין לֶערְנֶען...

אִין דֶעם זֶעלְבְּן טָאג אִיז שׁוֹין יַעְנְקֶל דֶער שׁוּסְטֶער גֶעוֶוען בַּיים סוֹפֵר, אוּן זִיךְ בַּאדוּנְגֶען מִיט אִיהם פַאר אַ סֵפֶר תּוֹרָה...

— אִיהר זָאלְט דָאס מִיר מַאכְן פַארְטִיג אוֹיף שָׁבוּעוֹת — זָאגְט יַעְנְקֶל אָן דֶעם סוֹפֵר — אִיהר הֶערְט, נִישְׁט אַנְדֶערְשׁ, נָאר אוֹיף שָׁבוּעוֹת, דֶער יוֹם־טוֹב פוּן מַתַּן תּוֹרָה.

יַעְנְקֶל הָאט גֶעאַרְבֶּעט טָאג אוּן נַאכְט אוּן גֶעקְלִיבְּן אַ רוּבְּל צוּ אַ רוּבְּל. עֶר הָאט אוֹיךְ אַיינְגֶעמָאנְט אַלֶע חוֹבוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִין שְׁטֶעטְל, צוּזַאמֶען גֶענוּמֶען אַלֶע קְנִיפְּלַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בֶּעהַאלְטְן אִין פַארְשִׁידֶענֶע עֶרְטֶער אוּנְטֶער דֶער פָּאדְלָאגֶע פוּן זַיין שְׁטוּבּ, בִּיז וַואנֶען עֶר הָאט צוּנוֹיפְגֶעזַאמְלְט דִי נוֹיטִיגֶע סוּמֶע פַאר דֶער סֵפֶר־תּוֹרָה.

אַ וָואךְ פַאר שָׁבוּעוֹת הָאט יַעְנְקֶל אוֹיפְגֶעעֶפְנְט דֶעם טַייסְטֶער, אוּן גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ:

— הײנְטיגְן שָׁבוּעוֹת װיל אִיך עֶס זָאל בַּײ אוּנְז זַײן כְּיַד־הַמֶּלֶךְ. אַז יַעֲנְקְל דֶער שוּסְטֶער הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ שְׁרַײבְּן אַ סֵפֶר־תּוֹרָה דַארְף זִיךְ דִי גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל פְרֵײעֶן. אַלֶע וֶועלְן בַּײ אוּנְז זַײן אוֹיף אַ בְּרָכָה. גְרֵײט אָן פוּן אַלְדָאס גוּטְס!...

אַ גַאנְצֶע וָואךְ הָאט מֶען גֶעבַּאקְן, גֶעקָאכְט אוּן גֶעפְּרֶעגֶלְט אוֹיף שָׁבוּעוֹת. יַעֲנְקְל אַלֵײן פְּלֶעגְט אַלֶע וַוײלֶע פַּארְלָאזְן זַײן "וֶוערְקְשְׁטַאט", צוּלוֹיפְן צוּם אוֹיוון אוּן בַּאטְרַאכְטְן וָואס דָארְט טְהוּט זִיךְ. פוּן צַײט צוּ צַײט פְּלֶעגְט עֶר כַאפְּן אַ קוּק דוּרְכְן פֶענְסְטֶער. עֶר הָאט זִיךְ שוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְוַוארְטְן אוֹיף דֶער סֵפֶר־תּוֹרָה.

*

דִי נַאכְט פוּן עֶרֶב שָׁבוּעוֹת זַײנֶען דָאס גַאנְצֶע שְׁטֶעטְל אִידְן, מֶענֶער, וַוײבֶּער אוּן קִינְדֶער, צוּזַאמֶענְגֶעקוּמֶען צוּ יַעֲנְקְל דֶער שוּסְטֶער אִין שְׁטוּב אוּן גֶעפִירְט פוּן דָארְט דִי סֵפֶר־תּוֹרָה אוּנְטֶער אַ חוּפָּה אִין בֵּית מִדְרָשׁ אַרַײן. כְּלֵי־זֶמֶר הָאבְּן גֶעשְׁפִּילְט אַ פְרֵײלִיכְס, אַ עֵדָה אִידְן הָאט גֶעטַאנְצְט אוּן יַעֲנְקְל מִיט רַבִּי רְאוּבֶעלֶען הָאבְּן גֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אַ קָאזַאצְקֶע אוֹיפְן מִיטְן שוּלְהוֹיף...

פאַרן צושרײַבן דעם לעצטן אות האָט יענקל אַרויסגענומען אַ פינף־און־צוואַנציגער און דערלאַנגט דעם רב צו קויפן אַ נײַעם ש״ס פאַרן בית מדרש.

— זאָל שוין זײַן צוזאַמען — האָט ער געזאָגט — אַ נײַע ספר תורה מיט נײַע גמרות. אָבער די גרויסע גמרות, די אמתע, רבי...

דער רב האָט געדריקט יענקל׳ס האַנד, איהם געוואונטשן מזל־טוב, און געהאַלטן אַ דרשה.

ער האָט אַרום גערעדט דעם ענין פון מחזיק זײַן לומדי תורה, אַז דער וועלכער האָט נישט זוכה געווען צו האָבן אַ חלק אין דער תורה, דורכן לערנען איהר, קען באַקומען אין איהר אַ טייל דורך דעם וואס ער האַלט אויס די וואס לערנען איהר, צושטעלן פאַר זיי די נויטיגע באַדערפעניש, ווי ספרים און זיי שטיצן מיט געלד זיי זאָלן קענען זיצן רוהיג און לערנען. דאס איז דער שותפות פון יששכר און זבולון.

יענקל איז אַזוי באַגײַסטערט געוואָרן פון די רייד פון רב, אַז ער האָט אויפן אָרט אויסגערופן,

דָאס עֶר נֶעמְט זִיךְ אוּנְטֶער צוּ גֶעבְּן יֶעדְן מָאנַאט אַ פִינְפְטְל פוּן זַיינֶע הַכְנָסוֹת פַאר דִי תּוֹרָה לֶערְנֶער פוּן שְׁטָאט.

דֶער רָב הָאט אוֹיךְ גֶערֶעדְט וֶועגְן דֶעם תַּנָא רַבִּי יוֹחָנָן הַסַנְדְלָר אוּן גֶעעֶנְדִיגְט, אַז רַבִּי יַעְנְקְל דֶער שׁוּסְטֶער, כָאטְשׁ עֶר אִיז נִישְׁט קֵיין לַמְדָן, וֶועט גֶעוִויס זוֹכֶה זַיין צוּ זִיצְן מִיט זַיין "בַּר־אוּמָנָתֵיה", מִיטְן תַּנָא רַבִּי יוֹחָנָן הַסַנְדְלָר, בַּיי אֵיין טִישׁ.

*

שָׁבוּעוֹת אִין דֶערְפְרִי, וֶוען מֶען הָאט אוֹיפְגֶערוּפְן יַעְנְקְל דֶעם שׁוּסְטֶער שְׁלִישִׁי צוּ זַיין אֵייגֶענֶער סֵפֶר־תּוֹרָה, זַיינֶען פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה זַיינֶע אוֹיגְן גֶעוָוארְן פוּהל מִיט טְרֶערְן.

נָאכְן דַאוְונֶען זַיינֶען אַלֶע גֶעגַאנְגֶען צוּ יַעְנְקְלֶען אוֹיף בְּרָכָה. אַלֶע הָאבְּן גֶעטְרוּנְקֶען צוּ אִיהם "לְחַיִים", גֶעוואוּנְטְשְׁן מַזָל־טוֹב, אוּן אַבְרָהָם׳ל דֶער שַׁמִיד הָאט צוּגֶעגֶעבְּן אוֹיפְן קוֹל, אַז עֶר וָואלְט זִיךְ גֶעוואוּנְטְשְׁן כָאטְשׁ אַ הֶעלְפְט פוּן יַעְנְקְל׳ס עוֹלָם הַבָּא...

יענער שבועות איז בײ יענקל געװען דער גרעסטער און דער שענסטער יום־טוב אין זײן לעבן. עס האט זיך איהם געדאכט אז ער שװעבט אין הימל צװישן מלאכים און צדיקים, גאונים, רבנים... די גאנצע צײט זײנען איהם נישט ארױס פון קאפ די װערטער פון רב, אז ער, יענקל, װעט זיצן אױף יענער װעלט מיט רבי יוחנן הסנדלר בײ אײן טיש... אזױ האט דער רב בפירוש געזאגט...

— װאס פאר א שײנער שבועות הײנטיגער איז — האט יענקל געזאגט צו זײן װײב בײם עסן, נאכדעם װי אלע זײנען זיך צוגאנגען. — װאס פאר א ליכטיגער יום טוב... הײנט איז בײ מיר צום ערשטן מאל א אמתער מתן תורה, א אמתער שבועות...

אַ סִיוּם הַשַׁ״ס

אַלֶע שָׁבוּעוֹת פְלֶעגְט מֶען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל מַאכְן אַ סִיוּם אוֹיף שַׁ״ס. אַלֶע יָאהר פְלֶעגְט מֶען צוּטֵיילְן שַׁ״ס אוֹיף מַסֶכְתּוֹת. יֶעדֶער חָבֵר פוּן חֶבְרָה שַׁ״ס פְלֶעגְט זִיךְ אוֹיסְקְלַייבְּן זַיין מַסֶכֶת אוּן לֶערְנֶען אִיהר אַ גַאנְץ יָאהר. אוֹיף אַזַא אוֹפָן פְלֶעגְט גַאנְץ שַׁ״ס אוֹיסְגֶעלֶערְנְט וֶוערְן אַלֶע יָאהר אִין אַלֶע פִיהר בָּתֵּי מִדְרָשִׁים. אַזַא סִיוּם הָאט זִיךְ גֶערוּפְן: סִיוּם קָטָן; עֶס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען אוֹיךְ אַ סִיוּם גָדוֹל — דֶער סִיוּם הַגָדוֹל פְלֶעגְט גֶעפְּרַאוֶועט וֶוערְן אֵיינְמָאל אִין זִיבְּן יָאהר — דָאס פְלֶעגְט שׁוֹין זַיין אַזַא סִיוּם וָואס יֶעדֶער חָבֵר פוּן חֶבְרָה שַׁ״ס הָאט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט אוֹיף אַ אֱמֶת גַאנְץ שַׁ״ס פוּן ״מֵאֵימָתַי קוֹרִין״ בִּיז ״אַל תִּקְרֵי הֲלִיכוֹת אֶלָא הֲלָכוֹת״, טַאקֶע גַאנְץ שַׁ״ס פוּן טָאוְול צוּ טָאוְול!

דֶער שָׁבוּעוֹת וֶוען עֶס פְלֶעגְט אוֹיסְפַּאלְן דֶער

סיום הַשַ״ס הַגָדוֹל איז שוין גֶעוֶוען אֵיינְמָאל אַ שָׁבוּעוֹת! גַאנְץ שְׁטָאט הָאט אִיהם דֶערְוַוארְט ווי אוֹיף אַ זֵייעֶר גְרוֹיסְן פְרֵיילִיכְן יוֹם־טוֹב. פוּן אַלֶע בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, אַלֶע חֶבְרָה־שַ״ס׳נִיקֶעס פְּלֶעגְן פְּרַאוֶועןְ דֶעם סִיוּם אִין אֵיינֶעם, אַלֶע צוּזַאמֶען אִין אֵיינֶע פוּן דִי גְרֶעסְטֶער הַייזֶער. מֶען פְלֶעגְט פְּרַאוֶוען אַ סְעוּדָה כְּיַד הַמֶלֶךְ. מֶען פְלֶעגְט דַאוְונֶען אַלֶע, אֲפִילוּ דִי חֲסִידִים, אִין דֶעם אַלְטְן גְרוֹיסְן בֵּית־מִדְרָשׁ. דֶער בֵּית הַמִדְרָשׁ פְלֶעגְט וֶוערְן בֶּעלוֹיכְטְן מִיט הוּנְדֶערְטֶער לִיכְט, ווי שִׂמְחַת תּוֹרָה, — דִי ״מְסַיְימִים״ פְלֶעגְן אַרוּמְגֵיין ווי מְחוּתָּנִים אוֹיף אַ זֵייעֶר גְרוֹיסֶע חֲתוּנָה. גַאנְץ שְׁטָאט הָאט זִיךְ גֶעגְרוֹיסְט מִיט דֶער חֶבְרָה — דִי תַּלְמִידִים פוּן דִי תַּנָאִים אוּן אֲמוֹרָאִים ״וֶועמֶענְס וַואסֶער מִיר טְרִינְקֶען, פוּן וֶועמֶענְס מוֹיל מִיר לֶעבְּן״.

אֵיינֶעם אַזַא סִיוּם הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען בַּיי־צוּ־זַיין — גֶעוֶוען בִּין אִיךְ דֶעמָאלְס נָאךְ גָאר אַ קְלֵיינֶער אִינְגְל.

יֶענֶער שָׁבוּעוֹת אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן דִי גְרֶעסְטֶע שָׁבוּעוֹת׳ן, רַבִּי אֱלִיעֶזֶר אִיז דַאן גֶעוָוארְן רָב אִין לוּצִין. עֶר הָאט ״מְמַלֵא מָקוֹם״ גֶעוֶוען זַיין

שְׁוֶוער הָרַב הַגָאוֹן רַבִּי אַהֲרֹן זָעלִיג. דֶער גָאוֹן רַבִּי אֶלִיעֶזֶר אִיז גֶעוֶועזְן אַ אֵיינִיקְל פוּן רַבִּי נַפְתָּלִי לוּצִינֶער אוּן אַ פְּלִימֶענִיק צוּ זַיין שְׁוֶוער רַבִּי אַהֲרֹן־זָעלִיג. עֶר אִיז גֶעוֶועזְן נָאךְ אַ יוּנְגֶערְמַאן אִין יֶענֶע צַייט, אִין דִי דְרַייסִיגֶער יָאהְרְן. הוֹיךְ אוּן שְׁלַאנְק אוּן שֵׁיין מִיטְן חֲסִידִישְׁן בְּרֶען, — וָוארוּם גֶעוֶועזְן אִיז עֶר אַ זוּהן פוּן דֶעם גָאוֹן רַבִּי שַׁבְּתַי, דְרִיסֶער רָב, — וָועלְכֶער אִיז גֶעוֶועזְן אַ זֵייעֶר גְרוֹיסֶער חָסִיד פוּן דִי חֲסִידֵי חַבַּ״ד, אָנְגֶעגוּמֶען אוּן חָשׁוּב אִין דִי הוֹיפְן פוּן לִיוּבַּאווִיטְשֶׁער אוּן לַאדִיעֶר אוּן קַאפּוּסְטֶער רֶבִּיִים, פוּן דֶער שְׁנֵיאוֹרְסָאן־דִינַאסְטִיֶע.

דֶער יוּנְגֶער רָב הָאט דַאמָאלְס גֶעדַארְפְט זָאגְן דֶעם הַדְרָן אוֹיף שַׁ״ס. צוּפֶעלִיג זַיינֶען דַאמָאלְס גֶעוֶועזְן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטָאט צְוֵויי זֵייעֶר חָשׁוּבֶע גֶעסְט: אַ שְׁוָואגֶער פוּן רַבִּי לֵייזֶער׳ן, רַבִּי בִּנְיָמִין אַייזְנְשְׁטַאדְט פוּן אוּטְיָאן, אַ זוּהן פוּן בֶּערִיהמְטְן גָאוֹן רַבִּי הִירְשׁ אַייזְנְשְׁטַאדְט, דֶער ״פִּתְחֵי־תְּשׁוּבָה״, אוּן אַ אֵיידֶעם פוּן רַבִּי אַהֲרֹן זָעלִיג. — אוּן מַיין טַאטְנְס אַ בְּרוּדֶער רַבִּי יַעֲקֹב, דֶער פָּאלָאצְקֶער דַיָין, וָועלְכֶער אִיז גֶעוֶועזְן אַרוֹיסְגֶערוּפְן קֵיין פֶּעטֶערְבּוּרְג אוֹיף אַ בּוֹרְרוּת צְווִישְׁן צְוֵויי גְרוֹיסֶע גְבִירִים אוּן פָאהְרְנְדִיג צוּרִיק

פון פֶּעטֶערְבּוּרְג, זַיינֶען זֵיי אַרַיינְגֶעפָּאהרְן אִין לוּצִין. מַיין טַאטֶע, רַבִּי מֹשֶׁה בֶּער פּוּנְקְט ווִי מַיין פֶּעטֶער רַבִּי יַעֲקֹב, זַיינֶען גֶעוֶוען אִידְן לוֹמְדִים און נָאךְ גְרֶעסֶערֶע יִרְאֵי שָׁמַיִם.

עֶרֶב יום טוב זִיצְט דֶער טַאטֶע מִיט זַיין גַאסְט דֶעם בְּרוּדֶער און שְׁמוּעֶסְן און אִיךְ לוֹיף אַרַיין מִיט אַ גֶעוֵויין: — די מַאמֶע ווִיל מִיר נִישְׁט קוֹיפְן קֵיין הִיטֶעלֶע אויף יום טוֹב. און אַ טַעֲנָה הָאב אִיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע: מֶען הָאט מִיר צוּגֶעזָאגְט אַז וֶוען אִיךְ וֶועל אָנְהוֹיבְּן רַשִׁ״י, וֶועט מֶען מִיר קוֹיפְן אַ נַייעֶ הִיטֶעלֶע, און אָט לֶערְן אִיךְ שׁוֹין אַ גַאנְצְן ווִינְטֶער רַשִׁ״י און וֶועל שׁוֹין בַּאלְד אָנְהוֹיבְּן גְמָרָא און מֶען קוֹיפְט נִישְׁט!

— אוֹיב עֶר קֶען טַאקֶע די רַשִׁ״י — רוּפְט זִיךְ אָן דֶער גַאסְט — קוּמְט אִיהם טַאקֶע דָאס צוּגֶעזָאגְטֶע.

און תּוֹךְ כְּדֵי דִבּוּר גֵייט עֶר צוּ צוּם סְפָרִים אַלְמֶער, נֶעמְט אַרוֹיס אַ חוּמָשׁ, מִישְׁט מִיר אויף דִי רַשִׁ״י: ״מַה נִשְׁתַּנּוּ דֶלֶת וּמְזוּזָה״ און הֵייסְט מִיר זָאגְן...

מִיט גֶעזַאנְג אוּן מִיטְן קְנַאק אוּן פִינְגֶער־דְרֵיי זָאג אִיךְ אָפּ דֶעם פָּסוּק אוֹיסְנֶווייְנִיג.

אִיךְ קוּק אוֹיפְן פֶּעטֶער אוּן זֶעה, אַז עֶר אִיז צוּפְרִידְן. גִיבּ אִיךְ אִיהם אַ זָאג:

— גְמָרָא קֶען אִיךְ אוֹיךְ! דֶער טַאטֶע הָאט מִיט מִיר גֶעלֶערְנְט!

דֶער פֶּעטֶער גִיט אוֹיף אִיהם אַ קוּק מִיט פָּארְוואוּרְף.

— עֶט — מַאכְט דֶער טַאטֶע — אִיךְ מַאטֶער אִיהם נִישְׁט. נָאר גְלַאט אַזוֹי, הָאבּ אִיךְ אִיהם דִי מִשְׁנָה אוּן דֶעם עָמוּד אַזוֹי שְׁפִּילְנְדִיג גֶעלֶערְנְט פוּן...

— שְׁנַיִם רָצִים וְאֶחָד מְהַלֵּךְ — כַאפּ אִיךְ אוּנְטֶער דֶעם טַאטְנְס רֵייד אוּן לָאז זִיךְ זָאגְן אוֹיסְנֶווייְנִיג דִי מִשְׁנָה, דִי גְמָרָא...

דֶער פֶּעטֶער נֶעמְט אַרוֹיס אַ זִילְבֶּערְנֶע מַטְבֵּעַ אוּן דֶערְלַאנְגְט מִיר אוּן זָאגְט:

— גֵיי צוּ דֶער מַאמֶען, גִיבּ אִיהר דִי גֶעלְד אוּן

זָאל די קויפְן אַ שֵׁיינֶע הִיטֶעלֶע פַאר דַיין שֵׁיינֶע קֶעפֶּעלֶע...

אִיךְ בִּין אוֹיפְן זִיבֶּעטְן הִימְל!

און דֶער פֶּעטֶער נֶעמְט מִיר אוֹיךְ צוּם סִיוּם!

אַ גְרוֹיסֶער־גְרוֹיסֶער עוֹלָם. קֶעפּ אוֹיף קֶעפּ, — דוּרְךְ די פֶענְסְטֶער זֶעהֶען זִיךְ פֶערְגְרִינְטֶע און צוּבְּלִיטֶע יוּנְגֶע בֶּערְיֶעזְקֶעס, און צֶערֶעמְבֶּער בְּלוּמֶעלֶעךְ. די זוּן שִׁיט מִיט גָאלְד, — עֶס אִיז פְרֵיילַאךְ. מֶען טְרָאגְט גֶערִיכְטְן, וַויינֶען, שְׁנַאפְּסְן, מֶען עֶסְט, מֶען טְרִינְקְט, מֶען זִינְגְט...

אִיךְ זִיץ נֶעבְּן מַיין טַאטְן און מַיין פֶּעטֶער, נָתָנ'עֶן. אוֹיבְן אָן זִיצְט רַבִּי לֵייזֶער, רַבִּי בִּנְיָמִין, און דֶער פֶּעטֶער רַבִּי יַעֲקֹב. אַלֶע זִיצְן אַרוּם די לַאנְגֶע טִישְׁן, נָאר גָאר אַ גְרוֹיסֶער עוֹלָם שְׁטֵייט — מֶען הַאלְט טֶעלֶערְס אִין די הֶענְד און מֶען עֶסְט שְׁטֵייעֶנְדִיג.

אָט הָאט מֶען אָפְּגֶעגֶעסְן אֵיין גֶערִיכְט און רַבִּי לֵייזֶער זָאגְט דֶעם הַדְרָן. וָואס עֶר זָאגְט פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט — נָאר אִין דֶעם גְרוֹיסְן זַאל אִיז שְׁטִיל־

שְׁטִיל... עֶר זָאגְט רוּהִיג, הוֹיךְ, שֵׁיין, — אִיךְ קֶען זִיךְ פוּן אִיהם נִישְׁט אָפְּקוּקְן. וויפל עֶס הָאט גֶענוּמֶען דֶער זָאגְן גֶעדֵיינְק אִיךְ נִישְׁט, אִיךְ גֶעדֵיינְק אָבֶער דֶעם טוּמְל אוּן דֶעם רַעַשׁ נָאכְן זָאגְן. קוּשְׁיוֹת, סְבָרוֹת, אָפְּפְרֶעגֶענִישׁ פוּן אַלֶע זַייטְן — אוּן רַבִּי לֵייזֶער עֶנְטְפֶערְט אָפּ, וַוייזְט אוֹיף מִיט רְאָיוֹת פוּן תְּשׁוּבוֹת, מִיט מָאדְנֶע נֶעמֶען... אוּן דֶער מַהֲרַ״ם, מַהֲרְשָׁ״א, נוֹדָע־בִּיְהוּדָה אוּן צְלַ״ח פְלִיהֶען, ווִי דִי פֵייגְלַאךְ אִין דֶער לוּפְטְן. אוּן אָט אִיז שְׁטִיל, — דִי חֲסִידִים זִינְגֶען דֶעם רֶבִּינְס נִיגוּן...

אַלֶע זִינְגֶען מִיט אוּן עֶס טְרָאגְט זִיךְ אַ הֵיילִיגֶע זִיסֶע דְבֵקוּת, עֶס טְרָאגְט זִיךְ... אוּן דִי בּוֹימֶעלַאךְ דוּרְךְ דִי אָפֶענֶע פֶענְסְטֶער שָׁאקְלֶען זִיךְ אוּן פַארְשְׁמֶעקְן דִי שָׁבוּעוֹת־לוּפְט, דֶעם זִיסְן יוֹם טוֹב!

אֵיינֶער זָאגְט עֶפֶּעס וֶועגְן קַבָּלַת־הַתּוֹרָה.

אַלֶע הָארְכְן... פְּלוּצְלוּנְג גִיט אַ שְׁפְּרוּנְג אַרוֹיס רַבִּי קַלְמָן: ״אִיךְ בִּין נִישְׁט מְרוּצֶה״, — אַ אִיד וֶועלְכֶער וואוֹינְט אִין אַ קְרֶעטְשְׁמֶע וַוייט פוּן שְׁטָאט נָאר זַייעֶר אַ גְרוֹיסֶער לַמְדָן אוּן אַ חָרִיף, — לֶערְנְט שַׁ״ס ״מִיטְן עוֹלָם״ פַאר זִיךְ אוּן קוּמְט אַלֶע

מָאל צום גְרויסְן סִיום — און רופְן רופְּט מֶען איהם, "נִישְׁט מְרוּצָה", וַוייל זַיין טֶבַע אִיז, אַז אֵיינֶער זָאגְט עֶפֶּעס אַ תּוֹרָה — שְׁרַייט עֶר: און אִיךְ בִּין נִישְׁט מְרוּצָה, און פְרֶעגְט גְלַייךְ אָפּ — און רַבִּי קַלְמָן גִיט אַ גֶעשְׁרֵיי קֶערְנְדִיג זִיךְ צוּ דִי רַבָּנִים:

— רַבּוֹתַי, אִיךְ בִּין נִישְׁט מְרוּצָה פון דִי עֲשֶׂרֶת הַדִּבְּרוֹת!...

אַלֶע קוּקְן אוֹיף אִיהם... אִיז עֶר, שׂוֹנְאֵי יִשְׂרָאֵל, פון דַעַת אַרוּנְטֶער?... עֶר אָבֶער הִיצְט זִיךְ מִיט דִי הֶענְט און מִיט דִי בְּרֶענֶענְדִיגֶע שְׁוַוארְצֶע אוֹיגְן שְׁרַייט:

— פַאר וֶועמֶען הָאט דֶער כַּבְיָכוֹל גֶעגֶעבְּן אַזוֹינֶע "דִבְּרוֹת" ווי לֹא תִּרְצַח, לֹא תִּגְנֹב, לֹא תִּנְאָף, לֹא תַחְמֹד?... צוּ וֶועמֶען? צוּ יִשְׂרָאֵל! צום עַם־קָדוֹשׁ? רַבּוֹתַי, אִיךְ בִּין נִישְׁט מְרוּצָה!...

אַלֶע שְׁטֵייעֶן פַּארְלוֹירְן... רַבִּי לֵייזֶער דֶער חָרִיף, רַבִּי בִּנְיָמִין און נָאךְ גְדוֹלֵי הַתּוֹרָה, וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעזֶעסְן, זִיצְן פַּארְלוֹירְן. — מֶען הָאט נִישְׁט וָואס צוּ עֶנְטְפֶערְן, — און אָט... שְׁטִיל הוֹיבְּט זִיךְ

אויף דֶער אַלְטֶער רַבִּי יַעֲקֹב פון פָּאלַאצְק, אַ אִיד, אַ זָקֵן, אַ חַלָשׁ אָבֶער מִיט אַזוינֶע קְלוּגֶע אויגְן, מִיט אַ פְרֵיילִיכְן זִיסְן שְׁמֵייכְל, אַ זִילְבֶּערְנֶעם, צוּלֵייגְט זִיךְ אויף זַיין שֵׁיינֶע וַוייסֶע בָּארְד, און עֶר זָאגְט:

— זֶעהט אִיהר, יוּנְגֶערְמַאן. כְּדֵי עֶס זָאל אַרויסְקוּמֶען אַזוינֶע נִישְׁט פָּשׁוּטֶע אִידְן, מִיט אֵיידֶעלֶע מִדוֹת, וִוי אִיהר זַייט, הָאט אוּנְז דֶער בּוֹרֵא פַארְזָארְגְט אַזוינֶע פָּשׁוּטֶע וֶוערְטֶער, דֶערְפַאר טַאקֶע...

רַבִּי קַלְמָנְס פָּנִים בַּאגִיסְט זִיךְ אַזוי, וִוי מִיט גָאלְד, — שְׁטִיל אָן וֶוערְטֶער זֶעצְט עֶר זִיךְ אויף זַיין אָרְט. — דֶער עוֹלָם שֶׁעפְּשֶׁעט: אַ פִּקֵחַ... אַ פִּקֵחַ אִיז דֶער אַלְטֶער רַבִּי יַעֲקֹב...

דִי סַארְוֶועֶרְס טְרָאגְן שִׁיסְלֶען מִיט בְּלִינְצֶעס און פְלֶעשֶׁער שְׁנַאפְּס און וַויין — דֶער עוֹלָם עֶסְט, רֶעדְט, און מֶען אִיז זֵייעֶר אויפְגֶעלֵייגְט.

— יָבוֹא חִדוּדוֹ לְבֵית־דִין! — גִיט אַ גֶעשְׁרֵיי חַיִים זִיסְקֶע־בָּרוּךְ׳ס, אַ אִיד אַ חָרִיף און אַ בָּקִי בְּשַׁ״ס — און מֵיינֶען מֵיינְט עֶס: אַז רַבִּי אֱלִיעֶזֶר, דֶער רָב, בִּכְבוֹדוֹ וּבְעַצְמוֹ, זָאל גֵיין טַאנְצְן אַ

"דודו" — נאָר נישט וועלנדיג באַלייידיגן די חשובֿע געסט רבי בנימין און רבי יעקבֿ'ן — רופט ער אויס בלשון רבים: לבית־דין...!

רבי לייזער שטעלט זיך אַוועק, — מען מאַכט אַ וואַרע, מען רוקט אָפּ די טישן, די שטולן... רבי לייזער וואַרפט אויף זיך אַרויף זיין לאַנגע אַטלאַסענע בעקישע איין ברעג ביזן סאַמע ערד, און איין ברעג עטוואָס אויפגעהויבן — דוכט זיך אַ גרויסער־גרויסער פויגל גרייט זיך טהון אַ פליה...

עס ווערט שטיל. פון ביידע זייטן שטייען מענטשן, קעפּ אויף קעפּ, מען שטעלט זיך אויף די שטולן, אויף די טישן.

עטליכע יונגעלייט, מיט שיינע שטימעס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויף דעם טיש, און גענומען זינגען שטיל, — רוהיג, ציהענדיג די ווערטער רבונו של עולם:

רבו־נו של עו־לם,

רבו־נו של עו־לם!

אִיךְ וֶועל דִיר אַ דוּ־דוּ זִינְגֶען.

דוּ־דוּ־דוּ און ווִידֶער דוּ!

אָ־נָה אֶמְ־צָּאֶךָ וְאָנָה לֹא אֶ־מְ־צָ־אֶךָ? —

רַבִּי לֵייזֶער שְׁטֵייט אָנְגֶעשְׁטְרֵיינְגְט, ווִי אַ פוֹיגְל פַארְן פְלִיהֶען, זַיינֶע אוֹיגְן הַאלְב צוּגֶעמַאכְט, זַיינֶע הֶענְט אוּנְטֶערְן בֶּעקִישֶׁע, דִי פִּיס זֶעהֶען זִיךְ נִישְׁט, זַיין שְׁוַוארְצֶע בָּארְד פְלַאטֶערְט — און דִי יוּנְגֶע לַייט זִינְגֶען:

אַז, — מַעֲלָה — דוּ,

מַטָה — דוּ,

מִזְרָח — דוּ,

מַעֲרָב — דוּ,

צָפוֹן — דוּ,

דָרוֹם — דוּ,

דוּ — דוּ — דוּ און דוּ!...

רַבִּי לֵייזֶער פְלִיהט... מַמָשׁ — עֶר פְלִיהט...

עֶר זֶעהט נִישְׁט, עֶר הֶערְט נִישְׁט, — עֶר פְלִיהט...

דֶער עוֹלָם שְׁטֵייט פַארְגַאפְּט און די יוּנְגֶע לַייט זִינְגֶען שְׁטִיל... צִיהֶען, צִיהֶען די וֶוערְטֶער און רַבִּי לֵייזֶער פְלַאטֶערְט. צִיטֶערְט אוֹיף אֵיין אָרְט, בַּאוֶועגְט. ווִי אַ גְרוֹיסֶער בּוֹים מִיט בְּלֶעטֶער, וֶוען אַ שְׁטַארְק־שַׁארְף ווִינְטְל פְלִיהט אִיהם דוּרְךְ. —

אִיז אֵיימִיצְן גוּט — אִיז דוּ!

חָ־לִי־לָה — שְׁלֶעכְט, אִיז דוּ!

אוֹיבְן — דוּ,

אוּנְטְן — דוּ,

מִזְרַח — דוּ,

מַעֲרָב — דוּ,

צָפוֹן — דוּ,

דָרוֹם — דוּ,

דוּ — דוּ — דוּ!...

און פְלוּצְלוּנְג...

פון דֶעם עוֹלָם כַאפְּט זִיךְ אַרוֹיס אַ קְלֵיין מָאגֶער, דַאר ווִי אַ שְׁפֶּענְדְל, אַ שְׁפִּיצִיג-בְּלָאנְד אִידְל, אַ פוֹיגְל, אַ קְלֵיינְס, אַ הָאפֶּערְדִיגְס — הוֹיךְ הַאלְט עֶר פַארְרִיסְן דָאס קֶעפְּל, אַ אַלְט-גֶעל-גְרִין מְכָלוֹמֶרְשְׁט, בֶּעקִישֶׁע אַרוֹיף גֶעוָוארְפְן, שְׁטֶעלְט זִיךְ קֶעגְנְאִיבֶּער רַבִּי אֱלִיעֶזֶר'ן אוּן נֶעמְט הִילְכִיג זִינְגֶען אוּן שְׁפְּרִינְגְט, ווִי אַ פוֹיגְל — אַנְטְקֶעגְן דֶעם רָב שְׁנֶעל, פְּלִינְק, — פְּלִיהט!...

קָאס עֶס?

קָאס, טוּ?

יַאקָאבְּס דָאלְס.

עֶס עֶן טוּ!...

(עֶס מֵיינְט אוֹיף לַאטְוִויש: וֶוער בִּין אִיךְ וֶוער בִּיזְטוּ? יַעֲקֹב'ס אַ זוּהן בִּין אִיךְ אוּן דוּ).

בְּרָכוֹת — דוּ,

חוּלִין — דוּ,

יְרוּשַׁלְמִי — דוּ,

טוֹרִים — דוּ,

סִפְרִי — דוּ,

מְכִילְתָא — דוּ,

גַאנְץ שַ״ס — דוּ,

דוּ — דוּ — דוּ!

קָאס עֶס? קָאס טוּ?

תְּהִלִים — אִיךְ, תְּהִלִים — דוּ,

מַה טוֹבוּ — אִיךְ, מַה טוֹבוּ — דוּ,

אַשְׁרֵי אִיךְ, אַשְׁרֵי — דוּ,

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אִיךְ, שְׁמַע יִשְׂרָאֵל דוּ.

דוּ — דוּ — דוּ!

יַאקָאבְּס דָאלְס עֶס עֶן דוּ, —

עֶס עֶן דוּ!

עֶס עֶן דוּ!

עֶס עֶן דוּ!

דֶער עוֹלָם אִיז צוּפְלַאמְט... אַלֶעמֶענְס צוּרוֹת בְּרֶענֶען, אוֹיגְן גְלַאנְצְן — פְּלִיהְט אַ אָדְלֶער, פְּלִיהְט אַ פוֹיגֶעלֶע...

רַבִּי לֵייזֶער כַאפְּט דָאס אִידֶל, נֶעמְט אִיהם אַרוּם און גֵייט מִיט אִיהם אַ פְּלֶעכְטְל און בֵּיידֶע — צְוֵויי פְּלַאמֶען זִינְגֶען, פְּלִיהֶען, זִינְגֶען, צִיהֶען עֶרְגֶעץ וַוייט... וַוייט אִין דִי הוֹיכֶע גָאר הוֹיכֶע הוֹיכֶע: —

תְּהִלִים אִיךְ — תְּהִלִים דוּ,

מַה טוֹבוּ אִיךְ — מַה טוֹבוּ דוּ,

אַשְׁרֵי אִיךְ — אַשְׁרֵי דוּ,

שְׁמַע יִשְׂרָאֵל אִיךְ, — שְׁמַע יִשְׂרָאֵל דוּ.

און אָט זַיי צוּטֵיילְן זִיךְ און יֶעדֶער טַאנְצְט פַאר זִיךְ און זִינְגְט:

אַ רָב — דוּ,

אַ לַמְדָן — דוּ,

אַ יַחְסָן — דו,

אַ חָכָם — דו.

און וָואס בִּין אִיךְ? דו — דו — דו!

אַ איִד בִּיזְטוּ,

אַ כָּשֵׁר — דו,

אַ יָשָׁר — דו,

אַ בְּרוּדֶער — דו!...

דו — דו — דו!

און דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם טַאנְצְט אוֹיפְן אָרְט, זִינְגְט, קְלַאפְּט און פַּאטְשְׁט מִיט דִי הֶענְט און רוֹישְׁט און הוּדְזְשֶׁעט ווי אִין אַ וַואלְד אִין אַ גְרוֹיסְן־גְרוֹיסְן שְׁטוּרֶעם:

דו — און — דו — אוֹ — דו — אוֹ!

און אִיךְ גִיב אַ קוּק, עֶרְשְׁט: דֶער טַאטֶע הַאלְט מִיר אוֹיפְן הַאנְט און שְׁטֵייט אִין אַ פְלֶעכְטְל מִיט זַיינֶע צְוֵויי זְקֵנִים בְּרִידֶער רַבִּי נָתָן און רַבִּי יַעֲקֹב׳ן און הָאפֶּען אֵיינֶער קֶעגְן אַנְדֶערְן און זִינְגֶען

פַארְדֶבֶקָה'ט שְׁטִיל, כִּמְעַט סוֹדוֹת'דִיג:

קָאס עֶס, קָאס טוּ?

יַאקָאבְּס דָאלְס עֶס עֶן טוּ!

דוּ — דוּ — דוּ...

און בַּאגִיסְן זִיךְ מִיט טְרֶערְן, —

אָט אַזוֹי הָאבְּן דִי אִידְן פוּן שְׁטָאט גֶעפַייעֶרְט דֶעם סִיוּם הַשַּ"ס אֵיין מָאל אִין זִיבְּן יָאהר. אַלֶע, דִי גַאנְצֶע שְׁטָאט, אָן אוֹיסְנַאהם הָאבְּן זִיךְ בֶּעטֵיילִיגְט אִין דֶעם סִיוּם, וַוייל טַאקֶע אַלֶע אָן אוֹיסְנַאהם הָאבְּן טַאקֶע גֶעמַאכְט דֶעם סִיוּם. זֵיי הָאבְּן גֶעלֶערְנְט, יֶעדֶערֶער אִין זַיין חֶבְרָה, טָאג טֶעגְלִיךְ דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, און גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שַ"ס.

און דֶערִיבֶּער הָאבְּן זֵיי זִיךְ טַאקֶע גֶעפִיהלְט ווִי דִי אֶמֶתֶע מְחוּתָּנִים צוּם סִיוּם. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שִׂמְחָה, זֵייעֶר גְרֶעסְטֶער פְרֵייד פוּן לֶעבְּן.

און נָאךְ דֶעם זֶעלְבְּן טָאג, הָאט דֶער רָב פַאר דֶעם גַאנְצְן עוֹלָם, בַּאלְד נָאכְן סִיוּם און בֶּענְטְשְׁן פָארְגֶעלֶערְנְט דֶעם עֶרְשְׁטְן בְּלַאט אִין דֶער מַסֶכֶת

בְּרָכוֹת. אַלֶע הָאבְּן גֶעעֶנְדִיגְט דֶעם שַ״ס צוּזַאמֶען און צוּזַאמֶען אִיהם אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן.

אָט דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי אֶמֶתֶע קַבָּלַת הַתּוֹרָה וָואס מֶען הָאט מְקַבֵּל גֶעוֶוען, דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ סִיוּם הַשַ״ס וִוי אוֹיךְ אַ הַתְחָלַת הַשַ״ס.

פִיהל יָאהרְן זַיינֶען שוֹין אַרִיבֶּער פוּן יֶענֶע צַייט, אָבֶער וִוי לֶעבֶּעדִיג עֶס שְׁטֵייט מִיר נָאךְ פַאר דִי אוֹיגְן דִי שִׂמְחַת הַתּוֹרָה וָואס הָאט אַלֶעמֶען אַרוּמְגֶענוּמֶען אִין יֶענֶעם שָׁבוּעוֹת. דִי פְרֵייד און דִי טֶענְץ פוּהל מִיט עֶקְסְטַאז, זַייעֶנְדִיג גְלִיקְלִיךְ דָאס מֶען אִיז אַ אִיד און מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.